STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03987

NOKHN SAKHAKL, DRAY

Meir Charatz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר מוטל הער
פֿון מאַיר
הערצליך געווידמעט.

מאיר חרץ

נאָכן סך-הכל — דריַי
(לידערזאַמלונג)

*

אַ ביסל פּראָזע

*

סענטענצן

*

אויף מיַין חשבון

מאיר חרץ

אחרי הסך הכל — שלושה

(קובץ שירים)

*

קצת פרוזה

*

סנטנציות

*

על חשבוני

MEIR CHARATZ

NOCHN SACH-HAKL — DRAI

(LIDERZAMLUNG)

*

A BISL PROZA

*

SENTENTSN

*

OIF MAIN CHESCHBN

הילע און שער-בלאַט — איזיו שערף

©

כל הזכויות שמורות

דפוס צור-אות, ירושלים

פֿאַרלאַג "אייגנס" ירושלים
תשנ"ב — 1992

דער דאָזיקער באַנד באַשטייט פֿון פֿיר טיילן:

1. ״נאָכן סך-הכּל — דרײַ״. דאָס הייסט די דריטע זאַמלונג לידער נאָך מײַן סך-הכּל-בוך ״געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס״.

2. ״אַ ביסל פּראָזע״. אַ קליינער אָפּקלײַב פֿון מײַנע פּראָזע-זאַכן — קורצע קריטישע אַפּרופֿן, פּעליעטאָנען, רעדעס, דערציילונגען, זכרונות, פֿאַרצייכענונגען צעוואָרפֿענע איבער פֿאַרשידענע צײַטשריפֿטן אין משך פֿון יאָרן. אַ באַזונדערע פֿולע זאַמלונג אין איין גרעסערן באַנד אָדער אין צוויי בענדער האָב איך שוין לאַנג געזאָלט אַרויסגעבן. נו, האָב איך געזאָלט.

3. ״סענטענצן״. עטלעכע אָפּנויגן אין מיטן מײַן שרײַבן און

4. ״אויף מײַן חשבון״. אין דאָזיקן טייל פֿון בוך קומט אַרײַן אויך אַ קליינער אָפּקלײַב פֿון דעם, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן אויף... מײַן חשבון און ווערט אויך אַרויסגעגעבן ווי מײַנע אייגענע זאַכן דאָ אויף מײַן אייגענעם חשבון.

פֿאַרשטייט זיך, ווי שוין געזאָגט, אַ קליינער אָפּקליב און נישט אַלץ, וואָס מע האָט געשריבן — אַזאַ בײַטל האָב איך נישט. פֿון די איבער 60 אָפּשאַצונגען, אַפּרופֿן, רעצענזיעס וועגן מײַן ליד ברענג איך דאָ נאָר אַ 20. אויך פֿון יענע מחברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן מיר 2 מאָל, 3 מאָל, 4, 5, 6 און 7 מאָל ברענג איך נאָר צו איין אַרבעט און, לײַדער, נישט פֿון אַלע מחברים. פֿון איבער 40 מאָל, וואָס מײַן דיכטונג ווערט דערמאָנט צווישן אַנדערע, האָב איך דאָ אַרײַנגענומען נאָר 2. דאָס איז הערש סעגאַלס אַן אַרבעט ״יונג-יידישע דיכטונג אין רומעניע״ אין ״טשערנאָוויצער בלעטער״ סוף 1937 און איז בכלל דאָס ערשטע וואָרט וועגן מײַן דיכטונג און דאָס צווייטע מאָל איז אַ באַריכט אין ״ישראל-שטימע״ (1976) — ״ש. רויטמאַן און מ. חרץ — יובֿילאַרן״ צום אונדזער באַקומען סוף 1975 די ניו-יאָרקער אַטראַן-פּרעמיע.

אויב עמעצער וועט האָבן צו מיר אַ טענה: סטײַטש, אין איינער פֿון אײַערע סענטענצן ווערט געזאָגט, אַז ״אַ שרײַבער איז נישט דאָס, וואָס מע שרײַבט וועגן אים, נאָר דאָס, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן״ און דאָ נעמט איר זיך אַרויס פֿונעם כּלל. איז מײַן ענטפֿער: ערשטנס ברענג איך דאָס וואָס איך אַליין האָב אָנגעשריבן אין די ערשטע דרײַ טיילן, פֿריער, כּדי די פֿרעמדע מיינונגען זאָלן נישט צעשטערן אײַערע ערשטע אײַנדרוקן בײַם לייענען, צווייטנס ברענג איך דאָס, וואָס אַנדערע שרײַבן, בײַם סוף און איר האָט אַ ברירה.

מ א י ר ח ר ץ

אינהאַלט

נאָכן סך-הכל — דרײַ

1. צווישן שפּיגלען

ס'איז צײַט 11
אַ שיכור האָט פאַרמשכונט 12
אויף אַ וואַנט 13
די וועלט וועפּט זיך אויס 13
איך קוק אַרויף 14
אַ שפּיל מיט אַ שפּיגל 14
צווישן שפּיגלען 15
ווען אַ קרומער שפּיגלט זיך 17
וועגן זיך 17
שטענדיק 18
בין אַ מאָל געווען 18
דער זאַל איז פינצטער און ליידיק 19
אַ גוטה סיבה 20
מיר שלעפּט 20
מיט די לעצטע כוחות 21
בײַם טיש 22
שענק מיר 22
דאָס גאַנצע חומש אויף איין פוס 12
יעדע שפּראַך 24
כ'שרײַב די לידער מײַנע אין אַ יונגער שפּראַך 24
מע וועט אַ מאָל 25
מע האָט געזאָגט 26
נישט קיין מיילעכטע 27
פון וואַנען קומען די נאַרישקייטן ? 27
מיר, די גראַפאָמאַנען 28
מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן 28
איך לעב פּאַוואָליע, לעב איך 29
אַ שפּראַך דאַרף האָבן 30

2. די וועלט איז פול

זאָט מיט יאָרן 31
דײַן שיסן 31
בײַם שענסטן ליד דײַנעם געדענק 32
פונעם ברויט אויפן טיש 33
נישט אויסזאָגן פון חדר 34
אין אַ שעה פון קלאָרן זין 35
אַ ליד, וואָס מאַלטינסקי האָט נישט באַוויזן אָנצושרײַבן 35
אַ שטעקן האָט צוויי עקן 36
און דו וועסט 37
אין ריזיקן בויך פון דער פינצטערניש 38
כ'באַהאַלט זיך נישט 38
צו גאַסט 39
דײַן מאַכט 40
ענטוזיאַסטן 40
ימח שמו 41
נישט ווי געוועזן איז דאָרט 41
צײַט-ליד 43
אַ בריק 43
רוסישע עליה 44
אַן עצה 45
די ייִדישע קאַרטע 45
מאַך מיר נישט קיין אַ̇יִן פון אַ יש 42
די וועלט איז פול 48
אינעם גרויסן טאָג פונעם נצחון 48
די גאַנצע וועלט לאַכט 49
דײַנע געגראַמטע געדאַנקען 50
קאָלאָריט 50
מײַן גורל 51
בין בכלל נישט 52
איך בין געשטאָרבן 53

3. נישט פאַרשריבן

נישט פאַרשריבן 54
זײַן צי נישט זײַן 54
וואָס זשע מיינט איר 55
ווי אַ זייגער 56
בין שלעפּעריק 56
מײַן חלום אויף דער וואָר 57
זעץ זיך אַראָפּ 58
זונטיק, פרײַטיק, דינסטיק 58
ווער איך שוואַך 59
וויפל שוועלן 60
ווען די וועלט 61
בין נישט נאָכגעגאַנגען קיינעם 61
אחרי מות 63
ווידער וועגן זיך 63
באַרימערײַ 64
וואָס נאָך האָט ביז הײַנט נישט געחלומט זיך מיר 65

האַלט מיך אויף 66
מיר באַזיגטע 66
מיר זענען פֿאַרמישפּט 67
מיר שטאַרבן נישט 67
נישט גוט פֿון יאָר צו יאָר 68
סע וועט מיר מײַן זכרון 69
מעמענטאָ מאָרי 70
פֿון גרענעץ צו גרענעץ 70
פֿון די נאַרישע חלומות 71
שטיינדיק 71
מיטן פּנים צום ווינט 72
דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ 72

4. הבֿל הבֿלים, נאָר נישט דער חלום

איז דער אמת אַלט און קראַנק געוואָרן 74
די נעמען 75
פֿון אַלע פֿאַרלוירענע שיינקייטן 76
פֿון אײַלעניש 76
פּירות אויפֿן מאַרק 77
סע ברענט דאָס לעצטע ביסל נאָפֿט 78
ס'האָט יעדער בירגער רעכט 79
ס'איז אונדזער גליק 79
איר זאָגט 80
כ'האָב הונדערטער פּאָרטרעטן 81
זײַן איינציקע תּפֿילה 81
ווען נישט דער חלום 82
און קומען וועט אַ צײַט 83
דער חלף (משלימדיק) 84
די רייפֿן פֿון צווייפֿל 84
די מידקייט 85
די צײַט 85
און — — — — 86
אַ גאַסט אויף אַ ווײַל 87
דער אַלטער שערער 88
איך וואָלט געוואָלט 89
איר מעגט מיך שמײַסן 90
הבל הבלים, נאָר נישט דער חלום 91
דאָרט 92
איך האָב פֿון פּאָר אַ יאָרן 92
אַ חתונה אין שטעטל 93
כ'געדענק נישט 94
איבער זיבן הימלען 95
סע פֿאַלט אַ מאָל 95
** ווען כ'האָב אין טשערנאָוויץ 96
צי וועט איר? 96
שייל אַרויס 96

אַ ביסל פּראָזע

אַ שמועס וועגן דיכטונג און וועגן דיכטערס 99
אַ וואָרט וועגן זיך 102
צוויי 104
פֿעליעטאָן וועגן ליטעראַטור 106
דרײַ ברידער 108
איציק שוואַרץ 112
וועגן הערש סעגאַל (צו די שלושים) 116
וועגן הערש-לייב קאַזשבער 118
די איבערראַשונג פֿון משה יונגמאַן 121
רעדע געהאַלטן בײַם באַקומען די פֿיכמאַן-פּרעמיע 123
מײַן וואָרט בײַם באַקומען די מאַנגער-פּרעמיע 125
אין שטענדיקער עקספּעדיציע 128
שלמה רויטמאַן, סאָנעטן 131
וועגן קלמן סעגאַלס "ווו די שמעטערלינגען שוועבן" 132
וועגן בוך "ברײַנדעלעס קינדער-יאָרן" 133
טיי מיט סמאַראַגדינאַ 135
פֿון מײַן נאָטיץ-ביכל 137
צוויי פֿאַלן 144
יאָסיף איליטש 146
פּרץ-מאיר 153
טביה 156
מײַן עלטערזיידע זוסיע 158

סענטענצן

סענטענצן 161

אויף מײַן חשבון

הערש סעגאַל / יונג ייִדישע דיכטונג אין רומעניע 175
יעקב שטערנבערג / באַגריסונג 178
יאָסל לערנער / אַ ליטעראַרער קוואַל 180
ישראל עמיאָט / האָט זיך גאַרנישט געענדערט? 188
יעקב גלאַטשטיין / באַמערקונגען 193
יוסף קערלער / דער סאָוועטיש-ייִדישער דיכטער מאיר חרץ 196

מלך ראַוויטש / אַן אייביק פֿאַר-בענקטער פּאָעט 200

דוד ספֿאַרד / די דיכטונג פֿון מאיר חרץ 203

ש. רויטמאַן און מ. חרץ — יובילאַרן 207

אליהו ליפּינער / אליעזר שטיינבאַרג צווישן די שטערן אויפֿן הימל 209

יצחק קאַהאַן / "שטערן אויפֿן הימל" אַ פֿאַרנעמיקע לידערזאַמלונג 213

יוסף אַקרוטני / שטערן אויפֿן הימל פֿון מאיר חרץ 222

זלמן שלאָסער / דאָס פּיפּטע ראָד 228

"מיט די פּשוטסטע ווערטער" פֿון מאָטל סאַקציער 232

אליהו שולמאַן / לידער און פּאָעמע פֿון מאיר חרץ 236

י. קאַראָ / מדרש מאיר 241

מ. אַליצקי / אַ דיכטערס געקליבענע לידער 245

יוסף פֿרידלענדער / די לידער פֿון מאיר חרץ 249

אפֿרים שעדלעצקי / דאָס נײַע פּאָעזיע-בוך פֿון מאיר חרץ 250

יצחק לודען / "נאָכן סך-הכל — 2, משלים׳דיקע לידער" 255

1. נאָכן סך־הכל־דרײַ

(לידערזאַמלונג)

1. צווישן שפּיגלען

ס׳איז צײַט

ס׳איז צײַט אַ סך-הכּל צו מאַכן
פֿון אַלע די ״נאָכן סך-הכּל״ען,
דעם אויוון דעם הייסן פֿאַרמאַכן
און זאָלן אין אויוון זיך באַקן
די ברויטן און חלות געשמאַקע
צום טיש פֿאַר די געסט צו דערלאַנגען
בײַם הערן מײַנע געזאַנגען.

מײַן ליד איז קיין טאָרט נישט קיין זיסער
אויף נאָך די פֿיש און קאָטלעטן,
מײַן ליד איז אַ בולקע אַ פֿרישע
פֿאַר אַלטמאָדישע פּאָעטן
צו טונקען אין סאָוס פֿון סאָנעטן
אויף טישן פֿאַר געסט צו דערלאַנגען
בײַם אויסהערן מײַנע געזאַנגען.

מײַן ליד איז אַ ראַם אויפֿגעהאַנגען
אַזוי ווי פֿאַרצײַטיקע בילדער
מיט פֿעלדער פֿון ווייצענע זאַנגען,
סע קען זיי זען אויך אַ בלינדער,
סע קענען פֿאַרשטיין זיי אויך קינדער
די בילדער אויפֿגעהאַנגען
איבער מײַן טיש מיט געזאַנגען.

ס׳איז צײַט אַ סך-הכּל צו מאַכן
פֿון אַלע די ״נאָכן סך-הכּל״ען

און זיך אַליין אויסצולאַכן,
ווען מ׳קען עפּעס שענערס נישט מאַכן,
מע טאָר אויף אַ האָר זיך נישט וואַקלען,
ווען מ׳גייט אַ סך־הכּל צו מאַכן
פֿון אַלע די "נאָכן סך־הכּל"ען.

ירושלים, 26סטער אַפּריל, 1991

אַ שיכּור האָט פֿאַרמשכּנט

אַ שיכּור האָט פֿאַרמשכּונט מײַנס אַ לידערבוך בײַם שענקער
פֿאַר פֿינעף גרויסע פֿולע גלעזער ווײַן
און — פֿרעגט נישט בײַ קיין שיכּור, צי געדענקט ער,
צי וועט אַ מאָל דאָס בוך נאָך זען די שײַן.

דער שענקער האָט באַרימט זיך: גלייבט מיר, בנאמנות,
אַז חוץ אין ווײַן פֿאַרשטיי איך נישט קיין וואָרט,
נאָר צווישן זייגערס, צירונג און אַנדערע משכּנות
זאָל וואַלגערן בײַ מיר זיך אויך אַזאַ מין סאָרט.

דער שענקער האָט מיך אומגעזוכט און אָפּגעפֿונען
און מיך געבראַכט צו זיך אין שענק אַרײַן,
דאָס בוך געוויזן און — צי ווילסטו עס באַקומען ?
באַצאָל מיר גלײַך פֿאַר פֿופֿציק גלעזער ווײַן.

דער שענקער איז אַרויס צופֿרידן פֿונעם רווח,
פֿון נאָך איין פֿולע גלאָז דער שיכּור אויך
און איך דערמיט, וואָס כ׳האָב אין שענקער נאָך איין מבֿין,
וואָס ווייסט צו שאַצן דיכטונג הויך־הויך...

ירושלים, 26סטער אַפּריל, 1991

אויף אַ וואַנט

פֿאַר איזיו שערף

אויף אַ וואַנט די אויסגעשטעלטע בילדער
אײַנגעראַמטע, אײַנגעצוימטע, אָפּגערוקטע
איינס פֿון צווייטן אויף דרײַ שמאָלע פֿינגער
שפּיגלען אָפּ זיך אין די אויגן די פֿאַרקוקטע.

שטיי איך אַ פֿאַרבלענדזטער פֿונעם רײַכן פּורים,
כ׳מוז איין אויג פֿאַרזשמורען און פֿאַרמאַכן
און איך זע אַ פֿעסטיוואַל בײַם בבֿל־טורעם,
אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרבן, אַ קאַרנאַוואַל פֿון שפּראַכן.

אַ געדרענג איז אויף דער וואַנט ווי אין גאַסן ווײַטע,
גאַסן וואַרשעווער, קעשענעווער, ריגער,
ריזנבילדער רוקן זיך אַרויס באַצײַטנס
פֿון די ראַמען און זיי פֿלאַטערן ווי פֿאָנען פֿילקאָליריק.

ענג איז זיי געוואָרן אין די פֿינקטלעכבע פֿירעקן,
וואָס אַ פֿרעמדע האַנט האָט צוגעשניטן,
אויף אַ וואַנט אַן אייגענער מעג מען זיך דאָך שטרעקן,
אין אַן אייגן לאַנד מעג מען פֿאָרן זומער אין אַ שליטן,
ווינטער אויסטאָן זיך, נאָר די קליידער דאַרף מען היטן.
זיך, אויף נישט צו דאַרפֿן ..., מאָרגן צוצודעקן.

ירושלים, זונטיק, 16טער יוני, 1991

די וועלט וועפּט זיך אויס

די וועלט וועפּט זיך אויס —
אַפֿילו דער ווײַן פֿון די פֿעסער,
אַפֿילו דער בראָנפֿן פֿון פֿלעשער,
אַפֿילו דער ספּירט אויף שלעסער
אין קעלערן אָדעסער
פֿאַרפּראָבקעוועט ביז די העלדזער,
ביז די קרישטאָלענע נעזער,
וואָס שמעקן נישט צו צו די גלעזער ...

די וועלט וועפּט זיך אויס —
די טײַכן און די ימען
וועפּן זיך אויס צוזאַמען,
דערנאָך די אָקעאַנען,
דערנאָך די וואָלקנס, וואָס שטאַמען
פֿון טײַכן און אָקעאַנען,
דערנאָך די לעצטע טומאַנען
פּינקטלעך לויט די פּראָגראַמען
און סע בלײַבן נאָר די גראַמען.

ירושלים, 22סטער סעפּטעמבער, 1990

איך קוק אַרויף

איך קוק אַרויף און ס׳פֿאַלט מײַן בליק
פֿון הימל מיר אַראָפּ צוריק
און דרייט מײַנע אויגן מיר אַרום.
איין אויג קוקט גלײַך, דאָס צווייטע — קרום
און איך זע אַלץ און אומעטום.

איך קוק אַרויף-אַרויף-אַרויף
און נעם דאָס הימלוואַרג צונויף
אין זעק, אין טאָרבעס און אין טעפּ
און גיי מיט דעם אַראָפּ די טרעפּ
פֿון לייטער ווי פֿון הויכן דאַך
און נעם אַרויס די שענסטע זאַך
און שטעל אַוועק זי בײַ מײַן טיר
און רוף די גאַנצע וועלט צו מיר.

ירושלים, 24סטער יולי, 1991

אַ שפּיל מיט אַ שפּיגל

כ׳האָב הײַנט אַרײַנגעקוקט אין גרויסן שפּיגל,
פֿון דרויסן האָב איך זיך אַליין געזען,

ווי גלײַך איך וואָלט געשטאַנען אויף אַ בריקל
און אונטער מיר אַ טײַכל וואָלט געווען.

נאָר איך האָב, ווי געזאָגט שוין, אינעם שפּיגל
אַרײַנגעקוקט און נישט אַראָפּגעקוקט
און גרויס איז אויך געווען דאָס פֿאַרגעניגן
פֿון מיר, דעם חוצפּהדיקן שרײַבערוק
צו קוקן און צו שרײַבן, ווען איך קוק.

פֿאַראַנען, זאָגט מען, שרײַבערס אמת גרויסע,
וואָס לאָזן זיך פֿון מאָלערס (גרויסע אויך)
צו מאָלן פֿאַר די קומענדיקע דורות —
סע קוקן זייערע בילדער פֿון דער הויך.

כ׳האָב אויך אַ מאָל געמיינט, איך בין פֿון יענע
און מײַנע בילדער אין דער הויכעניש צעשטעלט,
איך קום צו גיין אַ טאָג — ואיננו,
איך בין דאָך נישט קיין טייל פֿון דער באַהעמע,
וואָס קענען שטענדיק טאָן, וואָס זיי געפֿעלט.

כ׳האָב הײַנט אַרײַנגעקוקט אין גרויסן שפּיגל,
פֿון דרויסן האָב איך זיך אַליין געזען.
פֿון זינט איך בין געלעגן אין אַ וויגל
ביז הײַנט צו טאָג, איז נאָך נישט געווען,
אַז איך זאָל זיך אין חלום אַ מאָל זען
און נאָר אין שפּיגל איז דער נס געשען.

ירושלים, 23סטער סעפּטעמבער, 1990 — ד׳ תשרי, תשנ״א

צווישן שפּיגלען

איך שטיי צווישן שפּיגלען צוויי,
וואָס שפּיגלען זיך איינער אין צווייטן.
איך זע זיך אַן פֿאַס, ווי איך שטיי
און אָט איז מײַן פּלייצע די ברייטע.

איך זע זיך אי דאָ, אי דאָרט,
סע שפּיגלט דער דאָ זיך אין דאָרטן.
איך ריר זיך נישט פֿונעם אָרט,
ס׳אַ ספּאָרט פֿון די שווערסטע ספּאָרטן.

צו קוקן אַהער און אַהין
און זען וואָס הינטערן רוקן
און וואָס דערמיט איך געווין ?
— אַ ליד אויף אָפּצודרוקן.

נאָר ס׳לאָזן די שפּיגלען מיך נישט
אַרויס פֿון זייער מיטן,
איך שטיי אין דער מיט ווי צעמישט
און פֿון די שפּיגלען צעשניטן.

דער ערשטער שפּיגל מיך ווײַזט
פֿון צווייטן שפּיגל אַקעגן,
אַ דריטער שפּיגל בײַסט
מיך אָפּ פֿון זײַנעט וועגן.

אַ פֿיפֿטער שפּיגל ווערט
געשפּיגלט אינעם זעקסטן,
דער אַכטער שפּיגל זיך קערט
צוריק און זוכט דעם לעצטן.

קיין לעצטער איז אָבער נישטאָ,
אין יעדן לעצטן שפּיגל
אַ נײַער שפּיגל איז דאָ,
וואָס שפּיגלט אַ נײַעם שפּיגל

צו קוקן אַהער און אַהין
און זען וואָס הינטערן רוקן
און וואָס דערמיט איך געווין ?
— אַ ליד אויף אָפּצודרוקן.

ירושלים, 25סטער דעצעמבער, 1990

ווען אַ קרומער שפּיגלט זיך

ווען אַ קרומער שפּיגלט זיך
אין אַ קרומען שפּיגל,
גלײַבט זיך אויס אַיעדער שטריך
פֿון זײַן גוף און זײַן געזיכט
און ער גלייבט דעם זיסן ליגן,
וואָס ער זעט אין שפּיגל.

ווען אים ווילט זיך פּלוצעם גיין,
ווען סע גייט צו פֿוס דער קעניג,
ווי זשע גייט מען עס אַליין
און מע לאָזט דעם שפּיגל שטיין
גלאַט אַזוי זיך, ליידיק,
אָן אַ פּנים אינעווייניק?

טראָגט ער אים ווי אַ בוקעט
און פֿאַרמאַכט זיך מיט אַ שליסל,
הענגט אים אויף ווי אַ פּאָרטרעט
אויבן אָן אין טואַלעט,
ער זאָל קענען נאָך אַ ביסל
פֿונעם ליגן פֿונעם זיסן
צו געניסן.

ירושלים, 3טער יאַנואַר, 1991

וועגן זיך

אין שפּיגל שרײַב איך מיט דער לינקער האַנט,
אין שפּיגל קרומט מײַן אויג מײַן רעכטס אַ ביסל,
נאָר מײַנע קינדער לאָכן נאָך אַנאַנד,
ווי גלײַך צום אויסזען מײַנעם ליגט בײַ זיי דער שליסל.

אין שפּיגל שרײַב איך ווי די סבֿיבֿה וויל,
פֿון לינקס אויף רעכטס ווי אַלע פֿעלקער שרײַבן

און קוק איך נאָר אַראָפּ צום שאָטן אויפֿן דיל,
דערזע איך דעם, וואָס אַלע המנס טרייבן.

טשערנאָוויץ, 1956
("פֿאָלקס-שטימע", וואַרשע, 1957.3.2)

שטענדיק

שטענדיק ווייסט מײַן שוואַכע האַנט די לינקע,
וואָס ס'האָט אָקערשט אָפּגעטאָן די רעכטע.
שטענדיק ווייסן ביידע פּיס די פֿלינקע,
ווו סע ליגן סודות צוגעדעקטע.

נאָר ווי גיך זיי זאָלן זיך נישט יאָגן,
לויפֿן, שפּרינגען און אַריבערשפּרינגען,
טרעפֿן אויף די וועגן איבערשלאָגן —
שוואַרצע גריבער, פֿײַערדיקע רינגען.

שטענדיק ווייסט מײַן אויג דאָס לינקע, קראַנקע,
וואָס דאָס אויג דאָס רעכטע האָט פֿאַרשלאָפֿן,
פֿונעם חלום ציט עס די געדאַנקען,
פֿון זכּרון — אַלץ, וואָס האָט געטראָפֿן,
נישט פֿאַרלירנדיק דערבײַ קיין מינדסטן טראָפּן.

ירושלים, 6טער אַפּריל, 1991

בין אַ מאָל געווען

בין אַ מאָל געווען אַ פֿוטבאָל-שפּילער,
הײַנט בין איך אַ פֿוטבאָל-פֿילאָזאָף,
בין אַ מאָל געווען אין שול אַ שילער,
איצטער לערן איך אַליין די שילער-שפּילער
און די שענסטע שפּילן קאָמענטיר איך
און איך בלאָף.

בין אַ מאָל געווען דער בעסטער שווימער
און איך בין געשווומען קעגן שטראָם,
אָנגעטראָפֿן אויף אַ נישט-פֿאַרגינער,
האָט ער אָנגערופֿן מיך: **באַרימער!**
און מײַן גרויסן נאָמען מיר פֿאַרמינערט,
אים דערטראָנקען אין תּהום.

בין אַ מאָל געווען דער ערשטער פֿידלער
אין אָרקעסטער פֿון אַ טויזנט לײַט,
בין אַ מאָל געווען און איך בין ווידער,
נאָר מײַן פֿידל שפּילט אַצינד מיר שטילער
ווי מיט פֿרעמדע און נישט מײַנע פֿינגער
אין אַן אַנדער צײַט.

בין אַ מאָל געווען און איך בין ווידער
נאָר מיט ווייניקער ווי נעכטן טומל, שוים.
איך באַנוג זיך הײַנט מיט שרײַבן לידער
און איך פֿיר זיך שוין אַ סך סאָלידער
און איך ווער פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מידער
און איך לעב און שלעפּ זיך קוים-
קוים.

ירושלים, 14טער מאַי, 1991

דער זאַל איז פֿינצטער און ליידיק

דער זאַל איז פֿינצטער און ליידיק,
דער שומר לאָזט נישט אַרײַן,
דער דרויסן איז ליכטיק און פֿריידיק
און שטורעמט דעם זאַל מיט שײַן.

די טירן צעפּראַלט און דעם שומר
אַוועקגעשטופּט אין אַ זײַט,
דער זאַל ווערט גרעסער, גערוימער
און אָנגעפֿולט מיט לײַט.

איצט וואַרטן אַלע אויף שלמהן
דעם חכם, צו הערן זײַן וואָרט,
באַהאַלט ער זיך גאָר צווישן עולם
דער חכם. מע ווייסט נישט זײַן אָרט
אין גרויסן גערויש און געדריי,
צעגייט זיך דער עולם פֿון דאָרט
און שלמה מיט זיי.

ירושלים, 12טער נאָוועמבער, 1990

אַ גוטע סיבה

נישט, חלילה, קיין אַנטוישטע ליבע.
זיך צו אַנטוישן דאַרף מען פֿריִער גלייבן.
ס׳איז יעדער טאָג פֿאַראַן אַן אַנדער סיבה,
נישט צו ווילן לעבן.

נישט איינער, וואָס ער בייגט זיך אונטער משׂא,
וועט קריצן מיט די ציין אויף מײַנע טענות
און שרײַען וועט ער איבער אַלע גאַסן :
״מיר וואָלט זיך ווילן האָבן זײַנע דאגות״.

וואָס זענען זיי די דאגות פֿונעם דיכטער,
די סיבות זײַנע נישט צו ווילן לעבן ?
לאָדט אָן די פּלייצעס זײַנע מיט געוויכטער,
פֿון זיי זיך צו באַפֿרײַען וועט ער שטרעבן,
אַ גוטע סיבה אויף צו ווילן לעבן.

ירושלים, 31סטער מאַי, 1990

מיך שלעפּט

מיך שלעפּט אַ שטראָם אַ געדיכטער
אויף גאַסן פֿון גרויסע שטעט,
אַ מענטשן-שטראָם פֿון געזיכטער
און יעדעס געזיכט — אַ פּאָרטרעט.

איך יאָג מיטן שטראָם מיטן גרויסן,
פֿאַרליר זיך אין מענטשן-ים,
נאָר אויף צו פֿאַרהיטן מײַן אויסזען
באַדאַרף איך אַ פֿאָרם, אַ ראָם
און אויף צו זײַן נישט איינזאַם
באַדאַרף איך אַ פּאָר, אַ גראַם.

ירושלים, 31סטער מאַי, 1991

מיט לי לעצטע כּוחות

און מיט די לעצטע כּוחות כ׳שאַר זיך צו צום ליד,
וואָס ציט אַרויף מיך, ציט און ציט און ציט,
ווי ס׳טרעפֿט, מע ציט אַ פֿולן עמער מיט אַ ברונעם-שטריק
אַרויף-אַרויף און פֿולערהייט מע כאַפּט אים אָן געשיקט
ער זאָל, חלילה, נישט אַראָפּפֿאַלן צוריק,
נישט פֿאַלן פֿון די אָרעמס פֿונעם ליד.

און מיט די לעצטע כּוחות שאַר איך מײַנע טריט
און כאַפּ אין וועג דעם אָטעם קוים סאַמע אין דער מיט
און קען שוין ווײַטער זיך נישט טאָן קיין ריר
צום טיש, וואָס וואַרט און אויך נישט צו דער טיר
צוריק, נאָר ס׳קומט אַקעגן מיר מײַן ליד, מײַן שיר
און ציט צו זיך מיך, ציט און ציט.

מיט לעצטע כּוחות זיץ איך קוים בײַם טיש
און שטיי נישט אויף, ווײַל ס׳האַלטן נישט די פֿיס.
די שײַן פֿון לעמפּל צאַנקט צו ביסלעך אויס
און פֿון דער טונקלעניש מע זעט קוים-קוים אַרויס
אַ בויגן, וואָס ער שפּרייט זיך און ווערט גרויס,
דער בויגן שפּרייט זיך ווי אַ לײַלעך ווײַס און פֿריש
און אויפֿן לײַלעך שטרעקט זיך אויס דאָס ליד,
וואָס ציט און ציט און ציט.

ירושלים, 23סטער יאַנואַר, 1991

בײַם טיש

אמת איז, איך רעד טאָקע אַ מאָל צו זיך אַליין,
נאָר קיין נודניק, זאָלט איר וויסן, בין איך נישט.
אַ באַווײַז איז דאָס, אַז מײַנע לידער זענען שיין
און איר הערט מיט פֿאַרגעניגן זיי בײַם טיש.

אמת אויך איז, אַז דער טיש איז אָנגעשטעלט
מיטן סאַמע בעסטן, וואָס סע קען נאָר זײַן —
פֿלייש און פֿיש און פּירות, איינע אין דער וועלט
און מיט פֿלעשער אַלטן שטאַרקן ווײַן.

נאָר דאָס אַלץ וואָלט נישט געהאָלפֿן, זאָג איך זיך אַליין,
ווי דער שטייגער מײַנער איז — ווען סע זאָל נישט זײַן
מלא טעם דאָס ליד מײַנס, מלא חן,
אויך אַ ביסעלע דער כּיבוד מיטן ווײַן
און אַ שיסעלע געפֿילטע פֿיש מיט כריין.

ירושלים, 16טער אויגוסט, 1990

שענק מיר

שענק מיר טויזנט ווײַטע אומבאַקאַנטע שטילע לייענער,
איז עס בײַ מיר טײַערער פֿון אַן אָפּרוף דאָרט פֿון מי יודע ווער
און זאָל קיינער פֿון מײַן תּפֿילה זיך נישט פֿילן קיין געטראָפֿענער
און אויף מיר נישט זאָגן, אַז איך בין עס צו פֿיל שוין אַן אָפּענער.

ווײַל ס׳איז קיין מאָל נישט געווען קיין צו פֿיל בײַ אַזעלכע זאַכענעס,
לאָזט מיך דאָ אַליין מיט מײַנע וואַכלאַכלאַקענעס,
כ׳וועל אַרויסקריכן פֿון זיי נאָך מיט אַ גרויס גערעטעניש
און נישט אונטערצינדנדיק, חלילה, אײַער באַבעס בעבעכעס.

איך וועל לאָזן שטיין די מײַלשטיינער אין אַלע וועטערן,
אויך די טאָוולען מיט די ציפֿערן פֿון די קילאָמעטערן.
שענק מיר, גאָט, כאָטש טויזנט אומבאַקאַנטע שטילע לייענער,
אויב נישט טויזנט. מעג אויך זײַן אַ ביסל ווייניקער.

עפּעס פֿון די לייענער, די געטרײַע פֿון די נעבכטיקע
די להכעיסניקעס פֿונעם שטעטל און די מעבכטיקע,
מיט אַ בוך אונטערן אָרעם, פֿריילעך און גלײַכוועדטלדיק
אין ניו-יאָרק צי תל אביב אַבי קליינשטעטלדיק.

ירושלים, 31סטער יולי, 1991

דאָס גאַנצע חומש אויף איין פֿוס

און גאָט האָט באַשאַפֿן די גאַנצע וועלט
אין אַן איינציקער אַרבעטסוואָך —
די ערד און דעם הימל, די היץ און די קעלט,
אין הימל די שטערן, די תּבֿואה אין פֿעלד
און נאָך און נאָך און נאָך.

און ס׳האָט געפּלאַנצט אַ גאָרטן גאָט,
גן עדן האָט מען גערופֿן דאָס אָרט,
נאָר ס׳האָבן די מענטשן טראָץ דעם פֿאַרבאָט
געגעסן די עפּל און ס׳האָט גאָט
אַרויסגעטריבן זיי פֿון דאָרט.

און גאָט האָט דער ערד אַ מבול באַשערט
אויף גאַנצע פֿערציק טעג,
דעם טורעם אין בבֿל איבערגעקערט,
סדום און עמורה פֿאַרברענט און צעשטערט,
לגמרי אָפּגעמעקט.

און קיין מצרים די בני ישׂראל
אַרײַנגעפֿירט האָט גאָט,
פֿון דאָרטן געפֿירט זײַן פֿאָלק ישׂראל
און זיי געבראַכט קיין ארץ ישׂראל
מיט פֿאַרטיקע צען געבאָט.

ירושלים, 31טער יולי, 1991

יעדע שפּראַך

יעדע שפּראַך האָט קעז און פּוטער
פֿון געפֿלעקטע פֿעטע קי.
יידיש איז דאָך אויך אַ מוטער-
שפּראַך (צי מאַמע-לשון)
אויסגעמאָלקן פֿון אַ זי.

יידיש נערט זיך אויך פֿון ציגן
און אַ מאָל אויך פֿון אַ צאָפּ,
ווײַל דער עיקר איז דער ניגון,
אויב ער זינגט זיך מיטן טראָפּ.

שמעון-עלי שמע קולנו
האָט באַוויזן, וואָס ער קען,
צוגעשטעלט פֿאַר שלום עליכם
צאַפּן-מילעך פֿאַר זײַן פּען.

האָט די מילעך זיך באַוויזן
ווי די סאַמע זיסטע מילך,
האָט זי ווי אַ גוטער ביסן
בײַם געניסן אָפּגעהילכט.

יעדע שפּראַך האָט קעז און פּוטער
פֿון געפֿלעקטע פֿעטע קי.
יידיש איז דאָך אויך אַ מוטער-
שפּראַך (צי מאַמע-לשון)
אויסגעמאָלקן פֿון אַ זי.

ירושלים, 13טער יולי, 1991

כ׳שרײַב די לידער מײַנע אין אַ יונגער שפּראַך

כ׳שרײַב די לידער מײַנע אין אַ יונגער שפּראַך,
כּײַ וואָלט זי געלעבט פֿאַר צײַטן און געשטאַנען אויף דער וואַך
אויפֿן דאַך פֿון בבֿל-טורעם און נישט צוגעלאָזט

צו דער קאַשע פֿון די שפּראַכן, וואָס האָט אָפּגעקאָסט
אַ מאַיאָנטיק, גאַנצע אוצרות פֿאַרן כּל ולך,
פֿאַר די קלײַען, פֿאַר דער שאָלעכץ, וואָס מ׳האָט אָפּגעקאָכט
און פֿאַרפּראַוועט, צוגעזאַלצן מיט דער זאַלץ אַראָפּ,
אַז מע קען צום מויל נישט נעמען און מע בריט זיך אָפּ
און מע שפּײַט אַרויס זי און אַ שרײַבער שטייט דערבײַ
און גיט אַכטונג און פֿאַרשרײַבט איעדן שפּײַ
און ער שיקט דערנאָך דאָס צעטל צו די פֿאָרשער פֿון דער שפּראַך
און מע מישט די שפּראַך פֿון מאַרק מיטן לשון פֿון תּנ״ך
און די שפּראַך די יונגע ליגט אין קראַנקן בעט
און בײַ איר צוקאָפּנס שטייט אַ ייִדישער פּאָעט
און ער גלעט זי בײַ די יונגע גראָע האָר
און ער וויינט אויף אירע יונגע יאָר.

ירושלים, 23סטער אַפּריל, 1991

מע וועט אַ מאָל

מע וועט אַ מאָל זיך נאָך באַווײַזן
אויף שׂמחות, אויף באַנקעטן, אויף אַ באַל
מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אָן גרײַזן,
מיט לייענען סוצקעווערן אין אָריגינאַל.

מיט אויסהערן יעקבֿ גלאַטשטיינס טענות
געבראַכטע אויף אַ זילבערטאַץ צום טיש.
די אייניקלעך זיך קוויקן ווי מיט מאַרצעפּאַנעס
און נישט די זיידעס, נעבעך, וואָס פֿאַרשטייען נישט.

מע קוויקט זיך ווי מיט שטרודל, האָניק־לעקעך
און אַנדערע אַלטמאָדישע געבעקס
און געסט געקליבענע העברעיִש־קענערס
פֿאַרטײַטשן טבֿיהס פּסוקים צוריקצוועגס.

בײַ מאַנגערס חומש־לידער וועט מען לערנען חומש,
בײַ יהואשן — אין גאַנצן דעם תּנ״ך
און נישט ווי בײַ די איבעריקע אומות,
וווּ יעדער אומה רעדט נאָך אַלץ איין שפּראַך

און ווייסן נישט דעם טעם פֿון צו פֿאַרטײַטשן
אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל רות
מיט אַלע סודות און מיט אַלע קנייטשן,
וואָס זענען אונדז אַליין דאָך נאָר באַוווסט.

אין טרויער-טעג מיר וועלן זיך פֿאַרזאַמלען
און יעדערער וועט שטיין מיט זיך אַליין,
מיט האַפּשטיינס "פֿעלדער רוסישע", מיט זײַן "מיר שטאַמען",
מיט מאַרקישעס "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".

מע וועט אַ מאָל זיך נאָך באַווײַזן
אויף שׂמחות אויך, מיט מזל און מיט פֿרייד,
מיט רעדן מאַמע-לשון גאָר אַן גרײַזן,
מיט לייענען יונגע שרײַבערס אין די "גאָלדענע קייט".

ירושלים, 27סטער אויגוסט, 1990

מע האָט געזאָגט

מע האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז טראָגעוודיק,
איז זי געוואָרן טאַקע פֿונעם זאָגן טראָגן
און כאָטש זי איז געווען בטבֿע שעמעוודיק,
האָט זי זיך נישט געשעמט פֿאַר אָט דעם זאָגן.

איר האַרץ צו פֿאַנגען האָט ער שווער געהאָרעוועט
און האָט איר ליבע אייביקע געשווירן,
ער האָט אַ קינד אין בויך איר אײַנגערעדט,
דערנאָך האָט זי דאָס קינד טאַקע געבוירן.

און אויף דער עלטער, ווען זיי האָבן די מיזינקע
אַליין שוין אויסגעגעבן און אַראָפּ פֿון וואָגן,
האָב איך בײַ זיי אין הויף געדרייט מײַן קאַטערינקע
און צוגעזונגען הויך : **פֿון זאָגן ווערט מען טראָגן !**
פֿון זאָגן ווערט מען טראָגן !

ירושלים, 7טער יוני, 1990

נישט קיין מיילעכטע

ניט קיין מיילעכטע, נאָר אַליין אַ מלכּה,
נישט קיין אָגערטע, להבֿדיל, נאָר אַ שקאַפּע,
נישט קיין דעלפֿין, נאָר אַן אמתע רוסאַלקע,
נישט קיין קאַפּטיכל, נאָר אַ דאַמען-שליאַפּע.

נישט קיין דאָקטערקע, נאָר אַליין אַ דאָקטער
אַ באַוווסטע מיט פֿאַרדינסטן און מיט האָנער,
אויב קיין דאָקטער נישט, איז אַ קראַנקן-שוועסטער,
נישט קיין ושתּי אין אַ מאַסקע, נאָר אַ פֿרײַע אסתּר.

נישט קיין דינסמויד, נאָר אַ באַלעבאָסטע,
נישט קיין פּריצטע, נאָר אַ צוגעלאָזטע,
נישט קיין הערשערין, אויך נישט אונטערטעניק
צו אַן אויסוווּרף דאָרט, אַ ניבול-פּה׳ניק.

ירושלים, 25סטער מאַרץ, 1991

פֿון וואַנען קומען די נאַרישקייטן ?

די חכמה קומט פֿון געפּרוווט זײַן אין לעבן,
פֿון דורכמאַכן און איבערלעבן
און ערשט פֿון דער חכמה — דאָס קלוגע ריידן,
פֿון וואַנען זשע קומען די נאַרישקייטן ?

צי קומען זיי נישט פֿונעם תּהו ובֿהו
צו שווימען צו אונדז אויף כּמאַרעס אויף גראָע
פֿון ווײַטן, פֿון צײַטן פֿאַר בריאת העולם ?
איך שטיי מיט אַן אָפֿן מויל ווי אַ גולם.

איך קען אַליין מיר עס קלאָר נישט מאַכן —
פֿון וואַנען קומט אונדזער נאַריש לאַכן,
פֿון וואַנען קומען די נאַרישקייטן,
צי האָט זיי אונדז אדם געבראַכט פֿון גן-עדן ?

ירושלים, 30סטער יולי, 1990

מיר, די גראַפֿאָמאַנען

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשריגענע
זענען שטאַרק מקנא די געקליבענע.
מע פֿאַרפֿלייצט אונדז מיט אַזוי פֿיל אותיות,
מע צערייצט אונדז מיט אַזוי פֿיל גרויסיעס.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשאַלטענע
שטייען איצט צוזאַמען מיט פֿאַרהאַלטענע
בײַ די טיר-און-טויער די גן-עֵדנה,
ווו מע לאָזט אַרײַן נאָר די באַשיידענע.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשוויגענע
שטייען מיר צוזאַמען מיט געקליבענע,
נישט אַרײַנגעלאָזטע אויף דער גרויסער חתונה
און מיר לערנען די צעלאָזטע זײַן געלאַסענע.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרבליבענע
טרייסטן איצט אין גראַמען די געקליבענע:
לעבט נאָך צווישן אײַך פֿון אונדז אַן איינציקער,
אַ לאַנגהאַריקער און אַ ברייטפּלייציקער,
זענט איר נישט אין גאַנצן קיין פֿאַרפֿאַלענע —
לעבן זאָל דאָס וואָרט דאָס גראַפֿאָמאַנענע!

ירושלים, 18טער פֿעברואַר, 1991

מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן

מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן,
מיר, פּראָזאַיִקער-נאָוועליסטן,
לעבן אַצינד אין אַ צײַט פֿון קריזיס,
די וועלט האָט פֿאַרגעסן דעם פּרוש המלות.

די וועלט, וואָס פֿון ווערטער האָט זיך דערווײַטערט,
וואַרעמט זיך אַלץ בײַ די ביכער-שײַטערס,
ווערטער ברענען, דאָס גאַנצע לשון,
און די שׂריפֿות נאָך נישט פֿאַרלאָשן.

װערטער, װאָס האָבן באַשאַפֿן װעלטן,
לערנענדיק תּורה אין די געצעלטן
האָבן פֿאַרלוירן שוין דעם זכּרון.
װאָס איז דען הײַנט פֿונעם װאָרט געװאָרן ?

װאָרט, װאָס באַשריבן, דערציילט און געשילדערט,
הײַנט — אַ צושריפֿט בלויז אונטער בילדער,
אונטער נאָטן פֿון געזונגענע לידער,
בלויז אַ שאָטן צעהאַקט און צעשפּליטערט.

מיר די פּאָעטן און עסייִסטן,
מיר, פּראָזאַיִקער-נאָװעליסטן,
װאָלטן באַדאַרפֿט זיך באַלזאַמירן,
אויף אַ יאָרהונדערט זיך פֿאַרפֿרירן.

ביז פֿונעם אַש פֿון די ביכער-שײַטערס
װעט אַרויס אַ װאָרט אַ געלײַטערטס
און צום דאָזיקן װאָרט דעם הייסן
שטייען מיר אויף תּחית המתים.

ירושלים, 8טער יולי, 1991

איך לעב פּאַװאָליע

איך לעב פּאַװאָליע, לעב איך
דאָס גאַנצע לעבן מײַנס
איך רעד נאָך ייִדיש, רעד איך,
יאָ, ייִדיש רעד איך, נעבעך
און לייען די "לעצטע נײַעס".

און אויך די נײַסטע ביכער
פֿון "פּרץ"-ביבליאָטעק.
מע זאָגט אויף מיר: אָט קריכט ער
און ער דערגרייכט די דיכטער
פֿון "ישׂראל-בוך" אַנטפּלעקט.

איך שאַר זיך שטיל, אַ מידער
און רו זיך אויס געשמאַק
און דרוק אַ ציקל לידער
און דרוק דערנאָך עס איבער
אין אייגענעם פֿאַרלאַג.

ירושלים, 1991.4.30

אַ שפּראַך דאַרף האָבן

אַ שפּראַך דאַרף האָבן ווייניקסטנס צוויי,
אַז איינער צום צווייטן זאָל ריידן,
אַז איינער פֿאַרשטיין זאָל דעם צווייטנס געשריי
פֿון וויי און פֿון צרות און ליידן
און נאָכן אויסגעלייזט ווערן פֿון זיי
דערציילן די ליידן אין פֿריידן.

אַ שפּראַך דאַרף האָבן אַן אות מיט אַן אות
און אויגן וואָס קענען לייענען,
אַ האַרץ בײַם לייענען פּרוגס "דער בּוס"
און אויגן וואָס קענען וויינען.
אַ שפּראַך דאַרף האָבן אַ וואָג און אַ מאָס
צו וועגן און מעסטן און ציילן.

די שפּראַך איז מאָלערײַ, איז מוזיק
און אַלע אַנדערע זאַכן,
די שפּראַך האָט אַ בריק אַהין און צוריק
צון אַלע אַנדערע שפּראַכן
און איבער דער בריק אונדזער ייִדיש שיקט
און ייִדיש די אַנדערע שפּראַכן דערקוויקט
מיט שלום עליכמס לאַכן.

ירושלים, 9טער דעצעמבער 1991

2. די וועלט איז פול

זאַט מיט יאָרן

זאַט מיט יאָרן און מיט לידער
ווערט ער זאַטער, ווערט ער מידער,
ביז ער פֿאַלט אַנידער.

דעקט מען אים די אויגן איבער,
די צעצונדענע אין פֿיבער,
די פֿאַרלאָשענע אין פֿיבער
און מע לאָזט זיי ליבערשט איבער.

דעקן זיי זיך אָפּ, ווען קיינער
איז נישטאָ און ער איז איינער,
דעקן זיי זיך אָפּ און ווידער
זיצט ער איבער זײַנע לידער,
נײַע לידער.

ירושלים, 2טער אַפּריל, 1990

דײַן שיסן

דײַן שיסן אין דער וועלט אַרײַן
האָט גלײַך אין מיר געטראָפֿן,
דײַן סאַמע שטאַרקסטער סם אין ווײַן
איז אין מײַן כּוס געשלאָפֿן.

און איך האָב נישט געטרונקען גראָד
מיט קיינעם קיין לחיים,
געטרונקען כ׳האָב אַליין אין שטאָט,
אין גאַנץ ירושלים.

און שיכּור אויך דערפֿילט נאָר זיך
און אויפֿגעהערט צו פֿילן,
אַז ווייל איז דעם, וואָס איז נישט איך,
דו ווײסט מיט אים אַזוי נישט שפּילן,
נישט טרעפֿן אָן צו צילן.

ירושלים, 8טער אַפּריל, 1991

בײַם שענסטן ליד דײַנעם געדענק

בײַם שענסטן ליד דײַנעם געדענק,
ביסט אײנער בלויז פֿון פֿיר מיליאַרד
און ס׳איז דערווײַל די ערד נישט ענג
נישט מיר, נישט דיר, דעם אייגנאַרט,

דעם אייגנאַרטיקן פּאַרשוין,
וואָס טאָג ווי נאַכט דו ביסט פֿאַרטראַכט
און פֿילסט די משׂא פֿון אַ קרוין
אויף זיך, פֿאַר קיינעם נישט געדאַכט.

דו פֿילסט די וויכטיקייט, די וואָג
פֿון דײַן פּערזאָן, פֿון דײַן פּאַרנעם
און ביזן סאַמע העכסטן שטאָק
דו טראָגסט דעם עול דײַנעם, דײַן שם.

דו שפּילסט די ראָל דײַנע מיט ברען,
דײַן שליחות פֿירט דיך בגעוואַלד,
ס׳איז בלויז אַ שוועבעלע דײַן פּען,
ווײַל ברענען ברענט דער גרויסער וואַלד,
ווײַל ברענען ברענט דער וואַלד, דאָס האָלץ
און וואַרעמט אויך דײַן שטאָלץ.

ירושלים, 15טער מאַרץ, 1991

פֿונעם ברויט אויפֿן טיש

צעשטרעקט אויפֿן האַלץ,
די הענט צעשפּרייט,
פֿון גלאַנציקן שטאָלץ
איז דער קאָפּ דיר פֿאַרדרייט.

דאָס האָלץ, וואָס האַרט
געווען איז אַ מאָל,
איז ווייך היינט און צאַרט
ווי דאָס גראָז אין טאָל.

און סע שלאָפֿט זיך גוט,
ווען די וואָך איז צעשטעלט
און מע דאַרף נישט קיין מוט
צו זײַן אַ העלד.

ס׳איז רײַף שוין דער ווייץ,
דאָס פֿעלד — דאָ נישט ווײַט,
קריך אַראָפּ פֿונעם קרייץ
צום שניט אין דער צײַט.

קריך אַראָפּ פֿונעם קרייץ,
גענוג שוין גערוט,
גענוג שוין גערייצט
דעם שניטערס בלוט.

דעם שנײַדמעסערס קלאַנג
אין דער צײַט פֿונעם שניט,
דעם שניטערס געזאַנג,
זײַן פֿאַרהאָרעוועט ליד.

וועט דיך ברענגען צום טיש
פֿון ערלעכן ברויט,
אין שווייס פֿון געזיכט
וועסטו היילן דײַן הויט.

און די ווונדן אין לײַב
פֿון די הענט און פֿיס,

ווערסט געבוירן אויף ס'נײַ
מיטן ערשטן ביס
פֿונעם ברויט אויפֿן טיש.

ירושלים, 1טער יולי, 1988

נישט אויסזאָגן פֿון חדר

געוואָלט האָב איך באַגראָבן אין אונדזער הויף דעם גרויסן
אַן אוצר, וואָס געפֿינען זאָל מען אים העט שפּעטער,
נאָר כ'ווייס נישט, צי ס'איז דאָ טאַקע, זיך מיט וואָס צו גרויסן
פֿאַר דעם, וואָס וועט אַ מאָל דערגראָבן זיך און אים געפֿינען וועט ער.

ווײַל ווער קאָן וויסן הײַנט, וואָס מאָרגן וועט זײַן טײַער
און וואָס מע וועט אַרויסוואַרפֿן, ווי אָפּגענוצטע קליידער,
אַז די וואָס ווייסן עס, זיך היטן ווי פֿאַר פֿײַער,
מע זאָל זיי נישט באַשטראָפֿן פֿאַר אויסזאָגן פֿון חדר.

סע ווייסן עס שוין אַלע לאַנג, אַז אין חדר ליגן
די אוצרות אויפֿן טיש ווי סודות אָפּגעדעקטע
און יעדער וואַנט אין חדר איז ווי אַ גרויסער שפּיגל,
נאָר ווער סע קוקט אין שויב פֿון דרויסן, זעט זיי אָפּגעמעקטע.

נאָר קיינער פֿון די קינדער, וואָס זיצן בײַ די טישן
און באָדן אין די סודות זיך, זיך שפּיגלען אין די שפּיגלען
און ווייסן פֿון בראשית אָן, פֿון אָדמען הראשון
ביז סאַמע האַזינו — פֿאַרנעמט די רייד איר, הימלען,

אַז הערן זאָל די ערד, ווו דער אוצר ליגט באַגראָבן
און הערן זאָלן קינדער, וואָס לערנען זיך אין חדר —
נאָר קיינער פֿון די קינדער, וועט קיינעם נישט אויסזאָגן,
מיט צי אָן אַ נדר, נישט אויסזאָגן פֿון חדר.

ירושלים, 12טער דעצעמבער 1991

אין אַ שעה פֿון קלאָרן זין

דער דיכטערין רבקה באַסמאַן

אין אַ שעה פֿון קלאָרן זין,
ווען דער זין איז לויטער ווי בורשטין,
ווען אין קאָפּ איז ליכטיק ווי בײַ טאָג
און סע ווערט מקוים, וואָס מע זאָגט,
און מע זעט בפֿירוש, וואָס מע הערט,
און מע הערט בפֿירוש, ווי סע ווערט
דאָס, וואָס צוגעזאָגט איז און באַשערט.
וואָס געווען ס׳איז קרום, ווערט אויסגעגלײַכט,
וואָס געווען ס׳איז שווער, ווערט ווי אַ פֿעדער לײַכט
און סע פֿלאַטערט אין דער לופֿטן מיטן קלאַנג
און סע וועקט אונדז אויף ווי אַ געזאַנג
און די גאָרע וועלט ווערט גאָלע וואָר
און איז לויטער ווי בורשטין און קלאָר.

ירושלים, 20סטער מאַי, 1991

אַ ליד, וואָס חיים מאַלטינסקי האָט נישט באַוויזן אָנצושרײַבן

איך האָב נישט גענאָסן פֿון לעבן,
ווי ס׳טרעפֿט זיך און איינער געניסט,
מיך האָט מען נאָך פֿאַרן רבין
געשטראָפֿט מיטן קאַנטשיק אומזיסט

מיר האָט מען נאָך פֿאַרן נישט קענען
אויף אויסנווייניק אַ שיר,
געוויזן דאָס ברענען אין גיהנום
און וואָס מע וועט טאָן מיט מיר.

און ווען כ׳האָב איין מאָל פּלוצעם
דערהערט ווי פֿון ווייטיק איך זינג,
האָב איך געבעטן די מוזע
(די מוזע אין דער זײַדערנער בלוזע),
מע זאָל מיך געדענקען גרינג.

איך האָב נישט פֿון לעבן געגאָסן
איך ווייס נישט דעם טעם פֿון גליק,
אַ שעה נאָכן ווערן אַ חתן
מע האָט מיך גענומען אין קריג.

אַ וואָך נאָכן ווערן אַ טאַטע,
אַן איינציקע שעה נאָכן ברית
און ווידער אַ קאַנאָנאַדע —
מע שיסט און מע שיסט און מע שיסט

די וועגן — שטויביק און שטייניק,
איך פֿיל נישט אין גיין קיין גענוס,
איך פֿיל נאָר ביז הײַנט דעם ווייטיק
פֿון רעכטן פֿאַרלוירענעם פֿוס.

דערנאָך אַ גרעסערן ווייטיק
פֿון בײדע פֿאַרלוירענע פֿיס
און ס׳איז נאָך אַלץ נישט דערליידיקט —
מע שיסט און מע שיסט און מע שיסט.

און אויב אויך דאָס איז אײַך ווייניק,
פֿאַר העלדישקייט מ׳האָט מיך באַלוינט,
אין תּפֿיסה אינעווייניק
דערפֿילט כ׳האָב פֿון רום די קרוין.

איך האָב נישט גענאָסן פֿון לעבן
ווי ס׳טרעפֿט אַ מאָל איינער געניסט,
נאָך פֿאַרן מלמד, דעם רבין
מע האָט מיך געשמיסן אומזיסט.

ירושלים, 7טער אַפּריל, 1991

אַ שטעקן האָט צוויי עקן

אַ שטעקן האָט צוויי עקן,
אַ נאָדל האָט צוויי שפּיצן

און אויב דו קענסט נאָך מאַכן קעגן
זיך אַליין די שאַרפֿסטע וויצן,
וועסטו דאָס לעבן איבערלעבן.

פֿון הינטער סאַמע דײַנע פּלייצעס
גייט נאָך דײַן שׂונא מיט אַ מעסער,
דאָס הענטל האַלט ער פֿעסט ווי לייצעס
און פֿילט אין זאַטל זיך נאָך פֿעסטער,
ווען גאָר דײַן פּלייצע גרייט און ברייט איז.

נאָר וואָס געשעט דאָ ? אין זײַן האַנט זיך
געפֿינט דאָס שנײַדנדיקע קלינגל,
ווי ס'אויערל פֿון אַ נאָדל שפּאַלט זיך
און שטעכט אַרײַן זיך אין די פֿינגער.
דײַן פּלייצע אָטעמט פֿרײַער, גרינגער.

ירושלים, 26סטן אַפּריל, 1990

און דו וועסט

און דו וועסט איבערלעבן אַלע דײַנע לייענערס,
פֿאַר דײַנע אויגן וועט זיך וואַלגערן דײַן ליד
דאָס נישט געלייענטע מער, ווײַל קיינער,
אַפֿילו ער זאָל וועלן, לייענט עס ניט

און דו וועסט איבערלעבן אַלע דײַנע שכנים,
וואָס קענען שוין זינט יאָרן דײַן פּראָפֿיל,
וואָס ווערט שוין באַלד נישט מער געזען פֿון קיינעם
און לעשט זיך אין דײַן פֿענצטער אין דער שטיל.

און דו וועסט איבערלעבן אויך דײַן אייגענע לוויה,
וואָס האָט געגרייט זיך דיך באַגלייטן אויפֿן פֿעלד
און אויסגעשטאָרבן איינציקווייז דערווײַלע,
נישט לאָזנדיק קיין איינציקן צו צאָלן צדקה-געלט.

ירושלים, מוצאי שבת, 21סטער יולי, 1990

אין ריזיקן בויך פֿון דער פֿינצטערניש

אין ריזיקן בויך פֿון דער פֿינצטערניש
מיר קאָכן זיך ווי געזאַלצענע פֿיש
אין איינעם מיטן טיש,
אין איינעם מיט די טעלער און טעפּ
און מיט די פֿאָרלעך אויף די טרעפּ
די פֿינצטערע און מיטן טאַטן, וואָס שלעפּט
די טאָכטער, די מויד אין שטוב אַרײַן
און מיטן ליידיקן פֿאַס פֿון ווײַן
דעם פֿולן מיט פֿינצטערניש ווי מיט שײַן
בײַ טאָג, נאָר נישט מיט ווײַן.

דער גרויסער, דער ריזיקער פֿינצטערניש-בויך
האָט פֿײַנט ווײַן און האָט פֿײַנט יויך
און אַנדערע משקות צענדליקער אויך.

די איינציקע משקה, וואָס ער האָט ליב
איז ביר, כאָטש גאַנצע פֿעסער אים גיב
מיט שוים, וואָס בלײַבט אים אויף דער ליפּ
און שלעפּער אים אײַן און נעם אַ ריפּ
אַרויס פֿון זײַן אינגעווייד און אַ קניפּ
אין גרויסן הינטן אַרײַן אים גיב,
אַז ער זאָל טאָן אַ גרויסן שפּרונג
און נעם אים אַראָפּ פֿון דער נאַסער צונג
אַן אָקסענעם האָרן, אַ קאָפּ פֿון אַ פֿיש
און האַלץ אַ שטיק פֿון אַ פֿוס פֿונעם טיש
און טרײַב אים דורכן פֿענצטער אַרויס,
נאָך איידער סע טאָגט אין דײַן קליינעם הויז
און מיט דער פֿינצטערניש איז אויס.

ירושלים, זונטיק, 15טער אַפּריל, 1990

כ׳באַהאַלט זיך נישט

כ׳באַהאַלט זיך נישט אין ערגעץ, בין נישט קיין אַנאָנים,
איך בין ווי יעדער דיכטער היינט בײַ זיך אַליין באַרימט,

איך שרײַב זיך לאַנגע בריוו פֿון לייענערס . . . פֿול מיט לויב-געזאַנג,
איך ענטפֿער אָפּ, בין טיף גערירט, איך רעאַגיר, איך דאַנק
און באַלזאַמיר די לופֿט אין שאַכטל מיטן לויב-געזאַנג

נאָר מײַן קאָלעגע קוקט אויף מיר ווי אויף אַן אָקופּאַנט,
וואָס איז אַרײַנגעדרונגען טיף אינעם שטח פֿון זײַן לאַנד
און אָפּגעריסן שטיקער רום פֿון דיביימער אין זײַן סאָד
און אויך דעם סייף אַרויסגעגנבֿעט מיט זײַן שעפֿערישן סוד,
דער אַלטער סוד פֿאַר גאַנץ בראָד איז איצטער זײַנער גראָד.

פֿאַרענטפֿער איך פֿאַר אים זיך, קער אים אום דעם רויב,
צעשרײַט ער זיך, סע פֿעלט אים דאָרט דרײַ פֿערטל פֿונעם לויב,
וואָס ער באַקומט און זאַמלט אים זינט יאָרן שוין צונויף,
האָב איך זיך אײַנגעשפּאַנט זײַן רום צו שלעפּן באַרג-אַרויף
אויף אָנצוזאַמלען לויב געננג, אויף אָפּצוצאָלן אים דעם חובֿ.

ירושלים, 9טער מאַי, 1991

צו גאַסט

יאָסל לערנערן

איך קוק צון אים אַרײַן דורך אַ שפּאַרונע
און לאָז אים בלײַבן לאַנג מיט זיך אַליין,
איך זע אים אומגיין אויף אַ דינער סטרונע,
(ס'איז לײַכטער ווי אויף הוילער ערד צו גיין).

איך הער זיך אײַן צון אים פֿון דער זײַט שויבן
און לאָז אים בלײַבן לאַנג מיטן געזאַנג,
וואָס פֿלאַטערט אום ווי ס'פֿלאַטערן די טויבן
פֿאַר נאַכט אין פֿעלד אַרום אַ לעצטער זאַנג.

איך קלאַפּ אים אָן, נאָר שטיל, ער זאָל נישט הערן,
מיר איז אַ שאָד אים אויפֿוועקן פֿון טרוים,
עס קאָן דערפֿון אַ גאַנצער הימל שטערן
אַראָפּפֿאַלן, חלילה, אויף אַ בוים.

אַראָפּפּאַלן, חלילה, אויף אַ צווייַגל,
אַראָפּפּאַלן, חלילה, אויף אַ נעסט
און ער דערפֿון דערנאָך וועט לייַדן, לייַדן,
איז בעסער הייַנט צו לאָזן אים אַליין.

דייַן מאַכט

דייַן מאַכט איז אייביק, אומעטום און אַבסאָלוט,
נאָר שענק מיר פֿון דייַן אייביקייט כאָטש איינע צען מינוט,
אַז איך זאָל קענען אָנטון מיר די מאַסקע קעגן גאַז,
בשעת סע פּייַפֿן די סירענעס אויף דער גאַס.

דייַן מאַכט איז אייביק, אַבסאָלוט און אומעטום,
נאָר שענק מיר פֿון דייַן גרויסער וועלט אַ חדרל אַטום,
ווו איך זאָל קענען אָנטון זיך די מאַסקע קעגן גאַז,
בשעת סע פּייַפֿן די סירענעס אויף דער גאַס.

דייַן מאַכט איז אַבסאָלוט און אומעטום און אייביק
און איך, ווי אַלע שטערבלעכע, בין אונטערטעניק, גלייביק,
נאָר טרערן פֿון ביטחון זענען אויכעט נאַס,
בשעת סע פּייַפֿן די סירענעס אויף דער גאַס.

ירושלים, 25סטער יאַנואַר, 1991

ענטוזיאַסטן

ס'איז הייַנט אַ תּענית ביי די וועלף שוין ווידער,
סע דאַווענען די וועלף מיט די לעמער פֿון איין סידור,
ס'איז נישט קיין דאַווענען, ס'איז אַזאַ מין לייענען לידער.

די זון פֿאַרגייט, סע ענדיקט זיך דער תּענית.
סע קוקן הונגעריקע וועלף אויף די לעמער, די באַראַנעס
מיט אַזעלכע וועלפֿישע אויגאַנעס —

אַוועלכע לאָם וועט זוכה זײַן מיט איר מע זאָל אָפּפּאַסטן ?
פֿון די לידער גלײַך צום וואָלף אין הונגעריקן קאַסטן
שפּרינגען זיי די לעמער, די ענטוזיאַסטן.

ירושלים, 16טער יאַנואַר, 1991

ימח שמו

ימח שמו וזכרו, נאָר המן בײַט דעם נאָמען,
געפֿינט אַ גילגול שטענדיק פֿאַר זײַן בלוטיקער נשמה
און הענגט אַרויס אַ ווײַסע פֿאָן — נעמט נישט קיין נקמה
פֿאַר מלחמות, פֿאַר בזיונות, פֿאַר פּאַגראָמען !

ימח שמו וזכרו, נאָר לאַנג איז די רשימה
פֿון אויסגעמעקטע נעמען און פֿון אַנאָנימען,
וואָס טוען כל הרשעות, כּדי זיך צו באַרימען,
דערבײַ די שׂנאה פֿון די ייִדן צו געווינען.

ימח שמו וזכרו און אין איינעם מיטן נאָמען
המן
אויסגעמעקט זאָל ווערן זײַן נשמה.

ירושלים, 20סטער יאַנואַר, 1991

נישט ווי געוועזן איז דאָרט

אַ טיר איז ברייט אויף אַרײַן,
אַ טויער איז שמאָל אויף אַרויס,
אויך ווו דאָס זאָל נישט זײַן
אַפֿילו אין אַ לאַנד, וואָס איז גרויס

איז ברייט די טיר אויף אַרײַן,
פֿאַרמאַכט זיך הינטער דיר
און ווילסטו אַרויס צו דער שײַן

געפֿינסטו נישט מער די טיר,
מע האָט זי איבערגעפֿירט,

מע האָט זי אַרײַנגעשטעלט
אין גאָר אַן אַנדערער וואַנט,
וואָס קוקט צון אַן אַנדער זײַט וועלט
אַלץ טיפֿער אין זעלבן לאַנד.

און וואָס איז אַ לאַנד ? אַ הויף,
אַ הויז מיט אַ טויער און טיר,
די פֿענצטער קוקן אַרויף
און ברענגען די שטערן צו דיר.

און ברענגען זיי צו דײַן אויג,
כאָטש ריר זיי אָן מיט דײַן האַנט,
ווען נישט דאָס גלאָז אין דער שויב,
ווען נישט די גלעזערנע וואַנט.

ווען נישט די שויב מיטן גלאָז,
ווען נישט די טיר אויפֿן שלאָס,
ווען נישט אויף דער גרענעץ דער שאָס,
הקיצור — ווען מע לאָזט.

און אַז מע לאָזט שוין איז וואָס ?

איז דאַרף מען זיך ריכטן אויף געסט
פֿון דאָרטן און גרייטן צום טיש,
איז דאַרף מען בויען אַ נעסט
מיט אָפֿענע פֿענצטער צום כּביש,
מיט פֿרײַהייט פֿון בעסטן סאָרט

און נישט ווי געווען איז דאָרט.

ירושלים, 4טער אַפּריל, 1990

צײַטליד

פֿונעם שטורעם אויף דער וועלט,
וואָס ער וואַרפֿט פֿון גרונט בנינים
מיט אַרויסגעהאָנגענע פֿאָנען,
ביזן צוגלופֿט אין געצעלט,
וואָס ער גלעט דאָס צאַרטע פּנים
פֿונעם קינד, אָן דירה-געלט,
איז אַ שטיקל אונטערשיד —
דאָרט מע ווערט אַרויסגעשטויסן,
דאָ מע ווױנט בײַ זיך אין דרויסן,
נאָר דער צוגלופֿט ציט און ציט
און דאָס קינד איז נישט פֿאַרהיט
און סע פֿילט דעם גרויסן-גרויסן
אונטערשיד פֿון ייִד ביז ייִד.

אַ בריק

די הייך פֿון בערג פֿון צוויי איז גרינג צו מעסטן,
ווען פֿון דער זעלבער טיף זיי הייבן זיך אַרויף.
איך קריך און קלעטער און איך טראָג דאָס שווערע קעסטל
מכשירים מיט אַ האַמער, מיט אַ צווענגל, מיט אַ שרויף.

און נישט מיט שטריק צי מיט שפּאַגאַט און נישט מיט שנורן,
מיט מײַנע שטיוול-טריט איך מעסט די שטרעקע אויס
און פֿונעם אונטערצי פֿון אָפּגעציילטע שפּורן
איך ווייס, ווי הויך סע שטייט דאָרטן מײַן הויז.

און אויפֿן צווייטן באַרג אַקעגן איבער —
די זעלבע הייך, דײַן הויז איז ברייט און לאַנג
געניי ווי מײַנס, איך וואַרף צו דיר אַריבער
דעם האַמער און די שרויף, די צוויקעס און די צוואַנג.

און אונדזער ברודערשאַפֿט אויף אייביק איז געשלאָסן —
דו וואַרפֿסט אַריבער מיר אַ האַק, אַ זעג,
מיר בויען אויס אין משך פֿון די טעג

צווישן אונדז אַ שטאַרקע ברייטע בריק
און אויב דו האָסט אַ זון שוין צײַטיק פֿאַר אַ חתן,
האָב איך פֿאַר אים אַ טאָכטער אַן אמתן אַנטיק
און דאָס וועט זײַן פֿאַר אונדז אַ צווייטע בריק.

ירושלים, 2טער אויגוסט, 1990

רוסישע עליה

דער פֿידלער-עולה מ. פּאָליאַנסקי

פֿון אָדעסער פּאָרט פּיקאַנטן
ביזן חיפֿה׳ער הייסן פּליאַזש
שווימט אַ שיף מיט מוזיקאַנטן
מיט די פֿידלען אין באַגאַזש.

ווען דער שיף ווערט שווער די משׂא,
קומט אַ באַס און גיט דעם טאָן,
זאַמלען זיך צונויף די באַסן,
הייבט די שיף צו זינגען אָן.

שטייען צו אויך די טענאָרן
און אַן אַלט און אַ סאָפּראַן
און די שיף ווי לײַכט געוואָרן
הייבט אָן שווימען ווי אַ שוואַן.

און סע ווערט אַזוי משונה
און די פֿידלערס ווי געפּלעפֿט
נעמען אָנסטרויען די סטרונעס
פֿון באַגאַזש אַרויסגעשלעפּט.

און סע הייבט זיך אָן דאָרט עפּעס,
וואָס אַזוינס נאָך נישט געהערט,
שווימט אַ שיף צו צו די ברעגעס
מיט אַ הימלישן קאָנצערט.

ירושלים, 6טער אָקטאָבער, 1990

אַן עצה

אַזוי פֿיל ווינטערן איבערגעווינטערט
ביז דו ביסט צום זומער אַרויס,
די פֿרעסט און די שנייען געלאָזט דאָרט הינטער
די פּלייצעס בײַט פֿרעמדן הויז.

און טרעפֿט דאָ אַ מאָל אַ טאָג אַ הייסער,
אַ ביסעלע מער ווי הייס
און טרעפֿט זיך אַ מאָל אַ גרויסער ווייסער,
וואָס קומט דיך לערנען, וואָס דו ווייסט,
שוין לאַנג אָן אים דו ווייסט,
איז האַלט זיך אײַן און זײַ נישט בייז
און זאָג אים נאָך דעם אלף-בית.

נעם עס אויף מיט אַ קלוגן שמייכל,
אויב דו ביסט גענוג נאָך קלוג,
דערצו איז גענוג בלויז אַ ביסעלע שׂכל,
אַ ביסעלע האַרץ איז גענוג.

און ווייס ער איז דײַן געטרײַער ברודער,
וואָס האָט דיך זינט יאָרן נישט געזען
און שאַ און שטיל און מאַך נישט קיין גערודער,
ווי גלײַך ס'איז גאָרנישט נישט געשען.

ירושלים, 1טער אַפּריל, 1990

די ייִדישע קאַרטע

(נײַער וואַריאַנט)

ייִדן, אַ פֿאָלק פֿון אײַנגעשפּאַרטע,
האָבן אַן אייגענע ייִדישע קאַרטע,
גייט מען פֿון יאַס קיין אַרגענטינע,
פֿאָרט מען פֿון בעלץ צו דער בוקאָווינע.

ייִדן, אַ פֿאָלק פֿון סאַמע ווייסער,
לאַבן זיך אויס פֿונעם ווינער קייסער,
נאָך דעם פֿון קעניג דעם רומענער —
ייִדן וויזשניצער, ייִדן אונגענער.

מיר, די ייִדן פֿון דער מאָלדאָווע,
רופֿט מען דאָ לייבו, רופֿט מען ליאָווע,
ערשט, ווען מע רופֿט אונדז אויף צו דער תּורה
ווערן מיר די אמתע נעמען געווירע.

מיר, די פֿלאָרעשטער, די מאַרקולעשטער,
מיר, די בעלצער און די קאָפּרעשטער,
מיר, די אָקניצער און די ליפּקאַנער
ווינען צווישן די מאָלדאַוואַנער.

פֿאָרן קיין קעשענעוו שאַראַבאַנעס,
פֿאָרן צאַראַנעס, פֿאָרן טשאַבאַנעס,
פֿאָרן זיך לערנען אין פֿאַקולטעטן
אין דער שטאָט פֿון שרײַבערס, פּאָעטן.

שרײַבערס, פּאָעטן מאָלדאַוואַנער
שטאַמען פֿונעם ראַיאָן ליפּקאַנער
און ליפּקאַן, דאָס ייִדישע שטעטל,
האָט זיך אַן אייגן שרײַבער-צעטל.

ייִדן אַ פֿאָלק פֿון אײַנגעשפּאַרטע
האָבן אַן אייגענע ייִדישע קאַרטע,
פֿון ליפּקאַן און פֿון זגוריצע
פֿאָרן די ייִדן קיין טשערנאָוויצע.

דאָ, די הויפּט-שטאָט פֿון בוקאָווינע,
האָט פֿאַר אונדז גאַר אַן אַנדער זינען,
דאָ איז פֿאַר אונדז אַ ייִדישער צענטער,
פֿאַר די מאָלדאַווישע ייִדישע שטעטלעך.

דאָ, ווו סע קרייצן זיך קולטורן,
האָט אונדז שטיינבאַרג געלאָזט זײַנע שפּורן,
דאָ האָט מאַנגער דער סטאָפּטשעטער
אָפּגעפֿרילינגט דעם שענסטן וועטער.

דאָ האָט פּרץ אָנהייב יאָרהונדערט
אויסגערופֿן דאָס גרויסע ווונדער:

ייִדיש, די שפּראַך פֿון צאינה וראינה,
ייִדיש, אַ שפּראַך אַ סווערענע.

טשערנאָוויץ

מאַך מיר נישט קיין אַיִן פֿון אַ יש

מאַך מיר נישט קיין אַיִן פֿון אַ יש,
ס׳האָט אַזוינס נאָך קיין מאָל נישט געטראָפֿן,
זינט ס׳האָט גאָט באַשאַפֿן מאַרקולעשט,
האָט נאָך קיינער נישט אַראָפּגעשלעפּט די וועש
פֿונעם שטריק און איז מיט איר אַנטלאָפֿן.

מאַך מיר נישט קיין אַיִן פֿון אַ יש,
סײַדן וועסט דעם אַיִן גוט באַהאַלטן
בײַ אַ בוים אַן אַלטן און דו וועסט
שטעלן זיך צו היטן דאָרט דאָס מעש
פֿון אַ סאַמאָוואַר אַן אַלטן-אַלטן.

מאַך מיר נישט קיין אַיִן פֿון אַ יש,
ס׳איז די וועלט אַ פֿולע מיט המצאות,
דו וועסט זײַן אַ טיפּש, אויב דו וועסט
אויסמעסטן אַ נײַע שוואַלבן-נעסט
און געפֿינען אין דער מאָס אַ טעות.

ס׳האָט אַזוינס נאָך קיינער נישט געהערט,
מע זאָל מאַכן פֿון אַ יש אַן אַיִן.
ווי אַזוי זשע, פֿרעגסטו, טרעפֿט פֿאַרקערט
און די ישן ווערן אַלץ פֿאַרמערט
און זיי האַלטן זיך אין איין באַנײַען?

— זאָלן זיי און הער מיר אויף צו ברײַען.

ירושלים, 13טער יאַנואַר, 1991

די וועלט איז פֿול

די וועלט איז פֿול מיט יש, מיט זייַן,
פֿול מיטן אויג ווי אַ בעכער מיט וויַין,
וואָס שטייט אויפֿן טיש און וואַרט אויף דער האַנט
אים אויפֿצוהייבן און בענטשן דאָס לאַנד
און אויסליידיקן אים ביזן סאַמע דנאָ.
די וועלט ווערט ליידיק און כּולו נישטאָ,
פֿול מיט נישט זייַן ווי אַ ליידיקער טאָפּ
אין אַ הונגער-יאָר, ווען סע פֿאַלט נישט אַראָפּ
קיין טראָפּן פֿון ליידיקן הימל, קיין לעק,
סע ליגן אין מיל די ליידיקע זעק.
די גאַנצע וועלט איז אַ ליידיקער זאַק,
וואָס עפֿנט פּלוצעם דאָס מויל און ער פּאַקט
די וואָלקנס אַרייַן אין זיך און סע גיסט,
דער בליץ צעבליצט זיך, דער דונער שיסט,
די ברכה איז נישט געמאַכט אומזיסט.

ירושלים, 3טער יולי, 1991

אינעם גרויסן טאָג פֿונעם נצחון

די געשיכטע איז שוין איבערזאַט מיט העלדן
און סע וועלן זיך נאָך קומען מעלדן
העלדן, העלדעלעך אַ לענגערע קאָלאָנע,
ווען סע וועט נישט זייַן שוין קיין סכּנה,
קיין געפֿאַר אַ העלד צו זייַן, ווייַל נישט קיין טרונע
שטעלט מען דאָך אַוועק אויף דער טריבונע,
נאָר אַ לעבעדיקן העלד מיט עפּאָלעטן
ווי דער מלך אחשורוש אין מייַן שטעטל,
צי אַ מיטגליד אין פֿאַראיין פֿון די פּאָעטן,
וואָס זיי זענען נישט קיין העלדן נאָר גאונים
און סע קומט דערפֿאַר זיי צו באַלוינען,
ווייַל זיי זענען נישט קיין פּשוטע פּאַרשוינען,
נאָר דאָס זעמלמעל, דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל,
ערשטע הספּד-רעדנערס אויפֿן הר הזיתים

און די טעקסטן-שרײַבערס פֿול מיט לויב אויף די מצבֿות
און סע וועלן שטיין דאָרט אויבן פֿאָרזיצערס מיט זייערע וויצעס,
כּלל-טוער, קולטור-בויער און גלאַט אַזוי זיך שוויצערס,
וועלט-פֿאַרזאָרגערס, זיך-פֿאַרזאָרגערס, די משפּחה
און דעם בעסטן גוטן-ברודער און דעם בעסטן שכן.
זאָלן אַלע הײַנט געניסן פֿון דער ברכה און הצלחה
אינעם גרויסן טאָג פֿונעם נצחון!

די גאַנצע וועלט לאַכט

די גאַנצע וועלט לאַכט פֿון כעלעם
און כעלעם לאַכט פֿון מאַרקולעשט
און לאַכט די לעצטע, ווײַל פֿון קיינעם,
פֿון קיינעם לאַכט נישט מאַרקולעשט.

ס׳איז מאַרקולעשט אַ באַסאַראַבער,
אַ שטעטל מיט אַ הימל, זון
און נאָר אַ כעלעמער אַ שרײַבער
פֿאַרגינט זיך לאַכן פֿון דערפֿון.

געווען אַ מאָל אַזאַ מין שטעטל,
געווען אַ מאָל און מער נישטאָ,
נאָר גאָט, מײַן גאָט, אין זעלבן צעטל
געוועזענע איז כעלעם דאָ
פֿאַרשריבן, אַז ס׳איז אויך נישטאָ.

אַ גאַנצע וועלט לאַכט פֿון כעלעם
און כעלעם לאַכט פֿון מאַרקולעשט
און לאַכט די לעצטע, ווײַל פֿון קיינעם,
פֿון קיינעם לאַכט נישט מאַרקולעשט.

ירושלים, 11טער מערץ, 1990. פּורים, תש״ן

דיַינע געגראַמטע געדאַנקען

דיַינע געגראַמטע געדאַנקען
ווילן ווערן געזאַנג,
ווילן עס שטאַרק און דאַנקען
גאָט, סע גייט אַ גאַנג.

דיַינע גראַמען לאָזן
הערן דאָס שטאַרקסטע קול
און דו קענסט זיך בלאָזן
ווי אַ לופֿט-באַלאָן.

זאָלסט, חלילה, נישט פּלאַצן
פֿון אַזוי פֿיל לופֿט,
האַלט זיך וויַיט פֿון חרצן,
ווען דו הערסט ער רופֿט.

מאַך זיך אין גאַנצן נישט הערן,
ווען ער פֿליסטערט זיַין ליד,
מעגסט זיך אַפֿילו שווערן,
אַז דו הערסט עס ניט.

אויב זיך דורכשלאָגן
וועט זיך דאַך זיַין געזאַנג,
מעגסטו קומען און זאָגן :
"דאָס געשעט אַ דאַנק
מיַין געגראַמטן געדאַנק"

און סע גייט אַ גאַנג.

ירושלים, 16טער יוני, 1990

קאָלאָריט

מע הערט זיַינע ווערטער אין קלאַנג,
סיַי ווען ער שעפּטשעט, סיַי ווען ער שריַיט,

נאָר מ׳זעט זיי נישט אין געדאַנק
נישט נאָענט און נישט אין דער ווײַט.

מע הערט זײַנע ווערטער אין קלאַנג,
מע גלייבט נישט אין דעם, וואָס מע הערט.
ווען דאָס וואָלט געווען געזאַנג,
מע וואָלט אויך געזען וואָס מע הערט.

ווײַל יעדעס וואָרט איז אַ ליד
און יעדעס ליד — אַ קאָנצערט.
בײַם זאָגן עס מיט קאָלאָריט,
זעט מען דאָס, וואָס מע הערט.

ירושלים, 29סטן יאַנואַר, 1991

מײַן גורל

אין קיין זײַדן העמדל
בין איך נישט געבוירן,
פֿון קיין זײַדענע פֿעדעם
וועבט זיך נישט מײַן גורל.

אויף קיין ווייכע שטיינער
נישט געלייגט זיך שלאָפֿן,
קיין געחלומטע לייטער
צום הימל נישט געטראָפֿן.

אָנגעיאָגט אַ נאַסער
פֿרײַטיק אין אַ רעגן,
האָט דעם גאַסט אויף שבת
קיינער נישט באַגעגנט.

ס׳האָט דעם גאַסט דעם ליבן
קיינער נישט פֿאַרבעטן,
האָב איך אין אַ שטיבל
פֿון אַ קליינעם שטעטל

זיך אַרײַנגעצויגן
און גענומען וואַקסן
און אַרויסגעפּלויגן
מיט פֿליגל אויף די אַקסל.

שיסט מען (אויף צו טרעפֿן
אין דער פֿאַוועס פֿאַרבן),
טרעפֿט מען אין אַ קנעפּל
פֿון אַ לאַנגן אַרבל.

אין קיין זײַדן העמדל
בין איך נישט געבוירן,
פֿון קיין זײַדענע פֿעדעם
וועבט זיך נישט מײַן גורל.

אים געמוזט אַליין איך
אויסוועבן פֿון לידער
און זיי אויסנוויינען
זאָגן ווי פֿון סידור.

ירושלים, 22סטער אויגוסט, 1991

בין בכלל נישט

בין בכלל נישט אומבאַרירלער,
קיינער שטייט נישט אויף דער וואַך
מיט פֿאַרשנורעוועטע שנירלעך
בײַ מײַן קיישל מיט פּאַפּירלעך
אונטער נידעריקן דאַך.

ווער סע וויל נאָר, קאָן זיי שטעכן
און זיי נעמען אויף זײַן שפּיז
דורכן לעבעריקן דעכל,
זיי צערײַסן און צעברעכן,
זיי צעטרעטן מיט די פֿיס.

ווער סע וויל, קאָן זיך אַנטציקן
דאָ און דאָרט פֿון אַ קלאַוויש,
פֿון פּאַפּיר — אַ פּיצל, שטיקל,
כ׳האָב נישט צוגעזאָגט קיין גליקן,
קיינעם נישט.

ירושלים, 5טער אויגוסט, 1991

איך בין געשטאָרבן

איך בין געשטאָרבן נאָך פֿאַר דריי יאָרן בערך,
איצט קוק איך אויף דער וועלט, ווי זעט זי אויס אָן מיר,
פֿון ערשטן בליק מיר דאַכט זיך, ס׳האָט גאָרנישט זיך געענדערט,
אין אַפֿריקע די זעלבע היץ, די זעלבע קעלטן אין סיביר.

די פֿאָנען אויף די דעכער בלויז האָבן זיך געביטן
און פֿון די פֿערד די שטיינערנע אין שטאָט
די רייטער שטיינערנע, וואָס האָבן שטאָלץ געריטן
אַראָפּגעוואָרפֿענע ליגן איצט אין שפּאָט.

די זעלבע גאַסן נאָר באַנייטע נעמען,
וואָס אייניקע געדענקען פֿון אַ מאָל,
אַרויסגענומענע פֿונעם פּנקס בעלעם,
צעהאַנגענע אַצינד אויף באַרג און טאָל.

די זעלבע מעשׂות ווי גוט עס איז געווען
אַ מאָל־אַ מאָל אין יענער גוטער צייט,
ווען אַלע האָבן קוילעטשן געגעסן
און מיט די ציין מיט אייגענע געקייט.

איך בין געשטאָרבן נאָך פֿאַר דריי יאָרן בערך,
איצט קוק איך אויף דער וועלט, ווי זעט זי אויס אָן מיר.
פֿון ערשטן בליק מיר דאַכט זיך, ס׳האָט גאָרנישט זיך געענדערט,
אין אַפֿריקע די זעלבע היץ, די זעלבע קעלטן אין סיביר.

ירושלים, 1991.10.26

3. נישט פאַרשריבן

נישט פֿאַרשריבן

אָט בלעטער איך די טעג און שעהען פֿון מײַן טאָגבוך,
פֿאַרליר אין מיטן בלעטערן אַ בלעטל,
איז ווייניקער אַן איינציק בלעטל, זאָג איך,
איז ווייניקער אַ טאָג אַ מאָל אין שטעטל.

איז ווייניקער אַ רעגן אין פֿרימאָרגן,
אַ זון בײַ טאָג אין הימלס הויכן מיטן.
ווען ס׳בלײַבן נישט די שפּורן פֿון די זאָרגן
פֿון יענעם טאָג, וואָלט זיך צום גוטן
אַלץ בײַ מיר געביטן.

פֿאַרלירן אָט דאָס בלעטל אָבער, הייסט נאָך נישט פֿאַרלוירן
דעם אָפּגעלעבטן טאָג, ער איז אין מיר פֿאַרבליבן.
סע בײַט זיך אָפּט דער הימל, נאָר ס׳בײַט זיך נישט דער גורל
פֿון סאַמע ערשטן טאָג פֿון מײַן געבוירן,
וואָס איז בײַ מיר אין טאָגבוך נישט פֿאַרשריבן.

ירושלים, אַפּריל, 1990

זײַן, צי נישט זײַן?

איך בין נישט געווען
און וועל ווידער נישט זײַן,

איז וואָס געשען
צווישן נישט געווען
און נישט זײַן?

צווישן נישט געווען
און נישט זײַן
איז גאָרנישט געשען.

כ'האָב נאָר באַוויזן צו טאָן אַ פֿרעג
אַן אַלטיטשקן אויף אַן אַלטן וועג:
— וואָס טראַכסטו, זיידעשע, וועגן דעם
אַצינד בײַם סוף פֿון דײַנע טעג —
זײַן, צי נישט זײַן?

און ס'האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט:
— בעסער צו זײַן און צו זען
בײַ דער שײַן פֿונעם טאָג
דעם נישט זײַן.

ירושלים, 16טער אַפּריל, 1990

וואָס זשע מיינט איר?

וואָס זשע מיינט איר איז דאָס לעבן אויף דער וועלט?
— סע זאָל זײַן פֿאַר איײַך אַ מעשׂה צו דערציילן.
ס'האָבן חיות רעות פֿאַר מענטשן זיך פֿאַרשטעלט
און די מענטשן — פֿאַר צדיקים אין די היילן.

און די היילן — ברייטער, שענער, העכער אַלץ
ווערן אויסגעצירט מיט גרויסע בילדער,
טרינקט מען ווײַן, מע שיט אין עסן זאַלץ
און די בילדער ווערן ווילדער, ווילדער.

בילדער — לאָנקעס, גרויסע סטאַדעס שאָף,
טרײַבט מען זיי אַרײַן אין קאַטאַקאָמבעס
און מע וועקט די פּאַסטעכער פֿון שלאָף
און מע הענגט זיי אָן דאָרט אויף די אַקסל באַמבעס.

וואָס זשע מיינט איר איז דאָס לעבן אויף דער וועלט ?
ס׳איז אַ טרויעריקע מעשׂה אויסצוהערן.
ס׳האָבן זיבן מאָגערע הונגעריקע וועלף
איינגעשלונגען זיבן פֿעטע לעמער ווי די בערן.

ירושלים, 10טער דעצעמבער, 1990

ווי אַ זייגער

פֿאַר אפֿרים שעדלעצקי

כ׳האָב זיך אָנגעדרייט פֿאַר טאָג,
ווי מע דרייט אַ זייגער אָן אויף אַ מעת-לעת צו גיין
אַלע פֿיר און צוואַנציק שעה
און די ווײַזערס דרייען זיך אַפֿילו, ווען איך שלאָף,
און די ווײַזערס גייען זיך אַפֿילו, ווען איך שטיי,
און די ווײַזערס שטייען נישט אַפֿילו, ווען איך זיץ,
און די ווײַזערס לאַכן נישט אַפֿילו פֿון אַ וויץ,
און די ווײַזערס וויינען נישט אַפֿילו, ווען אַ בליץ
טרעפֿט אין סאַמע האַרצן פֿון אַ ברייט צעבליטן בוים
און סע ווערט מיט אים פֿאַרברענט דער פֿאַרבנרײַכסטער טרוים,
וואָס אַ מאָל זיך אָנגעהאַנגען אויף מײַן דיכטערישער פֿען
און איך האָב געחלומט אים נאָך אַ מאָל צו זען,
אָט דעם טרוים דעם פֿאַרבנרײַכסטן, וואָס דער בליץ האָט אים פֿאַרלענדט,
האָב איך אויפֿגעהויבן הויך, ביזן הימל מײַנע הענט,
בין איך אָבער אָנגעדרייט ווי דער זייגער פֿון דער שטאָט,
וואָס איז קײַלעכדיק פֿאַר אַלע, ווײַל זײַן רעמל איז אַ ראָד
און איך גיי און גיי פֿאַרויס, פֿאַרויס, פֿאַרויס,
נאָר איך קען פֿון רעמל נישט אַרויס.

ירושלים, פֿרײַטיק, 15טער יוני, 1990

בין שלעפֿעריק

— בין שלעפֿריק און קען נישט שלאָפֿן,
בין הונגעריק און קען נישט עסן,
נאָר גוט, וואָס ס׳איז דאָ, ווו צו שלאָפֿן
און גוט, וואָס ס׳איז דאָ, וואָס צו עסן.

— צי קען מען פֿון גאַנצן דעם וויסן
דען זאָט זײַן, זײַן פֿריש און זײַן מונטער,
אָן כאָטש צו נעמען אַ ביסן
און אָן אַ חלומס וווּנדער?

— מע קען נישט. ווער זאָגט דען, ווער רעדט דען?
אָן דעם סע זאָל שטיין די שיסל,
דאָס ווייכע בעט, דאָס געבעטע,
נישטאָ איז וואָס צו וויסן
און פֿונעם וויסן געניסן.

מײַן חלום אויף דער וואָר

מײַן חלום אויף דער וואָר
איז דווקא נישט געוואָרן,
דער גרויסער דיריזשאָר
זײַן טײַטל האָט פֿאַרלאָרן
און ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן,
די נאָטן זענען זיך צעפֿלויגן.

מײַן חלום אויף דער וואָר
איז נישט די וואָר אין גאַנצן,
דאָס אומגליק האָט הומאָר,
די מתים גייען טאַנצן
און איך דערבײַ פֿאַרשפּאָר
צו זיי זיך צוצושאַנצן.

מײַן חלום אויף דער וואָר
זאָל בלײַבן בעסער חלום,
דאָס פֿעלד פֿון פֿאַנטאַזיאָר
פֿאַרגאָסן איז מיט סמאָלע
און אויף דער סמאָלע קלאָר
זיך צייכנט בלאָ דער חלום.

ירושלים, 14טער מאַי, 1991

זעץ איך אַראָפּ זיך

זעץ איך אַראָפּ זיך אויפֿן בענקל,
שרויף זיך אַרײַן מיטן געזעס
און איך ריר נישט מיט קיין אבֿר
דרײַ מעת-לעת.

אויפֿן פֿערטן כאַפּ איך אויף זיך,
טרייסל אָפּ פֿון זיך דעם שלאָף
שטאַרקער ווי פֿריער נאָך איך שרויף זיך
ווידער אַרײַן, עד אין-סוף.

און איך דרעמל אײַן געשמאַקער
ווי אין שלאָף און טיפֿער נאָך,
טיפֿער, טיפֿער און נאָך שטאַרקער
עד אין-סוף, אויף אַ גאַנצער . . . וואָך.

אויף דער צווייטער וואָך דער זייגער
וועקט מיך אויף און ווײַזט די צײַט,
אַז די ווײַזערס שטיל, פּאַמעלעך
זענען נאָך נישט אַזוי ווײַט
אָפּגעגאַנגען אין דער צײַט.

נאָך אַ קורצן זיסן דרימל
שטעל איך אויף זיך, ס'איז מיר גוט,
בין געווען אין זיבעטן הימל
אין די עטלעכע מינוט
און זיך אויסגערוט.

ירושלים, 13טער יוני, 1991

זונטיק, פֿרײַטיק, דינסטיק

זונטיק, פֿרײַטיק, דינסטיק,
שבת אין דער מיטן,
טעג פֿון דער וואָך אין דער פֿינצטער
האָבן זיך פֿאַרביטן.

צי איך אַרויף די שטאָרן,
זע איך בײַם ליכט פֿון די שויבן
אויף זייערע ערטער די יאָרן,
גאָט צו דאַנקען און לויבן.

לייג איך זיך פֿרײַטיק שלאָפֿן
בײַ געבענטשטע ליכטער,
בײַם בורא פּרי הגפֿן
נישט אין גאַנצן ניכטער,
לייג איך זיך פֿרײַטיק שלאָפֿן,
שטיי איך אויף שבת אויף זיכער.

ירושלים, 2טער פֿעברואַר, 1991

ווער איך שוואַך

ווער איך שוואַך צו בלײַבן וואַך,
ווער איך שלעפֿעריק
און דער חלום — יעדע זאַך —
ער פֿאַרדרייט קיין בויבעריק.

און פֿון בויבעריק צוריק
מיט אַ לופֿטבאַלאָן,
נאָך דעם אין איין אויגנבליק
אין אַ פֿאַעטאָן.

ליגט אין פֿאַעטאָן אַ קויש
פֿול מיט עסנוואַרג,
פּלוצעם הערט זיך אַ גערויש:
"דאָ איז נישט קיין מאַרק".

קוק איך אויפֿן ווייצנברויט,
אויפֿן גענדזנשמאַלץ
און איך פֿיל דעם טעם פֿון טויט,
ווערט מיר הייס און קאַלט.

טו איך בלויז דעם קויש אַ ריר,
ווערט פֿון אים אַ שאָף
און איך ווער אויס פּאַסאַזשיר,
כאַפּ זיך אויף פֿון שלאָף.

כאַפּט זיך אויף אויך אין דער שויב
ערד און הימל און די ווײַט
און ס'איז ווידער, גאָט צו לויב,
ווי בײַ לײַט.

ירושלים, 5טער יולי, 1991

וויפֿל שוועלן

וויפֿל שוועלן וואַרטן אויף מײַן טראָט ?
וויפֿל טירן וואַרטן מײַן באַריר ?
כ'קען נישט וווינען אין אַ גאַנצער שטאָט,
ס'איז פֿאַר מיר אַ צו גרויסע קוואַרטיר
מיט אַזוי פֿיל בעטלער נעבן מיר.

וויפֿל פֿענצטער קוקן נאָך מײַן גאַנג ?
וויפֿל אויגן ציילן מיר די טריט ?
פּרוּוו איך נאָר זיך זעצן אויף אַ באַנק,
קומט באַלד צו צו מיר אַ צווייטער ייִד
און ער זאָגט, אַז ער איז אויכעט מיד.

וויפֿל שטערן קענען אויף אַ מאָל
הענגען אין דער הייך איבער מײַן קאָפּ ?
דאַנקען גאָט כאָטש, וואָס מײַן קאָפּ איז שמאָל
און זיי פֿאַלן פֿון מײַן קאָפּ אַראָפּ
און פֿון מיר זיי ציִען ווײַטער אָפּ.

ירושלים, 29סטער אויגוסט, 1990

ווען די וועלט

ווען די וועלט וועט אונטערגיין,
ווער וועט זי געדענקען?
און אַוועקשטעלן אַ שטיין,
וועלכער וועט ווי דאָס געביין
אויבעט אונטערגיין,
אויך זיך טרענקען,

אַז נישט בלײַבן זאָל קיין שפור,
נישט קיין יתום, קיין אלמנה,
קיין קולטור נישט, קיין נאַטור,
נישט קיין זון, נישט קיין לבֿנה.

אויך אַן אויפֿרײַס פֿון וווּלקאַן
אין דער שכנות פֿון אַ צווינטער
שלינגט די שטיינער און עד כּאַן,
נאָך דעם טוט די ערד אַ ציטער

און דער הימל ברעכט זיך אײַן
און לאָזט ליידיקע די רוימען,
אָן דער פֿינצטערניש, אָן שײַן,
אָן דער וואָר און אָן די טרוימען.

סאַראַ שוידער, סאַראַ שרעק!...
ס'איז, ווײַזט אויס, די וויסטע עלטער,
בין געשלאָפֿן אויפֿן וועג,
טפֿו-טפֿו-טפֿו! אויף פּוסטע פֿעלדער.

ירושלים, 24סטער אַפּריל, 1991

בין נישט נאָכגעגאַנגען קיינעם

בין נישט נאָכגעגאַנגען קיינעם,
זיך אין קיינעם נישט אַנטוישט
און פֿון קינדער, בלויז מיט איינעם
זיך געשפּילט, מיט קנעפּ געטוישט.

און אַזוי בין אין איך פֿאַרבליבן
אים אויף אייביק אַ בעל־חובֿ,
כ׳האָב געדאַרפֿט פֿאַר קנעפּלער זיבן
גיבן ווי אַן אַדרעריף

אויפֿן קרן — נײַן און צוואַנציק —
(פֿאַר די זיבן זײַנע קנעפּ)
פּערלמוטערנע און גלאַנציק,
וואָס איך האָב צונויפֿגעשלעפּט

פֿון דער מאַמעס שענסטן קליידל
שפּעט בײַ נאַכט, זי זאָל נישט זען,
פֿון דער שכנטעס אַ מיידל
כ׳האָב געגנבֿעט, כ׳אָנערקען.

סײַ פֿון דאָ און סײַ פֿון דאָרטן,
סײַ פֿון וועג און סײַ פֿון פֿעלד
סײַ פֿון וואַלד און סײַ פֿון גאָרטן
כ׳האָב די קנעפּלער צוגעשטעלט.

ווי די קנעפּ זענען מטבעות
צו די פֿינגער צוגעקלעפּט,
בײַם בעל מאה, בײַם בעל דעה
אָפּט מיט לעבלער ווי די קנעפּ.

כ׳צאָל מיט קאָפּיקעס, מיט סענטן,
כ׳צאָל און צייל זיי אויף אַ קול,
נאָר סע וואַקסן די פּראָצענטן
גיכער ווי איך צייל און צאָל.

בין נישט נאָכגעגאַנגען קיינעם,
זיך אין קיינעם נישט אַנטוישט
און פֿון קינדער, בלויז מיט איינעם
מיט די קנעפּלער זיך געטוישט.

און אַזוי בין איך פֿאַרבליבן
שוין אויף אייביק אַ בעל חובֿ

און ס'איז גאָרנישט מיר געבליבן,
קיין עליה נישט געקויפֿט.

ירושלים, 18טער יוני, 1991

אחרי מות

איך וועל אַרײַנבלאָזן אין אײַך מײַנע געפֿילן
און זאָל מײַן אָטעם לעבן, ווען איך וועל נישט זײַן,
אים אײַנהילן אין וואָל, ער זאָל זיך נישט פֿאַרקילן
בשעת סע בלאָזט פֿון טיר אין שטוב אַרײַן.

ווי לאַנג די מענטשן וועלן נאָך מיט ווערטער לעבן,
וועט אויך מײַן וואָרט אַרומגיין צווישן זיי,
זיי וועלן מוזן זײַנע גענג פֿאַרגעבן,
זײַן רעדלען זיך אויף וועגן, זײַן שליטלען זיך אויף שניי.

צי וועל איך הערן, ווען מע רופֿט מײַן נאָמען ?
צי וועל איך וויסן, אַז דאָס מיינט מען מיך ?
צי וועל איך קענען ענטפֿערן מיט אמן !
בײַם אָנצינדן נאָך מיר אַ יאָרצײַט-ליכט ?

ירושלים, 21סטער פֿעברואַר, 1991

ווידער וועגן זיך

כ'האָב וויינִיק געלייענט און וויינִיק געלערנט,
נאָר צרות געהאַט אויף מײַן קאָפּ גענוג,
די נאַכט איז מיליאָניק אויסגעשטערנט
און נאָר אויף מיר איינעם זי קוקט און קוקט.

וואָס לאָזט די נאַכט מיט איר קוקן מיך הערן ?
מײַן לעבן לויפֿט דורך ווי דורך אַ בוך
און לויפֿנדיק טראָגט עס אַ זאַק אַ שווערן —
אַן אוצר, וואָס מײַן מאַמע האָט אים אומגעזוכט.

מײַן מאַמעס טעות אָן צו באַקלערן —
דאָס נעמען מײַן טאַטן פֿאַר אַ מאַן,
אַ טעות איז אויך מײַן געבוירן ווערן,
נאָר איידער זיי זענען זיך ביידע צעגאַן.

איז קוק איך אויף זיך נישט איבעריק גערן
ווי אויף אַ נישט-געבעטענעם גאַסט,
נאָר אַנדערש קוקן אויף מיר די שטערן —
דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס מיר פּאַסט.

מיט פֿיל יאָרהונדערטער פֿאַר מײַן געבוירן
האָט האַמלעט געפֿרעגט — זײַן צי נישט זײַן ?
סע האָבן געוואַרט אויף מיר מײַנע יאָרן
און איך האָב געפּאָלגט און אין לעבן אַרײַן.

איך וואָלט זיך פֿון לאַנג שוין אויפֿגעגעבן,
נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף,
זיי ציטערן, בעטן מיך ווײַטער צו לעבן
און פֿאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף.

באַרימערײַ

איך זע און הער און פֿאַרשטיי
כ׳האָב אָבער מורא צו פֿאַרשטיין —
איך קאָן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ קריי
און ענדיקן מיט געוויין.

איך קאָן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ זאָג,
פֿאַרמסרן זיך איך קאָן,
אַז איך האָב געקרייט, ווײַל ס׳האָט געטאָגט —
וואָס נאָר קאָן טאָן אַ האָן ?

און כאָטש אין דרויסן איז סײַ ווי סײַ
סײַ ליכטיק, סײַ בלוי און סײַ גרין,
באַקומט זיך, אַז דאָס איז באַרימערײַ
פֿון גדלן דעם האָן, וואָס איך בין.

ירושלים, פֿעברואַר, 1991

וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט געחלומט זיך מיר?

וואָס האָט נאָך ביז הײַנט נישט געחלומט זיך מיר?
איך האָב שוין געחלומט אַ טויער און אַ טיר
און אויב ס׳איז אין חלום דער טויער צו שמאָל,
די טיר צו ברייט מיט אַ סקריפּענדיק קול,
טאָ זאָל עס נישט אַרן נישט מיך און נישט אײַך,
מע כאַפּט זיך נאָר אויף, ווערט אויסגעגלײַכט
דאָס אַלץ, וואָס דער חלום האָט אויסגעקרומט —
דאָס פֿערד ווערט אַ פֿערד און דער הונט ווערט אַ הונט.

וואָס האָט נאָך ביז הײַנט נישט געחלומט זיך מיר?
איך האָב שוין געחלומט, איך גיי און פֿאַרליר
די הויזן אין מיטן אַ שׂמחה אין שטאָט,
דעם בײַטל בעתן קויפֿן אַ סאָד
מיט עפּל און באַרן צו האַנדלען אין מאַרק,
איך פֿאַל אַראָפּ פֿון אַ הויכן באַרג
אין חלומס אַ טיפֿן, טיפֿן תּהום,
אָט בין איך אין שטעטל בשעת אַ פּאָגראָם,
מע האָט מיר צערויבט מײַן ווערטער-קראָם.

וואָס האָט נאָך ביז הײַנט נישט געחלומט זיך מיר?
איך קען מיט קיין אבֿר נישט טאָן קיין ריר,
בשעת איך הער, אַ פּאָגראָמשטשיק לייענט
דאָס לעצטע ליד מײַנס, ער לייענט עס ווי זײַנס
מײַן ייִדיש ליד. צי איז ער אַ ייִד,
אַ ייִד אַ פּאָגראָמשטשיק, וואָס האָט פֿאַרהיט
דאָס ייִדישע לשון בעתן פּאָגראָם,
ווען מע האָט מיר צערויבט מײַן ווערטער-קראָם?

וואָס האָט נאָך ביז הײַנט נישט געחלומט זיך מיר?
איך טו זיך אַ דריי און איך טו זיך אַ ריר
און רײַב מיר די אויגן, דערזע דאָס פּאַפּיר —
סע ליגט אויפֿן טיש מײַן ליד נישט גערירט
און וואַרט אויף מיר.

ירושלים, 29סטער מאַי, 1990, ערבֿ שבֿועות, תש״ן

האַלט מיך אויף

האַלט מיך אויף, מײַן גאָט, ווײַל איך צעשיט זיך,
האַלט מיך, לאָז נישט פֿאַלן פֿון די פּיס מיך,
כאָטש איך בין אַ מענטש אַזאַ, וואָס היט זיך,
דאַרף איך דאָך דײַן אָרעם, וואָס באַשיצט מיך.

דאַרף דײַן אָרעם איך, זיך אויפֿצושטעלן
אין מײַן גרייס דער גאַנצער, ווי דו זעסט מיך,
דאַרף דײַן גרויסע הילף, וואָס וועט מיר פֿעלן,
טאָמער, חס ושלום, דו פֿאַרגעסט מיך.

כ'האָב אַ מאָל געמיינט, אַז גאָר מײַן וועזן,
מײַנע כּוחות, גאָר מײַן לײַב-און-לעבן,
וואָס איז פֿריער, דאַכט זיך, נישט געוועזן,
איז אויף אייביק שוין מיר אָפּגעגעבן.

נאָר בײַם ערשטן ציטער פֿון די קניען,
בײַ דעם ערשטן נישט דערהערן עפּעס,
בײַ דער ערשטער שוואַכקייט פֿון דער ראיה
ליכטיק ווערט און מע זעט דעם אמת.

און מע לאָזט אַראָפּ די שטאָלצע נאָז פֿון פּנים
און מע בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ וואָס טיפֿער-טיפֿער
און מע טוליעט זיך צו דיר ווי ראש השנה
און מע וויינט זיך אויס ווי אום יום כּיפּור.

ירושלים, 23סטער מאַי, 1991

מיר באַזיגטע

מיר באַזיגטע פֿונעם שטאַרקן, וואָס באַפֿעלט,
מיר צעקריגטע מיט די פֿירערס פֿון דער וועלט,
מיר, די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

מיר צעוויגטע פֿון די ווינטן פֿון דער וויַט,
מיר צעווייקטע אין דער רעגן-ציַיט,
מיר, די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

מיר געשיקטע פֿונעם פּלאַם צום ים,
מיר באַגליקטע מיט אַ פּוסטן טאַראַראַם,
מיר די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

ירושלים, 12טער סעפּטעמבער, 1990

מיר זענען פֿאַרמישפּט

מיר זענען פֿאַרמישפּט אויף אייביקן טויט
און האָבן איין בקשה. איינע, איינע נאָר,
מע זאָל די שטראָף אויף אונדזער נפֿש, אונדזער הויט
אונדז אָפּלייגן אויף הונדערט צוואַנציק יאָר.

און כאָטש מיר ווייסן סיַי ווי, אַז די ציַיט
פֿון יעדער וויַט דערנענטערט זיך צו אונדזער טיר
און גייט פֿאַרביַי און נעמט אונדז און פֿאַרביַיט
מיט אַנדערע פֿאַרמישפּטע ווי מיר.

איז נאָך די ציַיט, די סאַמע בעסטע וואַנט,
אַ בלויע וואַנט, אַ בלויער האָריזאָנט,
וואָס לאָזט זיך נישט דערגרייכן מיט דער האַנט,
אַפֿילו, ווען דער סוף איז נאָענט-נאָנט.

ירושלים, 21סטער אַפּריל, 1990

מיר שטאַרבן נישט

מיר שטאַרבן נישט, מיר הערן פּשוט אויף צו זיַין
און אויב סע שאָקלט זיך אַ ביימל נאָך פֿון אונדזערס אַ באַריר,

איז גלײַך סע װאָלט אַ װינטל אין אַ װאַלד אַרײַן
און קען נישט אויף אַרויס געפֿינען מער די טיר.

און אויב סע האָט דײַן פֿינגער זיך אויף עפּעס אָפּגעדרוקט,
אַ מיידלס שמאָלע אַקסל, די טאַליע אַ פּרויס
און דו בײַ איר געבליבן ביסט, געװאָרן איר בן זוג
און ס׳איז פֿון איר דײַן טאָכטער און דײַן זון אַרויס,

איז װייס, סע איז דאָס װינטל, װאָס איז אין װאַלד אַרײַן
און שאָקלט מיט אַ ביימל און הוידעט מיט אַ צװײַג.
מיר שטאַרבן נישט. מיר הערן פּשוט אויף צו זײַן,
איך האָב אין דעם בײַ מײַן פֿאַרגיין זיך איבערצײַגט.

ירושלים, 8טער סעפּטעמבער, 1990

נישט גוט פֿון יאָר צו יאָר

נישט גוט פֿון יאָר צו יאָר אין זעלבן קלאַס צו בלײַבן,
בין זיבן יאָר אין ערשטן קלאַס געזעסן
און ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט שרײַבן,
האָט איר פֿון לאַנג דאָס לייענען שוין פֿאַרגעסן.

נישט גוט דאָס מאַמע-לשון נישט צו רעדן מיט די קינדער
און זיי מיט זייערע קינדער אויך נישט רעדן װי זיי װילן,
איך קוק אַרײַן אין זייערע העפֿטן װי אַ בלינדער
און ס׳העלפֿן נישט די סאַמע-סאַמע שטאַרקסטע ברילן.

איך האָב אַ װיגליד פֿאַר מײַן אייניקל געשריבן
און זיך אַליין פֿאַרװיגט בײַם סאַמע װיגל,
מײַן אייניקל — אַ בחורעץ פֿון אַ יאָר זיבן
האָט צוגעדעקט דעם זיידן מיט אַן אַנדער ניגון.

ירושלים, 8טער יוני, 1991

סע וועט מיר מײַן זכּרון

סע וועט מיר מײַן זכּרון
נאָך ברענגען אַ ביסל פֿרייד,
די איינציקע פֿונקען פֿון יאָרן
צעשפּריצט אויף מײַן וואָכעדיק קלייד.

סע וועט מײַן זכּרון נאָך ברענגען
אַ קיישל זכרונות אין האַנט
און וועט זיי מיר אויפֿהענגען
אַקעגן אויף דער וואַנט.

און איך וועל קוקן און גאַפֿן:
פֿון וואַנען זיך אומגעקערט
דאָס חומש, וואָס האָט באַשאַפֿן
דעם הימל און די ערד?

פֿון וואַנען זענען געקומען
די טישן און די בענק,
פֿון וואַנען האָט זיך גענומען
דאָס חדר אין גאַנצער לענג,
מיט קינדער פֿול און ענג,
פֿון וואַנען זענען געקומען
די קינדער, וואָס איך געדענק?

זיי זענען נישט געפֿלויגן
אַהער, זיך נישט געשיפֿט,
איך האָב זיי מיט מײַנע אויגן
אַרויסגעשלעפּט פֿון דער טיף
פֿון זיך,
פֿון מײַן אייגענעם איך.

ירושלים, ל״ג בעומר, תש״ן

מעמענטאָ מאָרי!

דו גייסט בײַ נאַכט צום הייליקן פֿעלד
און ווײַל איך האָב מורא צו זײַן אַ העלד,
איז לאָז איך דיך גיין צום פֿעלד אַליין.
נישט גוט אַזוי, איך ווייס, ס'איז נישט שיין.

ווען איך וואָלט געשיקט דיך אַהין, וואָלט איך
געגאַנגען מיט דיר און אַפֿילו גיך,
כּדי סע זאָל בלײַבן וואָס מערער צײַט
זיך אויסצווויינען ווײַט פֿון לײַט.

נאָר איך האָב מורא, ווי שוין געזאָגט,
אַ העלד צו זײַן אַפֿילו בײַ טאָג,
בפֿרט בײַ נאַכט אויפֿן הייליקן אָרט,
מײַן קבֿר וואַרט אין דער פֿינצטערניש דאָרט.

איז שיק איך דיך נישט און איך גיי נישט אַליין
און גיי נישט מיט דיר. איך ווייס ס'איז נישט שיין,
איך ווייס, איך ווייס און איך קאָן גאָרנישט טאָן
און כ'ווייס נישט, וואָס כ'וואָלט געטאָן, ווען איך קאָן.

ירושלים, 18טער יוני, 1990

פֿון גרענעץ צו גרענעץ

פֿון גרענעץ צו גרענעץ איז שמאָל און ווערט שמעלער,
די צײַט איבער מיר זי לויפֿט שנעל, זי לויפֿט שנעלער.

די גיכע טעג און די לויפֿיקע וואָכן,
זיי לאָזן נישט איבער קיין שעה אויף צו קאָכן.

די גיכע וואָכן און קורצע חדשים,
זיי לאָזן נישט איבער קיין שעה פֿאַר אַ גראָשן.

און איך וועל זיך וואַרגן מיט רויע קאַרטאָפֿל,
איך שלעפּ מיט די הענט זיי, דאָס מויל צו פֿאַרשטאָפּן.

דעם הונגער געשטילט און אים אָפּגעפּטרט,
איך שטאַרב אַ צופֿרידענער, שטאַרב אַ זאַטער.

ירושלים, 19טער מערץ, 1990

פֿון די נאַרישע חלומות

פֿון די נאַרישע חלומות וועל איך נאַרישער נישט ווערן,
כ׳האָב דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון נאַראָנעס
און בײַ די נאַראָנים בין איך הײַנט אַ שטערן,
נעבעך, ס׳איז אויף מיר אַ גאָטס רחמנות.

בײַ די נאַרישע חלומות האָב איך זיך געלערנט
אויך די חכמה די פֿאַרקערטע, וואָס איז שווער זי צו באַנומען
און געקלאַפּט אין אַלע הימלען הויך : איך בין אַ שטערן —
אַלע פּלעצער זענען שוין פֿאַרנומען !

איבער נאַרישע חלומות כ׳האָב צעבלוטיקט זיך מײַן שטערן
אָן מײַן בעט דעם אויסגעבעטן מיט גאַזעטן און זשורנאַלן
און פֿאַר ווייטיק אויפֿגעכאַפּט זיך, יאָ, איך בין אַ שטערן,
וואָס איז אָקערשט גלײַך אין בעט אַראָפּגעפֿאַלן.

ירושלים, 4טער יוני, 1991

שטייניק

איך זע דעם סוף פֿון אַלע סופֿן פֿון די זאַכן
און קויף זיי אַלע יונגערהייט נאָך, ווען זיי לאַכן
און מיינען, אַז זיי וועלן אייביק זײַן דאָ ווי זיי זענען,
זיי זענען דאָך נישט לעבעדיק אַזוי ווי מיר, זיי קענען
נישט אָפּשטאַרבן, למשל, ווי אַ ווערעמל, אַ קעצל,
וואָס בלײַבט געפּגרט ליגן אין אַ הינטערגעסל,
ביז וואַנען ס׳ווערט אַוועקגעשלעפּט, נאָך דעם וואַשט מען אָפּ די שטיינער
און די שטיינער ווערן ריינער, ריינער, ריינער

און זיי מיינען, אַז זיי וועלן זײַן דאָ אייביק
און די גאַס וועט אייביק בלײַבן שטייניק.

ירושלים, 27סטער נאָוועמבער, 1990

מיטן פּנים צום ווינט

מיטן פּנים צום ווינט,
וואָס בלאָזט אים אין פּנים
און שמײַסט מיט זינד,
אים צו דערמאָנען

אין יענער צײַט,
ווען ער זיי באַגאַנגען,
ער איז נישט באַפֿרײַט
נאָך פֿון יענע פֿאַרלאַנגען,

נאָר ס׳פֿעלן אים ציין
זיי צו צעקײַען
און ס׳איז נישט שיין
זיי אויסצושפּײַען,

איז וואַרגט ער זיך,
נאָר גיט זיך נישט אונטער
און ס׳שמײַסט אין געזיכט
דער ווינט, דער געזונטער
שקאָציש און מונטער.

ירושלים, 6טער אויגוסט, 1991

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ דאָס פֿאַרשפּאַרטס

צעלאָזט זיך האָט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ,
בשעת דער וועג איז פֿאַרמאַכט, איז פֿאַרשטאָפּט
און קען בלויז לויפֿן אַן ענגן מאַרשרוט
און טרײַבן אַרויף און אַראָפּ דאָס בלוט.

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ דאָס אָפּגענאַרטס
פֿון יעדן, וואָס נאַרט זיך און מיינט, ער איז קלוג
און זעט נישט תּמיד, ווען ער קוקט
און הערט נישט תּמיד, ווען ער זאָגט
אַליין צו זיך : אַ שווערער טאָג.

דאָס נאַרישע האַרץ און די נאַרישע צונג
און ס'האָט די פּען זיך אין טינטער געטונקט
און אויפֿגעשריבן אַיעדעס וואָרט
צונויפֿגעקליבן פֿון דאָ און פֿון דאָרט
און אָפּגעלאָזט זיי אין וועג אַרײַן פֿרײַ
אַהער און אַהין און אַהער אויף דאָס נײַ.

און ווידער אַהין אויף לינקס און אויף רעכטס,
אַרויף און אַראָפּ, מיט גוטס און מיט שלעכטס
און אײַנהאַלטן זיך שוין מער נישט געקאָנט,
פֿון ווײַטן נישט און נישט פֿון דער נאָנט,
זיך צוגעהאַלטן בלויז מיט די הענט
און אָנעם פּאַרענטש זיך אָנגעלענט.

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ האָט געפּלאַצט.

ירושלים, 18טער יולי, 1990

4. הבל הבלים, נאַר נישט דער חלום

איז דער אמת אַלט און גראָ געוואָרן

איז דער אמת אַלט און גראָ געוואָרן,
איז ער אין דער פֿרעמד אַוועקגעפֿאָרן,
האָט מען אים גענומען דאָרט אויספֿרעגן,
האָט ער זיי געוויזן אויף די וועגן,
וואָס אויף זיי איז ער אַהער געקומען,
וואָס מיט זיי האָט ער די פֿרעמד גענומען,
פֿון זײַן גוף זיך אויסגעטאָן דאָס רעקל,
פֿון זײַן רענצל אָפּגעדעקט דאָס דעקל,
זאָל מען זען, ער האָט נישט וואָס באַהאַלטן,
זאָל מען הערן פֿונעם אמת פֿונעם אַלטן
אַלצדינג, וואָס ער האָט זיי צו דערציילן,
אַלצדינג און נישטאָ וואָס אויסצוטיילן,
צו פֿאַרלייקענען נישטאָ וואָס, צו פֿאַרשווײַגן,
צו פֿאַרדרייען, מינערן צי איבערטרײַבן
אין געמאָסטענעם, געוווּיגענעם, געציילטן,
אין געזאָגטן גלײַך ווי אין געמיינטן . . .

האָט מען אויסגעהערט און אין דער מיטן
האָט מען אים די רעדע אָפּגעשניטן
און כּדי די גראָבקייט צו פֿאַרגלעטן
און סע זאָל נישט גרייכן די גאַזעטן
האָבן זיך באַוויזן דרײַ באַגלייטערס,
האָבן זיי געפּויקט און געטרומייטערט
צו פֿאַרטויבן זײַנע אויסגעשרייען,
צו פֿאַרטומלען זייערע טריט בײַם גייען,

ביז ער איז אין וועג אַליין געבליבן,
ביז ער האָט דערפֿילט, ער איז פֿאַרטריבן,
האָט ער נישט געקוקט שוין, צי מע קומט אַקעגן,
האָט ער נישט געזוכט שוין מער קיין נײַע וועגן
און אַהיים איז ער צוריק שוין נישט געקומען,
און מע ווייסט נישט ווו ער איז אַנטרונען.

ירושלים, 26סטער פֿעברואַר, 1991

די נעמען

פֿאַר מיכאל בן אַבֿרהם

די נעמען — פֿאַרמאַכט אין אַ בוך און פֿאַרגעסן
ווי ווײַן אין אַ קלעפּקעדיק הילצערן פֿעסל
אין טיפֿן, אין טונקעלן קאַלטן קעלער
באַהאַלטן זינט יאָרן אויף יאָרן שפּעטער,
פֿאַרשלאָסן פֿעסט און דעם שליסל פֿון שלעסל
פֿאַרוואָרפֿן און זוך אים לויט הונדערט אַדרעסן
און ווו דו וועסט זוכן, וועסטו אים געפֿינען
דעם זעלביקן שליסל, וואָס גרייט איז צו דינען
אין יעדער האַנט, וואָס וועט אים נאָר האַלטן
און עפֿנט דעם קעלער, ווו ווײַן איז באַהאַלטן
און עפֿנט דאָס בוך מיט פֿאַרגעסענע נעמען
פֿון מענטשן, וואָס הייבן אויף זייערע ברעמען,
צעשפּרייטן די נאָזלעכער ברייטער און ברייטער
און שטעלן זיך אויף ווי אויף טרעפּ פֿון אַ לייטער
און שטרעקן די הענט אין דער הייך און נאָך העכער,
אין איין האַנט אַ פּאָן, אין דער צווייטער אַ בעכער
און פֿול איז דער בעכער און גרייט צום לחיים,
לחיים פֿון ווײַן — פֿון אַלטן מיט נײַעם,
לחיים בײַם טיש פֿון אַלטע מיט יונגע —
אַ יונג איז פֿון זיבעטן גאָרן געשפּרונגען
און גאַנץ אויף די פֿיס געבליבן ווי גאָרנישט
ער נייגט זיך און בייגט זיך און בוקט זיך אַקטיאָריש.
אַ שד איז אַרויס פֿון אַ גלעזערן פֿלעשל
אַזוי ווי דער ווײַן פֿונעם הילצערנעם פֿעסל,
אַזוי ווי די נעמען פֿון בוך, וואָס זיי זענען

געלעגן, געוואָרט מע זאָל זיי דערקענען,
געלעגן פֿאַרשפּאַרט
און זיך דערוואַרט.

ירושלים, 1טער סעפּטעמבער, 1991

פֿון אַלע פֿאַרלוירענע שיינקייטן

פֿאַר צבֿי אײַזנמאַן

פֿון אַלע פֿאַרלוירענע שיינקייטן,
וואָס וואַלגערן זיך אין מיסט,
און פֿון פֿאַרגעסענע אייביקייטן
און פֿון געוועזענע ווענטלעכקייטן
פֿאַרהיט האָט זיך נאָר אין דער לופֿט אַ קאַפּריז
פֿון טויזנטער גאָטס קאַפּריזן
דיך אומצוזוכן און וועלן וויסן,
ווו דו ביסט.

דו ווערסט זיך אין אַלדי ווײַטיקייטן
באַהאַלטן פֿאַר דעם, וואָס אומזיסט
ער זוכט דיך אַרום אין אַלע זײַטן
און ער געפֿינט דיך נישט
און דיר אַ דאַנק בלײַבט דער קאַפּריז,
וואָס לייזט די שיינקייטן אויס פֿונעם מיסט
און אַלצדינג, וואָס איז געוועזן און איז
אויף אַלע אייביקייטן.

ירושלים, 22סטער יוני, 1991

פֿון אײַלעניש

פֿון אײַלעניש קומט נישט אַרויס קיין גוטס,
נאָר אויך דאָס נישט-גוטע קומט צו נוץ
אַ צווייטן, פֿאַרשטייט זיך, וואָס אײַלט זיך נישט
און בלײַבט אין מיטן וועג און געניסט
פֿון כּל הגוטס, פֿון שאָטן און גראָז,

פֿון ווײַטן הערט זיך אַ פּאַראַוואָז,
זײַן פֿײַפֿן און פּרײַכן, סע זעט זיך זײַן רויך
און ווײַטער אַ ביסל הויך-הויך
אויף יעדן דאַך פֿון יעדער וואַגאָן
זיך זיצט אַ האָז און אַ צאָן אויף אַ צאָן
אים קלאַפּט פֿאַר פּחד, טאָמער אַ פֿוקס
וואַקסט אויס פֿון וואַגאָן אין זעלבן ווּקס
אַ גלײַכבאַרעכטיקטער פּאַרשוין —
צי האָט זיך דאָס אײַלעניש געלוינט?

ירושלים, 2טער אָקטאָבער, 1990

פּירות אויפֿן מאַרק

גליטשיק-סאַטינענע פֿלוימען,
באַרכעטנע באַרנעס אַ באַרג,
פֿליושענע פֿערשקעס שוימען
אַריבער די ברעגעס פֿון מאַרק.

בײַקענע ווײַנשל טרײַבן
וואָלענע קאַרשן אַרויס,
אויף פֿערשקע-קערלעך שרײַבן
זיי די חשבונות אויס.

עפּל — גלײַך פֿון גן עדן
דורכגעשמוגלט אין זעק,
זאַפֿטיק, נישטאָ וואָס צו ריידן —
בורא פּרי העץ.

אַבריקאָסן געלע
פֿון די דינסטע פֿעדעם געשטריקט,
אָנגעשיט אויף די שטעלן —
צעביסן, צעריסן, צעקריגט.

הענגלער ווײַנטרויבן גרויסע,
גרייטע צו ווערן ווײַן,

געבראַכטע אַ מאָל צו משה
רבינו אין מדבר אַרײַן.

הײַנטיקע טרויבן אָן קערלעך,
סריסים, וואָס צײַטיקן גיך,
גייען צו קינד און ברענגען
דורות מיט סריסים נאָך זיך.

גייען צו קינד און געבוירן
סאָרטן מיט טרויבנוואָרג
אַזוי ווי סע שטייט אין דער תּורה —
מערט אײַך און פֿולט אָן דעם מאַרק.

ירושלים, 24סטער אויגוסט 1990

סע ברענט דאָס לעצטע ביסל נאַפֿט

סע ברענט דאָס לעצטע ביסל נאַפֿט אין לעמפּל אויס,
סע קריכט די פֿינצטערניש פֿון טונקלעניש אַרויס,
דאָס צימערל ווערט גרויס ווי אָן פֿענצטער, ווי אָן ווענט,
נאָר פּרוּוו זיך נישט די גרייס צו מעסטן, שטרעק נישט אויס די הענט
צו קלאַפּן האַנט אין וואַנט ווי אַ מאָל דעם קאָפּ
אין וואַנט דו האָסט געקלאַפּט און קיין הילף איז נישט אַראָפּ
פֿון הימל דיר, קיין מינדסטער טראָפּן טרייסט
און ווידער זע איך ווי אַ מאָל דו שטייסט
דעם קאָפּ געבויגן און די אויגן צוגעמאַכט
ווי אַ צוגאָב צו דער חשבון, צו דער נאַכט,
ווי אַ צולאָג צו דײַן עלנט, וואָס ער דאַרף קיין צולאָג נישט,
ווי אַ צולאָג צו דעם הונגער בײַ אַ שוואַרץ-געדעקטן טיש
און די רגע׳ס ציען זיך ווי יאָרן-יאָרן לאַנג,
אָן אַ טראָפּן שײַן, אָן אַ שאָרך, אַ קלאַנג,
ביז סע טוט פֿאַר טאָג אַ קריי דער האָן
און אין אַ שפּאַלט פֿון שויב צינדט אַ שטריך פֿון ליכט אַ לעמפּל אָן.

טשערנאָוויץ

ס'האָט יעדער בירגער רעכט

ס'האָט יעדער בירגער רעכט אויפֿן וועג,
וואָס פֿירט צו זיַין טיר און אויפֿן שליסל.
אויך רעכט אויף אַ שטול. זאָל זיַין ביַים ברעג
פֿון טיש און אויפֿן טיש אַ שיסל.

און אויב נישט קיין שיסל, זאָל דאָרטן כאָטש
אַ טעלער זיַין, אַבי אין טעלער
זאָל זיַין אַ געדיכטע פּאָרציע באָרשט
דאָס מויל צו פֿאַרשטאָפּן, דעם גרויסן וועלער.

און רעכט אויף אַ פֿענצטער פֿול מיט שיַין,
און רעכט צו עפֿענען דאָס פֿענצטער,
און אויב אַ טאָג וועט פֿאַרוואָלקנט זיַין,
צי ביַי נאַכט וועט ווערן פֿינצטער,

איז קומט אים אַ קישעלע אונטערן קאָפּ
און זאָלן נישט רוישן די שכנים, נישט שטערן
און אויב סע פֿאַלט אַ דונער אַראָפּ,
טאָ זאָל ער נישט מער ווי זיך לאָזן הערן.

ירושלים, 14טער אַפּריל, 1990

ס'איז אונדזער גליק

ס'איז אונדזער גליק, וואָס ס'איז נישטאָ
קיין אחדות ביַי די אָדלער-טשאַטעס,
זיי וואָלטן אין אַ בייזער שעה
צעריסן אונדז אויף שמאַטעס
און אויסגעניצט אויף לאַטעס.

אַ לאַטע אויף דער העכסטער נעסט,
אַ שירעם קעגן זונענשטראַלן,
אַ לאַטע — וועסט, אַ לאַטע — עסט
אין אַלע אָדלערישע זאַלן,
אין אַלע אָדלערישע שטאַלן.

ס'איז אונדזער גליק, וואָס ס'איז נישטאָ
קיין אחדות בײַ די שׂונאים-ברידער,
איך וואָלט זיך נישט געפֿינען דאָ
און נישט גענודיעט אײַך מיט לידער.
דאָ וואָלט זיך נישט געפֿינען קיינער,
קיין ליד נישט, איך נישט און קיין לייענער.

ירושלים, 28סטער יוני, 1990

איר זאָגט

איר זאָגט — בין אַ משוגענער
פֿון גרעסטן משוגעים-הויז,
איר זאָגט — בין אַן אַנטרונענער,
פֿון דאָרט איך בין אַרויס
מיט אַן אויפֿגעהויבענעם פֿויסט.

די וועכטער די דערשראָקענע
געלאָזט פֿאַרשטיינערט שטיין,
צו וועגן צו פֿאַרבאָטענע
אויף גיך זיך צוגעוויינט.

פֿאַראַנען רגעס זעלטענע
צו וועגן אויף אַ וואָג,
פֿון רגעס פֿון געוועזענע
סע ווערט אַ גאַנצער טאָג.

און אַלע טעג פֿאַראַנענע
באַגלייט איך מיט געוויין
די טעג אַראָפּגעפֿאַלענע
אין אָפּגרונט פֿון פֿאַרגיין.

איך וואָלט אַ טאָג אַן איינציקן,
כאָטש איינעם איין מאָל דאַר,
אַ טאָג אַ ווידערשפּעניקן
פֿאַרהאַלטן אויף אַ וואָר.

אַ מאָדנע, זאָגט איר, וועלניש
און נאָך דעם ? נאָך דער וואָך ?
— וועט קומען אַ פֿאַרגעסעניש,
די אייביקייט — דערנאָך.

ירושלים, 6טער סעפּטעמבער, 1991

כ׳האָב הונדערטער פּאָרטרעטן

כ׳האָב הונדערטער פּאָרטרעטן מײַנע צוגעגרייט
פֿאַר קלובן, זאָלן אין דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט,
נאָר ווײַל ס׳איז קיינער נישט געקומען נעמען זיי,
האָב איך זיי אויפֿגעהאַנגען אין מײַן שטוביקן מוזיי.
איצט דריי איך זיך אַרום צווישן מײַנע ווענט,
פֿאַרגלײַך דאָס זעלבע בילד מיט זײַן קאָנקורענט,
דאָס זעלבע בילד און יעדער עקזעמפּליאַר כאַפּט אויס
די בליקן מײַנע, וואָס איך שיק אַרויס
צו קוקן און איעדער ראָם פֿאַרהאַלט
די בליקן מײַנע מיט געוואַלט און באַלד
זיי פֿאַלן, מײַנע בליקן אויף אַ צווייטער וואַנט
מיט בילדער פֿול, די זעלבע בילדער נישט קיין וואַריאַנט
פֿון יעדן יאָר באַזונדער, נאָר אַלע פֿונעם זעלבן יאָר,
פֿון זעלבן טאָג אין יאָר, דער סאָלאָ-טאָג אין כאָר
פֿון טעג, וואָס זענען אַלע מיט אַ לויב-געזאַנג
באַפֿאַלן מיך און מיט אַ שטאַרקן שלאָפֿגעטראַנק
מיך אײַנגעוויגט און מיט אַ גראָבער דעק מיך צוגעדעקט
און ס׳האָט דער חלום מיר די בילדער איינציקווײַז פֿאַרמעקט
און נאָר איין בילד האָט זיך פֿון חלום אויפֿגעוועקט
און צו מײַן פּנים פֿעסט זיך צוגעקלעפּט.

ירושלים 14טער סעפּטעמבער, 1991

זײַן איינציקע תּפֿילה

רוט ער זיך אָפּ אין אייגענעם שאָטן,
קילט ער זיך אָפּ פֿון אייגענעם אָטעם,

ווערט ער אַנטשלאָפֿן פֿון אייגענעם חלום,
וועקט ער זיך אויף פֿון די נעכטיקע פּחדים.

גייט ער אַרויס אין דער פֿרי אויף די וועגן,
וואַרט ביז דער טאָג הייבט שטאַרקער אָן שײַנען,
שטעלט אין דער שײַן זיך דער זון אַקעגן,
עפֿנט דאָס מויל און הייבט אָן צו טענהען:

"גאָט, מײַן גאָט און נישט נאָר מײַנער,
מיט אדם הראשון געווען איז דיר לײַכטער
און אויך נישט אין גאַנצן, כאָטש ער איז איינער
געווען אויף דײַן גאַנצער ערד דער רײַכער.

האָסט חוהן באַשאַפֿן, איז ער שוין נישט איינער —
ער מיטן אַקער און זי מיטן טעפּל,
זי האָט געדרייט זיך צווישן דיביימער
און האָט אים אָפּגעקאָכט אַן עפּל.

זייערע אור-אייניקלעך אין די מיליאַרדן
לעבן אין איינעם און יעדער מיט זײַנעם,
מיט זײַנע טענות צום לעבן צום האַרטן"
און דאָ האָט ער אויפֿגעהערט צו טענהען,

ווײַל וואָס פֿאַר אַ ראָט און וואָס פֿאַר אַן עצה
קען ער דעם בורא העולם דען געבן ?
זײַן איינציקע תּפֿילה נאָך אַלע טענות
נאָך אַלע מענות, נאָך אַלע לעקציעס —
"רבונו של עולם, דערהאַלט אונדז בײַם לעבן !"

ירושלים, 2טער אַפּריל, 1990

ווען נישט דער חלום

ווען נישט דער חלום, וואָלט קיין לעבן נישט געווען,
מיר וואָלטן מער נישט ווי די וואָר געזען,
אויך דעמלט נאָר, ווען ס'איז אָפֿן אונדזער אויג,
פֿאַרמאַכטערהייט וואָלט עס נישט געטויגט.

צום חלום גראָד איז אונדזער אויג אַ שטער,
דו עפֿנסט עס, איז די וועלט איבערגעקערט,
ווי פֿריער זי געווען איז פֿאַרן שלאָפֿן גיין,
ווי קען מען לעבן מיט דער וואָר אַליין ?

ווי קען מען לעבן מיט דער איינער זײַט ?
זאָל זײַן די רעכטע זײַט, נאָר אייביק אָן אַ בײַט,
מע בײַט דאָך אויך דאָס העמד, וואָס אויפֿן לײַב
און אַז ס'איז שווער אַליין צו זײַן, איז נעמט מען זיך אַ ווײַב.

און מאַן און ווײַב איז דאָך אויך אַ פּאָר
פֿון רעכטס און לינקס, פֿון חלום און פֿון וואָר
און ווען דער מאַן ז'פֿאַרזונקען אין אַ חלום טיף,
דאָס ווײַב אים שלעפּט אַרויס ווי אַ זינקענדיקע שיף.

ירושלים, 14טער אויגוסט, 1990

און קומען וועט אַ צײַט

און קומען וועט אַ צײַט פֿון גרויסע שׂריפֿות,
דאָס פֿײַער וועט אַרויס פֿון אַ געפּלאַצטער פֿלאַש
און וועט דעם גאַנצן הימל און די ערד פֿאַרפֿלייצן,
אַז בלײַבן וועט פֿון אַלץ אַ נידריק בערגל אַש.

דער ספֿר הזכרונות פֿון די הימל-הייכן
אַראָפּפֿאַלן וועט גלײַך אין אַן ערדישן אַרכיוו
אַ ברענענדיקן און צו די פּיראַמידן גרייכן,
דערנאָך צו שטעט באַגראָבענע אין דער טיפֿסטער טיף.

דערנאָך פֿון וועלטן אַנדערע אַ ווינטל
וועט זיך אַ לאָז טאָן און אַ בלאָז טאָן פֿון דער ווײַט
אויף אויפֿלעבן צוריק דעם לעצטן רויטן פֿינטל,
דעם לעצטן פֿונק, ביז וואַנען ווידער קומען וועט אַ צײַט.

דער חלף (משלים־דיק)

אַלע ווייסן, אַז אַ חלף דאָס איז נישט קיין האַרף,
אָבער זאָגן, אַז דער חלף איז נישט שאַרף,
ווײַל סע לוינט אַזוי צו זאָגן,
ווײַל אַזוי מע דאַרף,
ווײַל מע הייסט אַזוי,
איז ווי זאָגן,
אַז קיין טרוקן שטרוי
ברענט נישט אין קיין פֿײַער
און סע קען אונדז אַט דאָס זאָגן
גלאַט אַזוי,
אין דער וועלט אַרײַן
קאָסטן זייער זייער טײַער.
ס'איז ווי זאָגן,
אַז די שײַן
קומט נישט פֿון די ליכטער אויבן,
נאָר פֿון חלף, וואָס מיר לויבן,
כאָטש מיר ווייסן, אַז דער חלף דאָס איז נישט קיין האַרף
און מיר האָבן מורא פֿאַר זײַן שאַרף.

ירושלים, 25סטער אַפּריל, 1990

די רייפֿן אויפֿן צווייפֿל

די רייפֿן אויפֿן צווייפֿל,
די רינגען פֿון דער קייט,
די סטרונעס פֿונעם פֿײַפֿל,
דאָס פֿײַפֿן פֿון דער פֿלייט.

די בענדלעך פֿון די זאָקן,
די זאָקן פֿון די פֿיס,
די קלאַנגען פֿון די גלאָקן,
די פֿוסטריט פֿון אַ ריז.

דאָס פֿענצטער פֿון די שויבן,
די שויבן פֿונעם גלאָז,

דער אונטן פֿונעם אויבן
פֿון סאַמע בײַ דער נאָז,

דער מאָרגן פֿונעם נעכטן,
דער נעכטן פֿונעם הײַנט,
דאָס שפּילן אין געפּעכטן
מיט סאַמע נאָנטסטע פֿרײַנד.

צעשטערט זענען די זאַכן
אין משך פֿונעם יאָר,
בכדי זיי ווידער מאַכן,
באַדאַרף דער טאָג זײַן קלאָר.

ירושלים, 28סטער אַפּריל, 1990

די מידקייט

די מידקייט וואַרפֿט מיך אום אין מיטן גאַנג
און בינדט מיר הענט און פֿיס און דעם געדאַנק
און נישט פֿאַרוויגט פֿון קיין געזאַנג
אויף דער ערשטער בעסטער גאָרטן-באַנק
איך פֿאָר אַוועק אין שלאָף אַרײַן גאָר ווײַט
און קום דאָרט אָן אין גאָר אַן אַנדער צײַט,
וואָס איז נאָך נישט צי איז שוין יאָ געווען —
דער עיקר, אַז ס'איז דאָ דאָרט, וואָס צו זען.

ירושלים, 24סטער יולי, 1991

די צײַט

די צײַט יאָגט שטענדיק דיך איבער
און שטעלט דיר אַ צונג אַרויס,
נאָר דו האָסט די צונגען ליבערשט,
איידער די ווענט פֿון הויז.

ווײַל ווענט האָבן אויערן שטילע,
וואָס הערן זיך צו, וואָס דו זאָגסט
און וואָס דו טראַכסט אַפֿילו,
אַפֿילו על חטא, ווען זיך שלאָגסט.

דײַן פֿרײַנד, דעם סאַמע בעסטן,
געטרויע נישט דײַנע זינד,
בלויז אים דעם סאַמע העכסטן,
וואָס האָלטסט זיך פֿאַר זײַנס אַ קינד.

אויך אים זאָלסטו נאָר דערציילן,
ווען ס׳שטייט נישט זײַן כּהן דערבײַ,
וואָס וועט דײַנע זינד דיר ציילן
נישט איין מאָל, נישט צוויי מאָל נאָר דרײַ.

די צײַט יאָגט דיך שטענדיק איבער
און שטעלט דיר אַ צונג אַרויס,
נאָר דו האָסט די צונגען ליבערשט
איידער די ווענט פֿון הויז.

ירושלים, 1טער אַפּריל, 1990

און — — — — — — — —

און איינער זוכט בײַם צווייטן די אַכילעס-פּיאַטע —
און דער איז קורצזיכטיק און יענער — היקעוואַטע,
און יענעמס הויזן — בלויז אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
און יענע, נעבעך, פֿון געבוירן — אַ האָרבאַטע.
מײַנע הערן, מײַנע דאַמען,
איך האָב צון אײַך עטלעכע שאלות דעליקאַטע,
נאָר אין אַנדערע גראַמען,
נישט אַזעלכע גלאַטע
און די סאַמע ערשטע פֿון די שאלות,
צי מע מעג אַרויסשטעלן יענעמס דלות
פֿאַר אַן אייגענעם פֿאַרמעגן,
אַן צו שטעלן עפּעס-וואָס אַקעגן ?

און די צווייטע שאלה:
צי מעג מען יענעמס פֿעלערן
אַרויסשטעלן (פֿאַר יעדערן)
פֿאַר אַן אייגענער מעלה?
און די זעלבע איז די דריטע שאלה
און די זעלבע זענען זיי די שאלות אַלע:
צי מעג מען דען, צי מעג מען?

אַ גאַסט קומט אויף אַ ווײַל

אַ גאַסט קומט אויף אַ ווײַל
און וויל צוריק נישט פֿאָרן,
אַ גאַסט קומט אויף אַ ווײַל
און בלײַבט אויף יאָרן.

און דאָ טאַקע הייבט זיך עס אָן
נאָך דעם ווי די ווײַל איז פֿאַרגאַנגען,
דער מכניס אורח קאָן
נישט נאָכקומען מער צו טאָן
דעם ליבן גאַסטס פֿאַרלאַנגען.

און וואָס אַ שטייגער באַגערט
דער טײַערער גאַסט דער ליבער? —
צו מיטיק אַ קאָנצערט,
וואָס ביז אַצינד נישט געהערט,
סע זאָל זיך עסן גרינגער.

געזאַנג פֿון אַ סאָלאָוויי
מיט אַדלערישע פֿליגל,
געזאַנג פֿון אַ קאַריפּיי,
וואָס הערט זיך ווי פֿון צוויי
געזונגען קעגן שפּיגל.

וואָס נאָך אַ שטייגער פֿאַרלאַנגט
דער ליבער גאַסט דער טײַערער? —
אין איינעם מיטן געטראַנק

דאָס אייגענע ווײַב אים דערלאַנג
אַ הייסע גלײַך פֿונעם פֿײַער.

איז לאָז אים איבער צו גאַסט
און זוך פֿאַר זיך אַן אַכסניה
און זײַ נישט קיינעם צו לאַסט
און גיי נישט צו קיינעם צו גאַסט
אין חיפֿה צי אין נתניה
אַפֿילו בײַ לחמא עניא,
נאָר נישט, חלילה, אין שפּאַניע.
צי גאָר אין גלות גערמאַניע.

ירושלים, 28סטער מאַרץ, 1991

דער אַלטער שערער

דער אַלטער שערער פֿון שטעטל
איז געוואָרן אין שטאָט אַ פֿריזיר.
פֿריזירער, פֿאַרריכט מיך עטל,
מײַן שכנה אַ טיר בײַ אַ טיר.

זאָל זײַן פֿריזירער, וואָס אַרט מיך,
קאָנסט זאָגן ווי דיר געפֿעלט,
נאָר איך האָב אײַנגעשפּאַרט זיך,
דער יאָלד פֿון דער אַלטער וועלט,

און בין געבליבן בײַם שערער,
בײַ דעם, וואָס איך שער מיר דעם קאָפּ,
איך וואָלט זיך געשוירן מערער,
ווען ס׳פֿאַלן מיר קיין האָר נישט אַראָפּ.

די האָר מײַנע שיטערער ווערן
און זעלטענער גיי איך אַרויס
צום שערער זיך אונטערשערן
און ווײַטער בלײַב איך אין הויז.

נאָר יעדער חודש מוז איך
זיך ייִנגער מאַכן אַ קאָפּ.
עס איז דער הײַנטיקער נוסח,
וואָס האָט אויך מיך פֿאַרכאַפּט.

איז טו איך זיך אָן מײַן אָנצוג,
די שיך, דעם קאַפּעליוש,
פֿאַרקעם זיך די לאַנגע וואָנצעס
און טו די מזוזה אַ קוש.

און גיי מיר ווי צון אַ תּפֿילה.
סע בלאָזט אַ ווינטעלע לײַכט,
גלאַנציקע גאַסן שטילע
מיך פֿירן צום שערער גלײַך.

סע האַלטן אַלץ אין איין קומען
באַוואַקסענע יונגע לײַט,
באַזעצן די שטולן, פֿאַרנעמען
די ערטער צו דער צײַט.

און באַלד נאָך זיי אין גיכן
באַווײַזט זיך עלטערס פֿון זיי,
מיר קומען מיט האַלבע פּליכן,
מיט רעשטלעך פֿאַריאָריקן שניי.

די שאַרפֿע גאָלמעסערס בליצן,
די שערלעך טאַנצן אַ שער,
די שערערס דערציילן וויצן
און מיינען, זיי ווערן געהערט.

איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט אין מײַן לעצטער מינוט
ווי קיין מאָל נישט פֿריער זײַן זאָל מיר גוט,
כאָטש כ׳וועל נישט קענען דערציילן דערפֿון
נישט דער לבֿנה און נישט דער זון.

מייַן איינציקע גוטע מינוט וועט עס זייַן,
נאָר כ׳וועל נישט געדענקען איר טעם פֿון ווייַן,
ווייַל אויף צו געדענקען דאַרף דאָך זייַן ווער
און איך וועל דאָך דאָ נישט זייַן שוין מער.

און דאָרטן? נישטאָ דאָרט קיין צייַט בכלל,
וואָס הייבט זיך אָן דאָ פֿון אַ זונענשטראַל,
אַ רמז פֿון דער זון, וואָס גייט אויף
און שטייגט אויפֿן הימל אַרויף-אַרויף.

ירושלים, 1טער אויגוסט, 1990

איר מעגט מיך שמייַסן

איר מעגט מיך שמייַסן,
נאָר פֿריער גיט מיר עסן
און נאָך דעם צו פֿאַרבייַסן
און נאָך דעם ווידער עסן,
דעם טעם נישט צו פֿאַרגעסן.

פֿון אַלע עסנוואַרגן
די פֿרוכט איז די געזינטסטע,
מע קאָן זיך כּלל נישט וואַרגן
מיט עפּל, אויך די גרינסטע,
אַבי נאָר דו געפֿינסט זיי.

פֿון אַלע קלוגע פּירות
דער עפּל איז דער קליגסטער,
דער עפּל איז בפּירוש
אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער,
זייַן שׂכל נאָר אַ וואָרעם איז אַ וויסטער.

פֿון אַלע שיינע עפּל
איז יונתן דער שענסטער,
איר קאָנט אין מאַרק אים טרעפֿן
און אין די פֿרוכטן-פֿענצטער,
ווי דער אַרויסגעשטעלטסטער.

און גאָר די נאַשערײַען
פֿאַר ציין און צונג און גומען
איז גוט נאָר צו צעקײַען,
דערנאָך זיי אויסצושפּײַען,
נאָר נישט אַראָפּצושלינגען,
סע זאָל זיך גרינגער זינגען.

ירושלים, 14טער אַפּריל, 1991

הבֿל הבֿלים, נאָר נישט דער חלום

הבֿל הבֿלים, נאָר נישט דער חלום,
דער חלום ווייסט נישט פֿון קיין כּללים,
די פֿעדערן פֿאַלן אַראָפּ ווי שטיינער,
די שטיינער בײַסן זיך אײַן ווי ציינער
אין האַלדז און עסן דיר אויף דעם אָטעם.
דו כאַפּסט זיך אויף און דו רײַסט פֿונעם פּנים
אַראָפּ די דעק און פֿון גוף דעם גאַנצן
און זעסט זיך פּלוצעם אין חלום טאַנצן
אַקעגן אַ שפּיגל. ס'אַ פֿראָסט אין דרויסן
און אָט ביסטו גאָר אין אַ וואַלד אַ גרויסן,
אַ וואַלד אַ פֿאַרשנייטער מיט גרינע בלעטער,
סע שׂרפֿעט די זון, ס'אַ זומערדיק וועטער
אין סעדער ווינקען די רײַפֿע פֿרוכטן
צום נאַקעטן שומר דעם באַשוכטן
און וואַקסן צוריק אַרײַן אין די צווײַגן
און שטעלן אַרויס דיר זיבעציק פֿײַגן
און טו זיי עפּעס און גיי זיי לאָדן,
דער חלום צאָלט נישט פֿאַר קיין שאָדן
און מאָנט אויך בײַ דיר נישט צו באַצאָלן
פֿאַר ווילדע בילדער, וואָס ער טוט דיר מאָלן
דער חלום ווייסט נישט פֿון קיין געזעצן,
דער חלום לאָזט זיך נישט איבערזעצן
אין קיין שום שפּראַך, מיט קיין שום ווערטער
און בלויז אין אַ צורה אַ פֿאַרקערטער

באַוויַיזט ער זיך אַלע מאָל דער חלום,
דער חלום ווייסט נישט פֿון קיין כּללים.

ירושלים, 17טער מאַרץ, 1991

דאָרט

איינער שטייט דאָרט העכער פֿונעם צווייטן
און דער צווייטער העכער פֿונעם דריטן
און דער דריטער העכער פֿונעם הויכן באַרג פֿאַרשנייטן
און ער קוקט אַראָפּ אין טיפֿן טאָל אין דעם פֿאַרזייטן,
נאָר ס'איז פֿרי דערווײַל נאָך און ער האָט נאָך נישט געשניטן,
קאָן מען נאָך דערווײַל נישט גאָרנישט וויסן
און סע שטייט נאָך ליידיק די משפּחה-שיסל
אָן דעם מינדסטן ביסן.

ירושלים, 15טער יוני, 1991

איך האָב פֿון פֿאַר אַ יאָרן

איך האָב פֿון פֿאַר אַ יאָרן אַ פּאָר גלאַנצנדיקע שיך,
זיי זענען נאָך עדיין גאַנץ און גלאַנציק.
איך זיץ און קוק אויף זיי און וווּנדער זיך —
צי וועלן זיי דערלעבן טאָקע ביז די הונדערט צוואַנציק ?

איך טראָג זיי נישט, זיי זענען שמאָל און ענג
און קוועטשן מיך און רײַבן אָן די פֿינגער,
סע פֿעלט זיי עפּעס אויבעט צו דער לענג
און טו איך אויס זיי, ווערט מיר בעסער, גרינגער.

איז האַלט איך זיי און היט זיי אָפּ אין שאַנק
פֿון שיך און שיכבערשטלעך און שוואַקס
און פּוץ זיי אָפּט און פּוץ זיי לאַנג-לאַנג,
זיי זאָלן נישט פֿאַרלירן פֿונעם צוגלאַנץ.

איך היט זיי ווי מע היט אין אַ מוזיי
די שמאָלע קריגלעך, אַלטע שטיינער-כּלים,
ווי דימענטן, ווי פּערל היט מען זיי,
כאָטש זיי ניצן נישט און צירן שוין נישט קיינעם.

די כּלים זענען זיַינערציַיט געווען דאָך צו דער מאָס
און נישט ווי מיַינע שיך, צו אַלדע רוחות,
וואָס ציטער איך אַזוי און היט זיי? צוליב וואָס?
וואָס זענען זיי ביַי מיר אַזאַ מיוחס?

איך וועל זיך מוזן אָננעמען מיט האַרץ,
אַרויסוואַרפֿן די שיך די אָפּגעפּוצטע,
זיך פֿריער צוקוקן, צי פֿעלט נישט צוליב כּעס
חלילה, אַן אָפּצאַס
פֿון די שיך די נישט גענוצטע.

און זיי פֿאַרוואַרפֿן וויַיט-וויַיט,
וויַיל שיך און זאָקן פֿון די פֿיס
(ווי דער מנהג איז)
מע שענקט אַפֿילו נישט קיין אָרעמע-ליַיט
און אוודאי נישט זיי עמעצן אַנטליַיען,
אַפֿילו ווען זיי זענען כּמעט ניַיע
אָפּגעפּוצט און גלאַנציק
אויף ביז הונדערט צוואַנציק.

ירושלים, 26סטער יולי, 1991

אַ חתונה אין שטעטל

זי האָט קיינעם נישט פֿאַרבעטן
אויף איר שטילער חתונה,
האָט אָבער אַליין דאָס שטעטל
זיך דערוווּסט און זיך פֿאַרבעטן
אויף דער חתונה.

זי האָט נישט פֿאַרגרייט קיין כּיבוד
אירע געסט מכבד זיַין,

האָבן זיי מיט זיך דעם כּיבוד
מיטגעבראַכט צו דער מסיבה
גלײַך אין שטוב אַרײַן.

מיטגעבראַכט אויך אַ קאַפּעליע
מיט געקליבענע כּלי-זמרים,
האָט דעם חתנס מומע העניע
מיט דער כּלהס פֿעטער עליע
האַסטיק ווי אויף אַ קאַטשעליע
זיך צעוויגט ביז צו דער סטעליע
און צעטאַנצט זיך קיין עין הרע
גלײַך ווי זיי זענען דאָס פּאָרל,
וואָס האָט קיינעם נישט פֿאַרבעטן
צו זייער חתונה אין שטעטל.

ירושלים, 23סטער יוני, 1991

כ׳געדענק נישט

כ׳געדענק נישט זומער ווינטערדיקע קעלטן,
כ׳געדענק נישט ווינטער זומערדיקע היצן,
איך קען נישט לעבן אין איין צײַט אין זיבן וועלטן,
אין קען נישט אין איין צײַט אויף זיבן בענקלער זיצן.

אַז איך בין דאָ, בין איך נישט דאָרט, דאָס ווייס איך,
מע דאַרף נישט זײַן דערצו קיין גרויסער ווייסער,
און אַז ס׳איז פּורים, ווייס איך, ס׳איז נישט פּסח
און המן-טאַשן זענען נישט קיין קניידלער הייסע.

איז וואָס זשע נאָך דערצו ? מע דאַרף נישט מערער,
מע וועט זיך שוין באַנוגן מיטן ביסל וויסן,
איך קום צון אײַך נישט ווי אַ פֿירער, לערער,
ווײַל אַלע לערערס ווייסן אויך נישט מערער
פֿון מיר, פֿון אײַך, אַפֿילו מיט קיין ביסל.

ירושלים, מוצאי יום כּיפּור, תשנ״א — 1990.9.29

איבער זיבן הימלען

איבער זיבן הימלען זענען זיי געפֿלויגן
זיבן שיינע פֿייגל פֿון נישט הי,
אַלע זיבן פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן
האָבן זיי באַצירט מיט זייער פֿלי.

פֿון די זיבן הימלען האָבן זיך געטראָגן
זייערע זיבן שאָטנס אויף דער ערד,
זיי קיין וואָגן נישט געקענט דעריאָגן,
נישט אַפֿילו מיט קיין אָדלערישע פֿערד.

זייערע זיבן קילנדיקע שאָטנס
האָבן צוגעדעקט דאָס גרינע גראָז,
אויפֿגעוועקט אַ ביימל אַ פֿאַרשלאָפֿנס,
אויפֿגעוועקט אַ וואַכנדיקן האָז.

און אַרײַנגעדרייט זיך אין די רעדער
פֿון די יאָגנדיקע וואָגנס אויפֿן וועג,
יענע רעדער, וואָס געזאָלט ווי יעגער
אָנטרעטן די שאָטנס אויפֿן עק.

איבער זיבן הימלען זענען זיי געפֿלויגן
זיבן שיינע פֿייגל פֿון נישט הי,
אַלע זיבן פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן
האָבן זיי באַצירט מיט זייער פֿלי.

ירושלים, 4טער נאָוועמבער, 1991

סע פֿאַלט אַ מאָל

סע פֿאַלט אַ מאָל אין מויל אַרײַן אַ וואָרט אַ פֿרעמדס, אַ שרײַער
און שטילערהייט מע ווייסט נישט ווען דאָס וואָרט איז זיך מגייר,
בכּבֿוד גדול נעם עס אָן, פֿאַזשאַלוסטע, ווילקאָמען,
אָ'קעי, בסדר, הײַנט נאָך ווערטער, מאָרגן — אידיאָמען.

ירושלים, 20סטער יאַנואַר, 1992

* *
*

ווען כ׳האָב אין טשערנאָוויץ געחלומט וועגן תל אביב,
האָב איך דערבײַ געטראַכט — עס איז איעדער חלום סוביעקטיוו
און אַנדערש ווי אין לעבן אויף דער וואָר.
נאָר ווען איך האָב אין לייוויק-הויז דערהערט אַ ייִדיש וואָרט,
אַ היימיש ייִדיש וואָרט געבראַכט אַהער פֿון דאָרט,
האָב איך דערפֿילט, ווי זאָגט מען, אינסטינקטיוו,
ווי אָפֿט אַ חלום קען זײַן אָביעקטיוו.

ירושלים, 29סטער דעצעמבער, 1991

צי וועט איר?

צי וועט איר טאַקע קענען לעבן אָנעם ייִדיש-לשון
און וואָס וועט זײַן עס פֿאַר אַ לעבן, ווען אַ צײַט אַזאַ וועט קומען
אָן גוט יאָר אויף אַ גוט-מאָרגן, אָן אַ וואָרט פֿאַר אײַערע יורשים
עס אָפּצוהיטן אויף די ליפּן, אויף די ציין און צונג און גומען ?

ירושלים, 2טער פֿעברואַר, 1992

שייל אַרויס

שייל אַרויס פֿון דער גוזמא די אמתע גרייס,
וואַרף די שאָלעכץ אַוועק, געפֿין אין יאָדער אַ טרייסט,
שפּרינג נישט, חלילה, אַריבער דעם אלף-בית.

בלײַב אין ראַם פֿון דײַן פֿענצטער אַזוי ווי דו שטייסט,
גוט און קלוג איז נאָר דאָס, וואָס דו זעסט און פֿאַרשטייסט,
פֿרײַ איז נאָר דער, וואָס פֿון גלות איז אויסגעלייזט.

שייל אַרויס פֿון דער גוזמא די אמתע גרייס.

ירושלים, 10טער פֿעברואַר, 1992

2. אַ ביסל פּראָזע

אַ שמועס וועגן דיכטונג און וועגן דיכטערס

— צי האַלטסטו אויך, אַז „א" איז אַ גרויסער דיכטער?
— יאָ.
— באמת יאָ? אויך דו האַלסט אים פֿאַר אַ גרויסן דיכטער?
— יאָ, אָבער מער גרויס ווי דיכטער און איך האָב ליב אַזעלכע, וועלכע זענען מער דיכטער ווי גרויס.
— וואָס הייסט עס?
— אָט איז בײַ „א" פֿאַראַן אַ ליד וועגן מידקייט. ווי פֿײַן. וואָס פֿאַר אַ טרעפֿלעכע געדאַנקען! אַ גוט לשון, אַ געשליפֿענער סטיל, קורץ און געדיכט און גוט געגראַמט, נאָר איין זאַך פֿעלט מיר.
— וואָס?
— אַ געשטאַלט, אַ „האַרש-בער דער קוילנטרעגער".
— און וואָס האַלטסטו פֿון „ב"?
— „ב" האָט איינס זייער אַ גוט ליד, וואָס איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן.
— וועלך ליד?
— וועלך ליד דו ווילסט. ווו דו וועסט אויפֿמישן, וועסטו טרעפֿן דאָס איינע גוטע ליד. די איבעריקע זענען וואַריאַציעס און גלײַך גוט.
— און וואָס האַלטסטו פֿון „ג"?
— גוטע לידער, נאָר אַלע צוויי און פֿערציקער.
— וואָס הייסט עס צוויי און פֿערציקער?
— דאָס הייסט, אַז זיי קוועטשן מיך. איך טראָג אַ פֿיר און פֿערציקער.
— און אַז איך טראָג אַ פֿערציקער?
— וועסטו גיך מיד ווערן פֿון זיי.
— און וואָס האַלטסטו פֿון „ד"?
— וועגן אים האָב איך נישט קיין מיינונג.
— פֿאַר וואָס?
— ווײַל מער פֿון דרײַ שורות זײַנע קאָן איך נישט לייענען און די גוטע זענען מסתּמא ערגעץ ווײַטער, מע דאַרף זיי זוכן.
— לייענט מען ווײַטער, זוכט מען, ביז מע געפֿינט.
— איבערפֿירן דעם לייענער אויף זעלבסטבאַדינונג וועט ניט גלינגען.

דעם לייענער דאַרף מען צוטראָגן אויף אַ טאַץ אַפֿילו אַ פּשוט גלאָז וואַסער. די גלאָז דאַרף זײַן ריין, דאָס וואַסער — לויטער.

— און וואָס האַלטסטו פֿון "ה" ?

— אַ צוזאָגנדיקער דיכטער. ער שרײַבט וואָס אַ מאָל קירצערע לידער און זאָגט צו אין גאַנצן אויפֿצוהערן. בײַ די הײַנטיקע פּרײַזן אויף פּאַפּיר און דרוק איז עס אַ גרויסער פֿאַרדינסט.

— וואָס האַלטסטו פֿון די ווײַנלידער פֿון "ו" ?

— נישט קיין אויסגעשפּילטע.

— און פֿון די געזאַנגען פֿון "ז" ?

— נישט זייער.

— איך אויך נישט. אָבער דער דיכטער "ח", — אויף אים וואָס האָסטו צו זאָגן ?

— ער איז אַלגעמיין אָנערקענט פֿאַר אַ גרויסן דיכטער.

— דאָס ווייס איך, אָבער דײַן מיינונג וויל איך הערן.

— מײַן מיינונג. מע דערציילט, אַז דער רוסישער דיכטער וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, רעדנדיק וועגן זיך און וועגן רוסישן דיכטער אַלעקסאַנדער בלאָק זאָל האָבן געזאָגט: "איך, אַז איך שרײַב אַ צען לידער, זענען פֿינף פֿון זיי שוואַכערע און פֿינף שטאַרקערע. בלאָק, אַז ער שרײַבט אַ צען לידער, זענען אַכט פֿון זיי זייער שוואַכע, נאָר צוויי זענען אַזוי שטאַרק, אַז איך וועל אַזעלכע קיין מאָל נישט אָנשרײַבן". ביי אונדזער דיכטער "ח" איז קיין איין שוואַכע ליד נישט בנמצא.

— איז עס אַ קאָמפּלימענט ?

— ווי דו ווילסט. "ח" איז ווײַט, זייער ווײַט אַוועק אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

— ווײַט אַוועק. ווי דאַרף מען עס פֿאַרשטיין ?

— פֿאַראַן אַ ייִדיש ווערטל (און אפֿשר איז עס נישט נאָר קיין ייִדישס) "דער בעסטער שווימער ווערט דערטרונקען". "ח" איז איינער פֿון די בעסטע שווימער אין אונדזער ייִדישער דיכטונג און אַז מע דאַרף זיך טרענקען, קען ער דאָס אויך און ער ווייסט אויך ווען און ווי אַזוי עס צו מאַכן, כּדי, חלילה, נישט דערטראָנקען צו ווערן.

— וואָס זשע האָסטו געוואָלט, ער זאָל טאַקע, בפּועל ממש, דער-טראָנקען ווערן ?

— חס וחלילה, זאָל גאָט היטן, אַזאַ גזלן בין איך נישט. כ'האָב גע-זאָגט — איינער פֿון די בעסטע שווימערס אין אונדזער דיכטונג און פֿון דערטראָנקען ווערן אין דער דיכטונג בלײַבט מען לעבן און ער דאַרף זיך נישט אַזוי שרעקן, ווי ער שרעקט זיך.

— וועלכע איז דײַן מיינונג וועגן דער דיכטונג פֿון "ט" ?

— איך מוז מודה זײַן, אַז איך קען נישט קיין צווייטן דיכטער, וואָס

זאָל אַזוי קענען די ייִדישע דיכטונג מיט אַלע אירע דערגרייכונגען און די דיכטונג בכלל אין אַלע אירע פֿאָרמען, מיט אַלע אירע פֿאַלדן און מיט אַלע אירע קנייטשן. ער האָט זיך אָבער נישט איבערגעלאָזט קיין איין סודותדיק, קיין איין טונקל שטיקל ווינקל געררייצט צו ווערן דערפֿון.

— וואָס הייסט גערייצט ווערן?

— מע דערציילט, אַז ביאַליק האָט אַ מאָל געפֿרעגט אליעזר שטיינבאַרגן, וואָס ער האָט אים, אַגבֿ, זייער ליב געהאַט, פֿאַרוואָס ער קלאַמערט זיך ממש אין ייִדיש און שרײַבט נישט אויף העברעיִש. דערויף זאָל שטיינבאַרג האָבן געענטפֿערט: ייִדיש רייצט מיך. ס'איז נאָך דאָ אַ סך, וואָס אויפֿצוטאָן.

— וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן גרויסן "י"?

— איך לייען אים גערן. באמת אַ שטאַרקער פּאָעט. אַ ברייטע מחיה-דיקע שורה, אַ לאַנג-לאַנגע סטראָפֿע, די הנאה פֿון לייענען זאָל נישט איבערגעריסן ווערן, נאָר אַלע זײַנע געשטאַלטן האָבן לאַנגע פּנימער.

— לאַנגע פּנימער?

— לייען און קוק זיך צו: דעם שטערן שילדערט ער אויף דער פֿערטער שורה, די אויגן אויף דער דרײַצנטער און די נאָז — אויף דער פֿיר און צוואַנציקסטער.

— וואָס האַלטסטו פֿון די לײַכטע לידער פֿון "ל"?

— זיי פֿאַרגעסן זיך לײַכט.

— און פֿון מאָדערניסט "מ"?

— קען זײַן, אַז אונדזער אַלט האַרץ איז נישט צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע לײדן און פֿריידן. אָפֿט האַלט עס נישט אויס און פּלאַצט, איז טאַקע גוט, וואָס מע זוכט נײַע וועגן, נײַע קינסטלערישע מיטלען צו געשטאַלטיקן, צו באַזיניקן די מאָדערנע איבערלעבענישן און גרינגער מאַכן דעם האַרץ זיי אַריבערצוטראָגן, אָפֿט אָבער טרעפֿט, אַז אויפֿן אָרט סע זאָל גרינגער ווערן אויפֿן האַרצן, ווערט שווערער אין קאָפּ.

— און איצט נאָך איינע, אַ דעליקאַטע, פֿראַגע: וואָס האַלטסטו פֿון זיך אַליין?

— דאָס זעלבע, וואָס יעדער איינער פֿון די אויבן אויסגערעכנטע, האַלט פֿון זיך.

אַ וואָרט וועגן זיך

דער נאָמען פֿון מײַן בוך ״שטערן אויפֿן הימל״ איז לויטן נאָמען פֿון איינעם פֿון די צען ציקלען אין בוך און דער נאָמען פֿון ציקל איז דער נאָמען פֿון אַ קורץ ליד, וואָס איז געוואָרן דער נאָמען פֿון גאַנצן לידערבוך און דאָס ליד הייסט:

שטערן אויפֿן הימל

און דאַנקען גאָט, די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַ מאָל
און ווידער קלינגען אַלטע שטערן-לידער
און טאַקע ווידער און טאַקע נאָך אַ מאָל.

דאָס זעלבע לאַנד, די זעלבע שטערן ווידער,
וואָס שײַנען ווידער איבער באַרג און טאָל,
פֿון בבֿל ברענגט מען היים די ציון-לידער,
די נישט באַפֿלעקטע לידער פֿון אַ מאָל.

און ווער סע נעמט אונדז אויף מיט קידער-ווידער,
מיט בבֿל-דשאַז, מיט הייזעריקן קול,
מיר ענטפֿערן: די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַ מאָל.

נאָר לאָמיר פֿון אָט דעם ליד אין דער מיט פֿון בוך זיך אומקערן צום אַרײַנפֿיר-ליד מיט וועלכער דער בוך עפֿנט זיך

די עפּל פֿאַלן

די עפּל פֿאַלן ווידער אַראָפּ,
זיי זענען ווידער רײַף און זיס
און ווער ס׳איז געשטאַנען אויפֿן קאָפּ
שטעלט זיך צוריק אויף די פֿיס.

דער ווייץ איז ווידער געל און גרייט
צום שניט אַזוי ווי צוריק מיט אַ יאָר
און ווער ס׳האָט גערעדט אין דער יוגנט פֿאַרדרייט,
רעדט אויף דער עלטער קלאָר.

און ווער ס׳האָט גערעדט אין דער יוגנט קלאָר,
מיט יאָרן צוריק, אַ מאָל,
וועט איצטער אויף די עלטערע יאָר
דערהערן זײַן אייגן קול,
דאָס קול פֿון אַ מאָל, אַ מאָל.

פֿאַר קיין שום ליטעראַטור פֿון יעדער אַנדער לשון אין דער וועלט איז נישט אַזוי לעבנס-וויכטיק די קלאָרקייט און אָפּגעהיטקייט פֿון דער שפּראַך ווי פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. די מערכה פֿון ייִדיש הײַנט צו טאָג איז גאָר נישט קיין פֿריילעכע אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו נעבטיקע קעגנער פֿון ייִדיש האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי זענען גלײַכע שותּפֿים צום גרויסן שאָדן פֿונעם אונטערגיין פֿון ייִדיש. ווי ווײַט די קוואַליטעט פֿון אַ ליטעראַטור און די דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַ שפּראַך קענען העלפֿן זי צו ראַטעווען איז אַ באַזונדערער ענין. אין מײַן סאַמע ערשטן בוך אין ישׂראל ״אין פֿרעמדן גן-עדן״ איז פֿאַראַן אַ ליד אויף אָט דער טעמע, וואָס איך וויל עס אײַך דאָ ברענגען

שרײַב מיר אויף

שרײַב מיר אויף די סאַמע שענסטע ווערטער,
וואָס זיי זאָלן לייענען זיך אַליין,
יעדער גראַם זאָל זײַן ווי אַ באַשערטער,
קומען זאָל ער אומגעריכט צו גיין.

רעד צו מיר דאָס סאַמע בעסטע לשון,
רעד צו מיר די סאַמע זיסטע רייד,
טראַכט מיר אויס דאָס סאַמע שענסטע משל,
וואָס מע הערט אויך שלאָפֿנדיקערהייט.

שטעל צונויף דאָס סאַמע דינסטע לידל,
וואָס סע ציטערט בײַ דעם מינדסטן ריר,
נישט איך זאָל עס שפּילן אויפֿן פֿידל,
נאָר דער פֿידל שפּילן זאָל אויף מיר.

וועסטו סײַ ווי סײַ מיך נישט געווינען,
נישט מיט שיינקייט, פֿאַרביקייט און רייץ,
ווײַל איך דאַרף אַ שטיקל ברויט פֿאַרדינען
אויף דער שפּראַך, וואָס שטעלט מיר צו דעם ווייץ.

איך דערמאָן זיך מײַנעם אַ שמועס מיטן אוזבעקישן דיכטער גאַפֿור גוליאַם אין 1945. גוליאַם האָט געזאָגט, דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, וואָס פֿאַר אַ ליטעראַטור ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אין ייִדיש. וואָס פֿאַר אַ גרויסע שרײַבערס איר האָט אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער, נאָר ווי לאַנג וועט עס געדויערן, קיין קיום וועט איר נישט האָבן.

— פֿאַר וואָס ?

— ווײַל איר האָט גאָרנישט חוץ ליטעראַטור. מיר האָבן כלאָפּאָק (בוימוואָל) נעמט מען עס בײַ אונזער פֿאָלק צו און מע צאָלט אונדז, די עטלעכע אוזבעקישע שרײַבערס כּלומרשטן האָנאָראַר פֿאַר באַזינגען די כלאָפּקאָראָבן. מע האָלט אויס עטלעכע שולן, אַ צײַטונג, אַ פֿאַרלאַג, אַ טעאַטער אויף אוזבעקיש. די אַדזערבײַדזשאַנער האָבן נאַפֿט, האַלט מען זיי אויס אַ נאַציאָנאַלע קולטור אין אַזערבײַדזשאַן, אָבער וואָס האָט איר ?

ווי געזאָגט איז די קוואַליטעט פֿון אַ ליטעראַטור נאָך נישט קיין סגולה זי אָפּצוהיטן און פֿאַרהיטן פֿון אונטערגאַנג. נאָר אַזוי ווי ס׳איז קיין אַנדער אויסוועג נישט פֿאַראַן דאַרף מען ווײַטער דערמיט אָנגיין :

צי קאָן מען אָוועקגיין פֿון אייגענעם ליד ?
צי קאָן מען זינגען אַ פֿרעמד געזאַנג ?
צי קאָן מען פֿאַרלאָזן די אייגענע טריט ?
צי קאָן מען גיין מיט אַ פֿרעמדן גאַנג ?

מע קאָן נישט גיין מיט קיין פֿרעמדן גאַנג,
מע קאָן נישט פֿאַרלאָזן די אייגענע טריט,
מע קאָן נישט זינגען קיין פֿרעמד געזאַנג,
מע קאָן נישט אָוועקגיין פֿון אייגענעם ליד.

צוויי

צוויי — אַזוי הייבט אָן דער גרויסער ייִדישער משלים-שרײַבער אליעזר שטיינבאַרג איינס פֿון זײַנע בעסטע משלים ״דער אָדלער און דער מויל-וואָרף״. ״צוויי — דער אָדלער און דער מוילוואָרף הויך געפֿלויגן, /ווײַט געצויגן — / איינער, ווי געוויינלעך, מיט די פֿליגל / און דער צווייטער מיט דער מאַכט פֿון מלך שלמהס זיגל. / זיבן טעג געפֿלויגן, אויפֿן אַכטן / אָנגעקומען צום גן עדן-תחתון. / (אָנגעזאָגט זיי שלמה : ״דעם גן עדן מיר באַטראַכטן ! — — —)״. און ערגעץ ווײַטער אין דאָזיקן משל טרעפֿן מיר צוערשט דעם אָדלער, וואָס פֿליט איבער אַלץ און ער ״באָדט זיך פֿון

דער ווײַטנס אין די גלאַנצן / פֿונעם גאַנצן" און דערנאָך דעם מוילוואָרף, וואָס גראָבט, "זוכט אוצרות, וואָס זײ ליגן / אינעם שאַרבן פֿונעם זיידן / פֿון די פֿליגן". "און דער שפּיץ — ענדיקט שטיינבאַרג דאָס משל — דער אָדלער ווייסט נישט גאָרנישט וועגן גאָר / און דער מוילוואָרף אַלצדינג ווייסט ער וועגן גאָרנישט". צווײ וועגן פֿון פֿאָרשן, באַטראַכטן, דערקענען, צווײ קעגנזײַטיקע נאַטורן — דער אָדלער און דער מוילוואָרף.

אין זעלבן באַנד משלים טרעפֿן מיר אַ משל "דער אָדלער און דאָס זומערפֿייגעלע". ווידער צווײ, דאָס מאָל ביידע באַפֿליגלטע, נאָר איינער איז גרויס און מעכטיק און דאָס צווייטע קליין און נישטיק. דער אָדלער מאַכט זיך פֿונעם פֿלאַטערל, פֿון דער באַבעטשקע אַ שפּיל, שרעקט עס איבער אויף טויט, צום סוף לאָזט ער עס אָפּ און דאָס באַפֿרײַטע פֿלאַטערל דערקלערט, אַז ס'איז אים, דעם אָדלער, מוחל, רופֿט דער אָדלער אויס: "איך בין מוחל, זאָל קיין נישטיקל נישט שרײַען, / ווער סע קען באַשטראָפֿן, דער נאָר מעג פֿאַרצײַען". אין זעלבן גײַסט איז אויך דאָס משל "דער לייב און דאָס מײַזל". ווידער צווײ. צענדליקער משלים טרעפֿן מיר, אין וועלכע סע באַטייליקן זיך צווײ "די שפּין און די נאָדל", "די נאָדל און דער בײַנוול", "האָדל און די נאָדל", "דער קאָטער און דער טאָטער", "די באַרשט און דער קאַמאַש", "דער שפּיגל און דאָס בילד", "דער שפּיגל און דער מלאך". דער חזיר, דער פֿעטער באַלעבעסלדיקער חזיר איז ממש אַ סטאַר אין שטיינבאַרגס משלים. "דער חזיר און די וואָראָנע", "דער חזיר און דאָס פֿערד", "דער חזיר און דער סאָלאָוויי", "דער חזיר און דער האָן". איך וואָלט נאָך געקאָנט אויסרעכענען אַ סך אַ סך משלים מיט צווײ באַטייליקטע: "די קאַץ און דער הונט", "דער הונט און די גענדז", "דער הונט און דער ים", "דער רויך און די כמאַרע", "מרימס ברונעם און דער עמוד אש" און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

פֿאַראַן משלים אין וועלכע סע שפּילן צווײ פֿונעם זעלבן מין — "צווײ פֿייגעלער". ביידע געפֿינען זיך אין איין שטײַגל, איינס — אַ רויִקס, וואָס מאַכט שלום מיטן גורל און דאָס צווייטע אַן אומרויִקס און — "די רו פֿון אומרו אפֿשר ווייסט איר ווו?". צווײ ציגן, נאָר איינע פֿון זײ איז "אַ ציג, אַ ציג און גאָר פֿון ליים אַ ציגל". צווײ הינער. איינע קלאָגט זיך אויף אירע הינדעלעך די שטיפֿערס פֿאַר דער צווייטער אַ הון אַן עקרה און ברענגט זי אַרויס פֿון די כּלים: "שיינע שטיק, / קלאָגט און וויינט און רייצט מיך מיט איר גליק". "צווײ קאַטשקעס", וואָס באָדן זיך. איינע איז אַרויס פֿאַרבלאָטיקט און די צווייטע ריין און קוקנדיק איינע אויף דער צווייטער גייט די ערשטע זיך ווײַטער באָדן און די צווייטע די פֿאַרבלאָטיקטע מאַכט דעם אויספֿיר: "אַז יענע איז ריין מכּל שכּן איך". "צווײ אייזלער", איינס באַדויערט דאָס צווייטע, וואָס צוליב אַ נאַרישקייט — פּרנסה — אַזוי פֿיל חכמה גייט פֿאַרלוירן". צווײ פֿעדעם — דער שוסטער-פֿאָדעם און דער

פֿאָדעם זײַד, וואָס איז אים מקנא — ״איך וואָלט אויך זיך דורכגעשלאָגן, / ווען / ווען איך האָב / אויך ווי דו אַ חזיר-קאָפּ״. און אַהרון אַחרון אליעזר שטיינבאַרגס סאַמע ערשט משל געדרוקט אין וואַרשע אין 1909 ״צוויי רויזן״, איינע פֿון פּאַפּיר און דראָט, און די צווייטע — געל, פֿאַרשמאַכט, / באַטש פֿון גאָרטן ערשט געבראַכט״, און ווען די ערשטע הערט פֿון דער צווייטער ״גאָרטן — הייסע שטראַלן — פֿרישער טוי — נאַרישקייטן זאָגט די ערשטע, דאַכט זיך, סערדצע, דײַנע נערוון שוואַך — — וואָלסט געהאַט דו נערוון אָט ווי איך פֿון אײַזן, — ניטע, ניטע! אוי, וואָס רעדסטו? / מיט די כּוחות מיט די לעצטע / האָקט איר איבער די פֿאַרשמאַכטע, / זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דעם טויט געבראַכט די אַכטע, / אָבער נישט מסוכּן, נישט מסוכּן! איידער אייביק טרוקן / און נישט וויסן קיין מאָל / נישט פֿון טוי און נישט פֿון הייסע בליקן / — שטאַרבן און כאָטש איין מאָל / מיט אַ טראָפּן טוי זיך קוויקן!״.

פֿעליעטאָן וועגן ליטעראַטור

געוועז אַ מאָל אַ צײַט און גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק איז געווען די צײַט, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט, יעדנפֿאַלס די ייִדישע וועלט, טיילט זיך בלויז אויף צוויי טיילן. איין טייל, די קלענערע, איז באַשטאַנען פֿון יחידי סגולה, שרײַבערס — ווי פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן, ראָמאַ-ניסטן אויך דראַמאַטורגן און די צווייטע, די גרעסערע טייל — פֿון לייענערס-פֿאַרערערס און שוין און דאָס איז די גאַנצע וועלט, פֿאַרשטייט זיך, די ייִדישע גאַנצע וועלט. ווער האָט עס, למשל, אין סאַמע קלענסטן ייִדישן שטעטל אַפֿילו נישט געוווּסט, וואָס סע מיינט מענדעלע מוכר ספֿרימס ״די קליאַטשע״ אָדער ווער ס׳איז ״פֿישקע דער קרומער״. ווער האָט עס נישט געקענט דעם נאָמען שלום עליכם און וואָס סע שטעלט מיט זיך פֿאָר זײַן טביה דער מילכיקער? אָדער וואָס ס׳איז אַזוינס אַ מנחם-מענדל? דער גרעסטער גראָבער יונג אין שטעטל, אַז ער פֿלעגט אַ זעץ טאָן מיטן פֿויסט אין טיש, פֿלעגט ער דעם זעץ באַגלייטן מיט אַ — וואָס מיינט איר? איך בין אײַך אַ באַנציע שוויַיג פֿון יצחק לייבוש פּרצן? אַז ס׳האָט אַ מאָל געטראָפֿן, סע זאָל זיך נישט טרעפֿן, אַ מיידל האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך, האָט מען זי באַלד געקרוינט פֿאַר אַ ״בערגלסאָנס מירעלע״. וואָס פֿאַר אַ מיידל, אַן אַלט מיידל אַפֿילו, האָט דאַרט לעצטנס צוגעלאָזט צו זיך אַ שדכן? זי וועט חתונה האָבן נאָר אויס ליבע, ווי סע שרײַבט זיך אין די ראָמאַנען.

משפּטים זענען דאָרט פֿאָרגעקומען נאָר ליטעראַרישע. אַשס ״מאָטקע

גנבֿ" האָט מען כּמעט יעדעס יאָר געמשפּט און יעדעס יאָר באַפֿרײַט, ווײַל נישט ער איז שולדיק, נאָר די געזעלשאַפֿט. אָן שרײַבערס און זייערע גע-שטאַלטן האָט זיך קיין שום שמועס נישט געקלעפּט —
וואָס שטייסטו ווי לייוויקס גולם און רירסט זיך נישט פֿון אָרט — אָדער:
קוקט אים נאָר אָן דעם מאַרטירער, ער וואַלגערט זיך אַרום אויף לייוויקס "סיבּירער וועגן" און עסט ווײַנטרויבן — אָדער:
דו ווייסט, לייבל מיט לאהן שפּילן אַ ליבע, פֿירן צווישן זיך "אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערדס-גנבֿ" פֿון יוסף אָפּאַטאָשו. — אָדער:
אין דרויסן איז איצטער "נאַכט, ווינט און שגעון" ווי אין מאַנגערס אַ באַלאַדע.
אַז איינער פֿון די שוחטים פֿלעגט דורכגיין די גאַס, פֿלעגט מען זיך גלײַך דערמאָנען אין שטיינבאַרגס אַ משל: און אַ שאַרפֿער חלף האָט הצלחה, "אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה".
אַז די צײַטונגען האָבן געמאָלדן וועגן אַ וויזיט פֿון אַן אויסלענדישן גאַסט אַ קעניג צי אַ קייסער, וואָס איז געקומען אין דער ווײַטער הויפּשטאָט פֿון לאַנד, איז צוליב וואָס איז ער געקומען? ער איז געקומען צום שוסטער צו פֿאַרריכטן די שיך ווי סע שטייט געשריבן בײַם פּאָעט משה לייב האַלפּערן. און אַז איינער איז שטאַרק מיד פֿון שווערער אַרבעט, איז ער מיד ווי משה לייבס "האַרש-בער דער קוילנטרעגער" און אַז איינער האָט אַ מאָל זיך פֿאַרשלאָפֿן, האָט ער פֿאַרשלאָפֿן אַ וועלט-אונטערגאַנג פֿון משה נאַדירן. געלייענט האָט מען אַ סך ראָמאַנען און נישט נאָר יידישע. ווען חנה באַסיעס האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן אַנאַ איז, אַדרבא, נאָר מע האָט איר צוגעגעבן אויך אַ נײַע פֿאַמיליע — קאַרענינאַ. און אַזוי איז פֿאַרבליבן.
דעם גבֿירס שנור מיט די אויסגעלייגטע האָר האָט מען אין שטעטל גערופֿן מאַדאַם באָוואַרי. דעם שערער מיט דער נאַסער פֿריזור — דאָן זשואַן. בערל בטלן האָט מען גערופֿן דער דאָן קיכאָט, וואָס שלאָגט זיך מיט די ווינט-מילן, כאָטש אין שטעטל איז גראָד געווען אַ וואַסער-מיל און דעם באַלעבאָס אירן יאָסל שקאָלניק האָט די יוגנט אַ נאָמען געגעבן — יוסף ראָלניק. אויף אָט דעם נאָמען האָט אים דער אייגענער זון געשיקט בריוו פֿון אַמעריקע און דער גויישער פּאָטשטאַליאָן האָט זיך קיין מאָל נישט טועה געווען. די וועלט איז שוין הײַנט נישט אַזאַ ליטעראַרישע. זי באַשטייט שוין פֿון אַנדערע טיילן און נישט גראָד פֿון צוויי אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער טעמע.

דרײַ ברידער

דרײַ ברידער זענען זיי געווען — מאיר שטערנבערג, דער ברודער פֿון דיכטער און רעזשיסער יעקבֿ שטערנבערג, נטע מאַנגער, דער ברודער פֿון דעם באַרימטן בכל תּפֿוצות ישׂראל פּאָעט איציק מאַנגער און איציק שוואַרץ זאָל לעבן און געזונט זײַן, דער ברודער פֿון פּאָעט, פּראָזאַיִקער, רעזשיסער, מאָלער און סקולפּטאָר שׂמחה שוואַרץ.

מאיר שטערנבערג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן גוטסקייט, בפֿרט, אויב האָסט אים געזאָגט עטלעכע ליבווערטער וועגן זײַן ברודער יעקבֿ איז ער געווען גרייט צו גיין פֿאַר דיר אין פֿײַער און אין וואַסער. ווען איך בין אין 1939 געקומען קיין בוקאַרעסט, האָב איך ערגעץ זיך געדונגען אַ ביליק בעטל, נאָר מאיר האָט נישט גערוט, ביז ער האָט פֿאַר מיר געפֿונען אַ צימער — ״און נישט טײַער״ — איז ער אַרײַן צו מיר פֿאַר-סאַפּעט — ״און אַ ריינס און בײַ אַ שיינער באַלעבאָסטע״ האָט ער צוגעגעבן.

נטע מאַנגער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן חכמה, מיט זײַן קלוגן שווײַגן און איציק שוואַרץ מיט זײַן רעדן אָן אָן אָפּשטעל. ס׳האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער אַליין איז נישט מסוגל אײַנצוהאַלטן דעם שטראָם פֿון ווערטער.

געהייסן האָט עס, אַז יעקבֿ שטערנבערג איז נישט צופֿרידן מיט זײַן ברודערס איבערגעטריבענער אָנהענגערשאַפֿט. מיט זײַן אומבאַהאָלפֿנקייט האָט יעקבֿ געקענט מאָביליזירן צוואַנציק ניאַנקעס און דאָך איז איין מאיר געווען מער פֿון אַלע צוואַנציק. ער האָט נישט חתונה געהאַט, מאיר, ווײַל ווי קאָן איך איבערלאָזן אַליין מײַן ברודער דעם קינסטלער? ווען יעקבֿ האָט געאַרבעט איבער אַ ליד, האָט מאיר געזאַמלט די טשערנאָוויקעס, זיך מיט זיי אַרומגעטראָגן און זיי פֿאַר באַקאַנטע פֿאָרגעלייענט און אַז עמעצער האָט געלויבט דאָס געהערטע, האָט ער זיך צעלאַכט — איר זאָגט שיין? איר זאָגט וווּנדערבאַר? און אָט דאָס ערשט האָט מײַן ברודער אויסגעמעקט.

די מלחמה האָט די צוויי ברידער צעשיידט. יעקבֿ האָט געלעבט אין מאָסקווע און מאיר אין בוקאַרעסט. צום רום, וואָס יעקבֿ שטערנבערג האָט געהאַט זוכה געווען בשעתו אין בוקאַרעסט, איז ער אין מאָסקווע, נישט אין די צײַטן פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און נישט אין די צײַטן פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״, שוין נישט געקומען. לצים האָבן זיך געוויצלט — נישטאָ נעבן אים זײַן ברודער מאיר. און מאירן, דעם אין בוקאַרעסט פֿאַרבליבענעם, האָבן געפֿעלט זײַן ברודערס טשערנאָוויקעס און ער האָט אָנגעהויבן אַליין צו שרײַבן לידער און זיי שיקן אויף מבינות צו יעקבֿן קיין מאָסקווע. יעקבֿ שטערנבערג האָט די לידער געלייענט און געקרעכצט — מײַן מאיר, נעבעך.

וועגן נטע מאַנגער פֿלעגט מען זאָגן, אַז ער איז קליגער, ערודירטער און אַ סך מער טאַלענטירט ווי זײַן ברודער, דער דיכטער איציק מאַנגער, און ער וואָלט געקענט שרײַבן אַ סך שענערע און בעסערע לידער און באַלאַדעס, נאָר פּשוט, ער וויל נישט. אַזוי האָט דער עולם געוואָלט זאָגן און גיי טו אים עפּעס. בכלל האָט מען ליב געהאַט, אויך אין די שרײַבערישע קרײַזן, אָנהייבנדיק פֿון יעקבֿ שטערנבערגן, דעם דעמלטיקן בוקאַרעסטער יידישן פּאָעזיע-קעניג און ענדיקנדיק מיט זײַנע תּלמידים, יעדן באַקאַנטן און אויך אומבאַקאַנטן יידישן פּאָעט, וואָס האָט ערגעץ אָפּגעדרוקט אַ גוט ליד, אים צו שטעלן העכער פֿון מאַנגערן און נאָר פֿון מאַנגערן. ווען איך בין, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אין 1939 אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט, האָב איך זיך גלײַך אָנגעשטויסן אין אָט דער דערשײַנונג און זיך געחידושט. ווי אַזוי, האָב איך געפֿרעגט, א איז נישט גרעסער פֿון ב און ב איז נישט קלענער פֿון ג נאָר אַלע זענען גלײַך גרעסער פֿון מאַנגערן. איז, הייסט עס, מאַנגער די איינציקע מאָס מיט וועלכער איר גלײַכט זיך. בפֿירוש אַ גרויסע דערגרייכונג פֿאַר אים.

איך ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר מײַנע רייד זענען זייער גיך דערגאַנגען צו נטעס אויערן. אין איינעם אַן אינדערפֿרי שטעלט זיך אַרײַן צו מיר אַ יונגערמאַן, שטעלט זיך גלײַך פֿאָר — נטע מאַנגער — און פֿרעגט מיך: ווי לאַנג זענט איר שוין אין בוקאַרעסט? שוין אַ פּאָר וואָכן, ענטפֿער איך. אַ פּאָר וואָכן, חזרט ער איבער, און מיר קענען זיך נאָך נישט. וואָס באַהאַלט איר זיך? צי זענט איר אַצינד פֿרײַ? טוט ער מיר אַ פֿרעג. פֿרײַ, ענטפֿער איך. איז קומט מיט מיר און מיר זענען אַרויס. ער האָט מיך אַוועק-געפֿירט אין סאַמע צענטער פֿון בוקאַרעסט. אין איינער פֿון די נײַע גע-בײַדעס, איך געדענק שוין הײַנט נישט אויף וועלכן שטאָק, איז געווען דאָס ווערקשטאַט, וואָס זײַן פֿאָטער, הלל מאַנגער, מיט זײַן זון נטע און אַ פּאָר געדונגענע שנײַדערגעזעלן האָבן געפֿירט. איז דאָס, הייסט עס, האָב איך מיר געטראַכט, דאָס האָרבאַטע שנײַדערל, וואָס פֿאַרזעצט אַ משכּון אין לאָמבאַרד אויף צו קויפֿן "האַם" פֿאַר זײַנס אַ קינד? אַ מענטש לעבט דורך פֿאַרשידענע צײַטן, האָב איך מיר געענטפֿערט.

דער פֿאָטער, פֿאַר וועלכן נטע האָט מיך פֿאָרגעשטעלט, האָט גערעדט אויף צוויי טעמעס — וועגן שלום עליכמען און וועגן ענגלישע קרויצער-שיפֿן, ווי ער האָט זיך אין זײַן טשערנאָוויצער דיאַלעקט אויסגעדריקט. וועגן שלום עליכמען האָט ער, אייגנטלעך, נישט גערעדט, נאָר גאַנצע שטיקער געזאָגט אויסנווייניק. כ'האָב אויסגעהערט דעם פֿאָטער און געקוקט אויפֿן זון וואָס האָט מיט אַ קלוגן שמייכל באַגלייט סײַ מנחם-מענדלען מיט טבֿיה דעם מילכיקן און סײַ די ענגלישע קרויצערשיפֿן. פֿון דעמלט אָן פֿלעגן מיר זיך מיט נטען יעדן זונטיק טרעפֿן אין "נטעס" אַ רומענישער היימישער שענק, וווּ מע פֿלעגט טרײַבן צויקאַ פֿון פֿלוימען. אין איינעם

אַ שבת בין איך געווען געלאַדן אויף וואַרעניקעס צו שיינדעלען — איציקס און נטעס איינציקע שוועסטער און הלל מאַנגערס בת יחידה. בײַם טיש זענען מיר געזעסן זעקס מענטשן. שיינדל מיט איר מאַן, דער וועבער וואָלקאַ גלוזמאַן. נטע מיט זײַן פֿרוי עטל, דער פֿאָטער און איך. ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן די קלאַנגען אַרום איציקס טרינקען און זײַנע סקאַנדאַלן צוליב דעם, האָט זיך שיינדעלע אָנגערופֿן: טרינקען קען דער טאַטע, טרינקען קען נטע אָבער נישט איציק. אויך טרינקען קען מען בעסער פֿון איציקן, האָב איך שטילערהייט אַ פֿליסטער געטאָן, נאָר נטע האָט דערהערט, אַ שמייכל געטאָן און שטילערהייט צוגעגעבן: מאָרגן טרעפֿט מען זיך בײַ צוויקאַ.

געקומען בין איך געגנוג פֿרי און שוין געטראָפֿן נטען בײַם טישל. נאָך עטלעכע גלעזלעך האָט ער צעשפּיליעט דאָס קנעפּל פֿון קאָלנער און די צונג: וועגן דעם, אַז אַלע זענען גרעסערע פּאָעטן פֿון מײַן איציקן, דאָס ווייסט איר שוין. יעקבֿ שטערנבערג און זײַנע תּלמידים — —

און מײַנע חבֿרים, האָב איך צוגעגעבן.

פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך. איינער פֿון זיי גייט אַרום און טענהט — איציק מאַנגער מיט זײַנע קאָזשעלקעס. אַ צווייטער, האָט איר דאָך מסתּמא געלייענט בשעתו אין די ״טשערנאָוויצער בלעטער״ וועגן ״איציק מאַנגער, דער פֿאַרבלאָנדזשעטער דיכטער-יונג״ און דער דריטער, אייגנטלעך, דער עלטסטער פֿון זיי האָט אויך געוואָלט אַרויפֿפֿירן מאַנגערן אויפֿן ריכטיקן וועג, ציטירנדיק אין זײַנעם אַן אַרטיקל צו מאַנגערס אַ באַזוך פֿיר שורות פֿון מאַנגערס אַ ליד — ״גיי זאָג איר, אַז איך קום צו איר / און אַז איך האָב פֿאַר איר געגרייט / דעם שענסטן ניגון, נאָר ער שלאָפֿט / דערווײַל נאָך אין מײַן ברוינער פֿלייט״. די דאָזיקע שורות האָט דער מחבר פֿון אַרטיקל געוואָלט אָננעמען פֿאַר אַ רמז, אַז ער פֿאָלגט, איציק מאַנגער, די גוטע עצות, אַז ער קערט זיך אום צום שטאָם און גייט שרײַבן פּראָלעטאַרישע לידער. האָט דאָך דער זעלבער געוואָלט אויך אָפּאַטאַשון לערנען און געכאַפּט אַן אָפּשניט.

נטע, זאָג איך אים, ווי לאַנג קענען מיר זיך? — אַ פּאָר וואָכן האָט ער געענטפֿערט.

אַ פּאָר וואָכן, אַז מיר זענען באַקאַנט, נאָר צוריק מיט זעקס יאָר צום ערשטן יאָרצײַט נאָך אליעזר שטיינבאַרג זענט איר אַרויסגעטראָטן אין יאַס און כּדי אונטערצושטרײַכן שטיינבאַרגס גרויסקייט, האָט איר געמאַכט שלום אַשן פֿאַר גאַרנישט. ״פֿלעדערוויש פֿון אויבן״ האָט איר ציטירט שטיינבאַרגן אויף שלום אַשס אַדרעס און ״פֿינגערל צו גרונט״ אונטער-שטרײַכנדיק, אַז איר מיינט דערמיט שטיינבאַרגס גרויסקייט.

נטעס באַקן, וועלכע זענען געווען ראָזע פֿון דער צויקאַ, זענען געוואָרן רויטע. חרץ, האָט ער אויסגעשריגן, כ׳האָב אײַך ליב. הער נאָר, איך צאָל

פֿאַר דער צוויקאַ און ער זאָגט מיר אַריין. זענט איר, הייסט עס, געווען אין יאַס און שוין דעמלט זיך פֿאַר מיר באַהאַלטן. ווייל איך טאַקע איר זאָלט וויסן, אַז נאָך אין זעלבן יאָר האָב איך פֿון זיך אַליין און פֿון מײַן רעדע געלאַכט און געהאַט עגמת נפֿש פֿון מײַנע נאַרישקייטן, כאָטש קיינער חוץ אײַך אַצינד האָט עס מיר נישט דערמאָנט.

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין סאָוועטישן טשערנאָוויץ האָט ער אַ זאָג געטאָן: ווען די פֿראַנצויזן מאַכן אָט די רע־וואָלוציע, וואָס די רוסן, וואָלט זי אַנדערש אויסגעזען. אַגבֿ, כ׳האָב פֿאַר־געסן צו דערמאָנען וועגן נטעס שוואַכקייט צו פֿראַנצויזן, וועלכע זענען געווען פֿאַר אים דאָס וואָס פֿאַר זײַן פֿאָטער די ענגלישע קרויצער־שיפֿן. דערפֿאַר טאַקע, האָב איך אים געענטפֿערט, האָבן די פֿראַנצויזן זי נישט געמאַכט אָט די רעוואָלוציע, ווײַל זי קען קיין אַנדער פּנים נישט האָבן. נטע האָט זיך אַ קרום געטאָן — איר זענט, זאָגט ער, געבליבן דער זעלבער חרץ. צי ווייסט איר גאָרנישט וועגן דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע? אין גיכן בין איך פֿון טשערנאָוויץ איבערגעפֿאָרן קיין קעשענעוו און גע־אַרבעט ווי אַ לערער אין אַ ייִדישער שול. נטען האָב איך מער נישט געזען. שפּעטער זיך דערוווסט, אַז ער איז מלחמה־צײַט אין אוזבעקיסטאַן גע־שטאָרבן פֿון דעזינטעריע.

אין זײַן אַרטיקל "צום צענטן יאָרצײַט נאָך יעקבֿ פֿרידמאַן" שרײַבט מאָטל סאַקציער, אַז די יונגע נאָך מאַנגערן האָבן געהערט, לויט שטערנ־בערגס אײַנטיילונג, צו דער דריטער אשמורה און אַז די צווייטע אשמורה איז באַשטאַנען פֿון איין טרובאַדור — איציק מאַנגער.

ווי מע זאָל נישט רעכענען, אַז דער, וואָס אַלע זענען אַ מאָל געווען גרעסער פֿון אים, האָט גאָר הײַנט צו זיך נישט קיין גלײַכן, נאָר אין דער אשמורה איז ער נישט געשטאַנען אַליין, מיט אים איז געשטאַנען שׂמחה שוואַרץ און אַז מע וועט שטאַרק זוכן וועט מען, מסתּמא, זיי הייסן זיך אַ רוק טאָן און נאָך עמעצן געפֿינען. איך וואָלט אַפֿילו געלאָזט שׂמחה שוואַרצן און די אַנדערע אין דער צווייטער אשמורה אָן מאַנגערן. און מאַנגערן וואָלט איך צוריקגעפֿירט צו דער ערשטער אשמורה "מיטן עלטסטן אליעזר שטיינבאַרג און ייִנגסטן איציק מאַנגער" ווי כ׳האָב שוין אַ מאָל ערגעץ וווּ וועגן דעם געשריבן, כאָטש צווישן שטיינבאַרגן און מאַנגערן איז אַ דיפֿערענץ פֿון 21 יאָר. ווי סע זאָל נישט זײַן, שׂמחה שוואַרץ איז אַ זינד צו רירן פֿון אָרט.

ער האָט געשריבן דיכטונג און אַ ראָמאַן, זינג־לידער און רעוויו־פּראָגראַמען, רעזשיסירט און געמאָלן און געקנאָטן און איבערזעצט. איך קאָן צענדליקער מענטשן, וואָס דערמאָנען אים מיט באַגײַסטערונג און וואָלטן געקענט אַ סך מער דערציילן וועגן אים ווי איך. איינער פֿון זיי איז זײַן ברודער איציק שוואַרץ, דער דריטער פֿון מײַן "דרײַ ברידער זענען

זיי געוועז". אַליין אַ פֿעיִקער היסטאָריקער און טאַלענטירטער שרייַבער, האָט ער אָבער בשעתו נישט אויפֿגעהערט צו שיטן: "מייַן ברודער", "מייַן שׂמחה". מיט מאיר שטערנבערג איז ער געווען באַקאַנט, מיט נטע מאַנגער — באַפֿרייַנדעט, האָט ער זיך אפֿשר מתקנא געווען אין זיי? איך בין קיין טשערנאָוויץ אָנגעקומען אין 1934 ערבֿ שׂמחהס אָפּפֿאָרן אין דער וועלט אַרייַן. כ'האָב מיט הנאה געלייענט אין המשכים די קאַפּיטלען פֿון זייַן ראָמאַן "פּאַדעלוי", וואָס ער האָט אים, דאַכט זיך, נישט פֿאַרענדיקט. מיט הנאה געלייענט זייַנע צען איבערזעצטע לידער פֿון ווערלען-באַדלער ערבֿ זייַן אָפּפֿאָרן קיין פּאַריז. מיט גרויס הנאה געהערט זייַנע נאָכגעזונגענע לידער פֿון די רעוויו-פּראָגראַמען, צו וועלכע איך האָב שוין פֿאַרשפּעטיקט. אין שׂמחהן האָבן זיך די טאַלאַנטן געקריגט צווישן זיך און יעדער טאַלאַנט האָט אים אַוועקגעריסן פֿון אַנדערן און געשלעפּט אין זייַן זייַט. איך ווייס נישט וואָס פֿאַר אַ שעפֿערישע ירושה עס איז פֿון אים געבליבן אין די פֿאַרשידענע קונסט-זשאַנערן, צי ס'איז דאָ וואָס צונויפֿצונעמען און מיט וואָס איבערבעטן די "צעקריגטע" אין אים טאַלאַנטן. איך ווייס עס נישט. אפֿשר וועלן מייַנע שורות עמעצן אָנרעגן עפּעס צו טאָן פֿאַרן תּיקון פֿון שׂמחה שוואַרץ. איך וועל זיך אומקערן צו זייַן ברודער איציק שוואַרץ, וואָס איז פֿאַרבליבן שׂמחה שוואַרצס ברודער אויך ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן י. קאַראָ, ווייַל צום אונטערשיד פֿון מאיר שטערנבערג, און נטע מאַנגערן האָט ער, איציק שוואַרץ, אַליין אויך געהאַט אַ יונגערן ברודער — יוליאַן שוואַרץ און אויך אַ שרייַבער דערצו. דאָס פּראָבלעם פֿון י. קאַראָ איז, וואָס נישט נאָר דער עלטערער ברודער איז אַ שרייַבער נאָר אויך דער יונגערער און ער אַליין זענען שרייַבערס. און מע קען וועגן זיי באַזונדער אָנשרייַבן אַ "דרייַ ברידער זענען זיי געוועז".

("ישראל-שטימע", 18, 1983)

איציק שוואַרץ (י. קאַראָ)

איציק איז איינער פֿון אַכט קינדער אין דער משפּחה שוואַרץ פֿון פּאַדעלוי, רומעניש מאָלדעווע. פֿיר שוועסטער און פֿיר ברידער צווישן וועלכע דרייַ ייִדישע שרייַבער — שׂמחה דער עלטערער פֿון איציקן, יוליאַן דער ייִנגערער און אונדזער איציק שוואַרץ, וואָס האָט שפּעטער זיך אָנגעהויבן אונטערצושרייַבן י. קאַראָ.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין 1934 אין טשערנאָוויץ. אָנגעקומען אַהין בין איך אין אַפּריל, עטלעכע וואָכן נאָכן 2טן יאָרצייַט נאָך אליעזר

שטיינבאַרג. פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן פֿון מאַרקולעשט נאָך באַוויזן אַרײַנצוקוקן אין איינעם פֿון די מערץ-נומערן פֿון די ״טשערנאָוויצער בלעטער״ און איבערלייענען ״עפּעס וועגן שטיינבאַרגס טעמאַטיק״ פֿון איציק שוואַרץ. ווען איך בין אַרויפֿגעקומען אין טשערנאָוויץ אין שולפֿאַראיין זיך צו באַקענען מיטן סעקרעטאַר איציק שוואַרץ, האָב איך זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן בײַ דער טיר. אַ יונגערמאַן האָט געהאַלטן אין וואַשן, רײַבן און אויסווישן אויף טרוקן דעם דיל, געווישט די גלעזלעך פֿון די לעמפּלעך און אַז ער האָט זיך אַ ביסל באַפֿרײַט פֿון אָט די אַרבעטן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך דאַרף צו איציק שוואַרצן, צי ווייסט ער, ווען ער וועט קומען. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט: ער וועט נישט קומען, ער איז שוין דאָ. איך בין איציק שוואַרץ. דערזעענדיק, ווי איך בין געבליבן שטיין אין אַ פֿאַרלעגנ-הייט, איז ער גלײַך אַרויס מיט אַ גאַנצער לעקציע, די ערשטע לעקציע, וואָס איך האָב פֿון אים געהערט: איר מיינט, יונגערמאַן, אַז קולטור-אַרבעט הייסט נאָר האַלטן רעפֿעראַטן. קולטור-אַרבעט אין אַ קולטור-אינסטיטוציע מיינט אויך צוראַמען און האַלטן ריין דעם לאָקאַל, ווו דו קלייבסט זיך אויפֿצוטרעטן. אין זעלבן אָוונט בין איך געווען אויף זײַנעם אַ פֿאַרטראַג וועגן מענדעלע מוכר ספֿרים, ווי דעם פֿאַרגייער פֿון שלום עליכמען. איך געדענק שוין הײַנט נישט זײַנע אַרויסזאָגונגען, נישט די ציטאַטן און נישט די פֿאַרגלײַכן. איך געדענק אויך נישט זײַן אַרטיקל וועגן שטיינבאַרגס טעמאַטיק. שוין 50 יאָר זינט דעמלט, נאָר ווי די ערשטע לעקציע פֿון דעם, וואָס איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום צוזאַמען מיט חיים גינינגער און הערש סעגאַל געווען איינער פֿון מײַנע דרײַ לערערס אין סעמינאַר פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך-קענטעניש בײַם טשערנאָוויצער ייִדישן שולפֿאַר-איין. זײַן ערשטע לעקציע איז בײַ מיר פֿאַרבליבן פֿריש און לעבעדיק ווי ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן מיט דער דיל-שמאַטע און פֿלעדערוויש אין די הענט און פֿאַרטײַטשט מיר, וואָס איז אַלץ קולטור-אַרבעט. ער ווייסט גאָר אַליין נישט ביזן הײַנטיקן טאָג, ווי ערנסט איך האָב אים גענומען און וואָס פֿאַר אַ ליב אָרט ער האָט זיך געמאַכט בײַ מיר אין האַרצן. איך האָב גלײַך דערפֿילט, אַז ס'איז נישט קיין שפּיל פֿון אַ לינק-געשטימטן אינטע-ליגענט, נאָר אַז דאָס זענען די זיטן פֿון זײַן עצם וועזן. אַגבֿ האָב איך זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז אויך בײַ זיי אין הויז צווישן זײַנע פֿיר שוועסטער איז ער... די איינציקע מויד. אַנדערע האָבן דערציילט וועגן שׂמחהן, אַז דאָס מוזן עפּעס טאָן מיט די הענט, האָבן אים געבראַכט אויך צו סקולפּטור. אין איינעם אַן אויפֿדערנאַכט אויף אַ באַגעגעניש מיט פֿרײַנד האָט ער אויפֿגעבויט פֿון די שאָטנס פֿון די הענט אויף די ווענט אַזעלכע שיינקייטן, וואָס האָבן ממש פֿאַרבליפֿט, נאָר אויף ווי לאַנג קען מען עפּעס אויפֿבויען פֿון שאָטנס? די שאָטנס זענען אַוועק, האָט ער זיך גענומען קנעטן ליים. וועגן דער מוטער אסתּר — די משפּחה האָט אַ שטיק צײַט געלעבט אין

טשערנאָוויץ — האָט מען געזאָגט אַז זי איז די שענסטע, די קרוין פֿון דער משפּחה. הערש סעגאַל האָט דעמלט געזאָגט, אַז צו זײַן אַ מאַמע פֿון אַזעלכע אַכט פֿאַרשידענע „פּערזענלעכקייטן" דאַרף מען זײַן אַ גרויסער דיפּלאָמאַט.

לאָמיר זיך אומקערן צו איציקן אין די דרײַסיקער יאָרן אין טשערנאָ-וויץ. ער איז איינציײַטיק אַ לערער און אַ סטודענט, היסטאָריקער און ליטעראַט. שטענדיק מוז ער עפּעס טאָן, עפּעס שאַפֿן, עפּעס מתקן זײַן און דאָ פּלוצעם פֿאַרגלוסט זיך אים חתונה האָבן פֿאַר אַ מיידל פֿון זײַנע מאָלדעווישע קאַנטן. אויך אַ לערערין.ביידע קומען אַהיים אין אָוונט און ווידער לערנען, לייענען, גייען שלאָפֿן אין זעלבן בעט, נאָר מיט צוויי באַזונדערע ביכלעך. נאָך אַ פּאָר שעה לייענען, דערציילט מען, לייגט זי אַוועק דאָס ביכל און רופֿט אויס: איציק לעבן, אפֿשר וואָלסטו רחמנות געקראָגן אויף אַן אָרעמער יתומה און איר געגעבן אַ קוש. פֿון וואַנען ווייסט מען דאָס? ווער איז געשטאַנען הינטער דער טיר פֿון זייער שלאָפֿ-צימער און זיך אונטערגעהערט? מע האָט נישט געדאַרפֿט שטיין הינטער זייער שלאָפֿצימער. דאָס האָט איציק אַליין אויסגעטראַכט, דערציילט און פֿאַרשפּרייט. נאָך דער מלחמה איז זײַן פֿרוי, אַנאַ הערצאָג, געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ-קראַנקייט. געשטאָרבן און מיטגענומען דעם שמייכל מיט וועלכן זי פֿלעג איציקן באַגלייטן. אָט קומט זיך צונויף אַן עולם, אַלע קוקן אויף אַלעמען און אַנאַ קוקט אויף איציקן. איציק רעדט און זי קוקט אויף אים, הערט און שמייכלט. ווען צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָבן מיר זיך נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס געטראָפֿן מיט איציקן אין באַגלייטונג פֿון זײַן צווייטער פֿרוי ציליע אין ירושלים, ווו זיי זענען געוועזן צו גאַסט, האָב איך באַמערקט, אַז ציליע, זאָל לאַנג לעבן און געזונט זײַן, באַגלייט אים מיטן זעלבן שמייכל. קיינער האָט, הייסט עס, דעם שמייכל אין ערגעץ נישט מיטגע-נומען, ער געהערט איציקן, ער באַשאַפֿט אים און לאָזט זיך פֿון אים באַגלייטן.

אָט זיצן מיר און מע דערמאָנט זיך. ווען איך האָב אָפּגעדרוקט מײַן ערשט ליד אין די אויבן דערמאָנטע „טשערנאָוויצער בלעטער" און אין יענעם טאָג, ווען דאָס בלאַט איז אַרויס, בין איך געקומען עסן מיטיק אין דער ביליקער קיך צו גראַניכן אין שנײַדערזאַל, האָב איך געטראָפֿן בײַ מײַן טיש אַ יונגערמאַן מיטן בלאַט אין האַנט און מיט ביידע אויגן אויף מײַן ליד. וואָס לייענט איר? האָב איך אים געפֿרעגט. דער יונגערמאַן האָט מיר געענטפֿערט: ס'איז נישט פֿאַר אײַערע ציין. ווען כ'האָב עס אין זעלבן טאָג דערציילט איציק שוואַרצן, האָט ער מיר געניי אויסגעמאָלט דעם יונגן מאַן און אַפֿילו אים אָנגערופֿן בײַם נאָמען. און עס דערמאָנט זיך נאָך אַן עפּיזאָד מיט שוואַרצן אין יענע שולפֿאַראיין-יאָרן. אויף וויפֿל די באַגײַסטערונג פֿאַר אליעזר שטיינבאַרגן און זײַן ווערק נאָך פֿאַר זײַן

ערשטן באַנד „משלים״ איז אין די גרענעצן פֿון דעמלטיקן רומעניע געווען גרויס, אויף אַזוי פֿיל צוריקגעהאַלטן זענען געווען די אָפּרופֿן אויסער דער גרענעץ. עס איז באַוווּסט ראַוויטשעס אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געפּרוּווט אָפּדינגען בײַ שטיינבאַרגן און די פּאָלעמיק, וואָס עס האָט מיט אים געפֿירט שלמה ביקל, איינער פֿון שטיינבאַרגס גרעסטע חסידים. אַרום יענער צײַט האָט זיך באַוויזן לייוויקס אַ קורצער אָפּרוף וועגן שטיינבאַרגס משלים. איך געדענק נישט, ווו דאָס איז געווען געדרוקט. איך געדענק אָבער, ווי איך האָב דאָס אַרומגעזוכט, זיך נאָכגעפֿרעגט אײַפֿעריק און ווי איציק שוואַרץ האָט מיך אָפּגעשטעלט: „וואָס איז מיט אײַך, חרץ, מיר מיט אײַך האָבן דאָך אויך געלייענט שטיינבאַרגן און גוט געלייענט און מיר מעגן האָבן און מיר האָבן אונדזערע מיינונגען וועגן שטיינבאַרגן און וועגן זײַנע משלים. מיר זענען די ווערטער אַרײַן איןביידע אויערן און קיין דריטן אויער זיי זאָלן אַרויס האָב איך נישט. אַגבֿ, ווייל איך דערבײַ אונטערשטרײַכן שוואַרצס גרויסן דרך ארץ פֿאַר לייוויקן, דער נאָמען לייוויק ווערט בײַ אים סײַ שריפֿטלעך און סײַ מינדלעך נישט אַרויסגעבראַכט סתּם, נאָר — „לייוויק איז דאָס געוויסן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור״.

איך וואָלט נאָך געקענט דערציילן און דערציילן. איציק שוואַרץ האָט דורכגעמאַכט די רוסישע עוואַקואַציע, האָט געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט אין לעצטן מלחמה-יאָר. נאָך דער מלחמה זיך באַזעצט און פֿאַרפֿעסטיקט אין דער רומענישער שטאָט יאַס. ייִדיש טעאַטער, געשיכטע פֿון רומענישן ייִדנטום, געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע, געשיכטע פֿון ייִדיש-לשון אין די ייִדישע ישובֿים אין די רומענישע פּראָווינצן. דאָס אַלץ איז געוואָרן זײַן שליחות. אין טעאַטער איז ער ליטעראַרישער לייטער. שפּעטער מיטרעדאַקטער אין „בוקאַרעסטער שריפֿטן״, ווו ער איז פֿאַר-טראָטן אין יעדן נומער. ער פֿאַרזאָרגט מיט ערנסטע פֿאָרש-אַרבעטן נישט נאָר דעם ייִוואָ (זינט לאַנגע יאָרן, פֿריִער אין ווילנע איצט אין ניו-יאָרק) נאָר מער ווי אַ צענדליק ייִדישע צײַטשריפֿטן מיט צענדליקער וויכטיקע און וואָגיקע אַרבעטן. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער זינדיקט צו אויך מיט שיינער ליטעראַטור, מיט בילדלעך ווי ער רופֿט עס אָן, האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו זײַן „אַ מאָלדעווויש ייִנגל״ און „יונגע יאָרן און ווייניקער יונגע״. אויך זיי זענען אָנגעשמעקט מיט געשיכטע. כּמעט יעדער מעשׂה זײַנע מוז בײַ אים אונטערגעבעט ווערן מיט אַ דאָקומענט פֿון דעמלט און דעמלט און געחתמעט פֿון דעם און דעם, וואָס מע האָט געפֿונען דאָרט און דאָרט.

(„ישראל-שטימע״, 1985)

וועגן הערש סעגאַל

(צו די שלושים)

אין האַרבסט 1933 האָב איך זיך אומגעקערט אין מאַרקולעשט דעם שטעטל פֿון יאַס דער שטאַט, נאָכן אַפּוואַלגערן זיך דאָרט אַ גאַנץ יאָר און זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. אין פֿרילינג 1934 בין איך געקומען פּרווון דאָס מזל אין טשערנאָוויץ און ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט. דאָס גרויסע געווינס האָב איך טאָקע נישט אויסגעשפּילט, אויך נישט קיין בעסער געלעגער און קיין בעסערע פּרנסה ווי אין יאַס. ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט צו באַגעגענען אַ מענטש, אַ חבֿר, אַ פֿרײַנד, וואָס לאו כּל אדם זוכה אַזאַ מענטשן צו באַגעגענען. איך, וואָס געהער נישט צו די, וואָס מע גיט זיי אויף קרעדיט, צו די, וואָס די אָפּשאַצונגען לויפֿן פֿאָרויס זייערע פֿאַרדינסטן, איך, וואָס אין בעסטן פֿאַל אַנטשולדיקט מען זיך פֿאַר מיר, וואָס מ׳האָט מיך פֿאַרזען, ווײַל פּשוט זיך גאָרנישט געריכט און מע טוט ווײַטער דאָס זעלבע, טאָר זיך אויף קיין פֿעלן פֿון מזל דאָך נישט באַקלאָגן. כ׳האָב באַגעגנט, געקענט און געווען באַפֿרײַנדעט מיט הערש סעגאַל. אין מײַן לעבן האָב איך בלויז איינעם אַזאַ באַגעגנט. דערבײַ ווייס איך, אַז איך בײַ אים בין ווײַט נישט געווען קיין בן-יחיד. די יונגע ייִדישע דיכטער און פּראָזאַיקער יעקבֿ פֿרידמאַן און הערש-לייב קאַזשבער, פֿריד ווײַנינגער און רחמה גאָלד-שטיין, אפֿרים רויטמאַן און יחיאל פֿריזמאַן, יאָסל לערנער און יוסף בורג און יונה גרובער — ווער פֿריִער און ווער שפּעטער און ווער שטענדיק זענען געזעסן בײַ זײַן טיש. ווער ס׳האָט געוואָלט מע זאָל אים אויסהערן, האָט אים סעגאַל אויסגעהערט און ווער ס׳האָט געוואָלט סעגאַלן הערן, זײַן וואָרט, זײַן מיינונג, האָט סעגאַלן געהערט. און נישט נאָר יונגע ייִדישע שרײַבער. זײַן אינטערעס פֿאַר די יונגע טשערנאָוויצער ייִדישע מאָלערס איז גאָר נישט צו באַמאָלן. קריניץ און שיראָקי, שערף און וואָלפֿער. ווער האָט געזאָרגט פֿאַר זייער ערשטער אויסשטעלונג און ווער האָט זי אויפֿן אייגענעם חשבון, אויפֿן חשבון פֿון זײַן לערער-געהאַלט אָרגאַניזירט?

דער יונגער טאַלענטירטער רעציטאַטער און אינטערפּרעטאַטאָר פֿון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג לייבו לעווין האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ וואַנט פֿון טשערנאָוויצער בּלומרשטע מבֿינים, וואָס אָן זייער סמיכות נעמט מען קיינעם נישט אָן. הערש סעגאַל צוזאַמען מיט זײַן נאָענטן פֿרײַנד, דער פֿילאָלאָג חיים גינינגער, האָבן די וואַנט אײַנגעבראָכן און געבראַכט לעווינען צום עולם, וואָס האָט אים אויפֿגענומען מיט ענטוזיאַזם און לעווין האָט זיי געבראַכט: נאַדיר און האַלפּערן, הײַזלער און לוצקי, לייוויק און גלאַטשטיין און טאַקע די אייגענע שטיינבאַרג און מאַנגער. די דיכטער, וואָס סעגאַל האָט אַזוי ליב געהאַט האָט אויך דער עולם שטאַרק ליב

באַקומען. אַגבֿ, קומענדיק קיין טשערנאָוויץ האָב איך געטראָפֿן אַ קליינע אַנטאָלאָגיע "נײַע ייִדישע דיכטונג" אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע אַרויס-געגעבן אַנהייב 1934 פֿון הערש סעגאַל, חיים גינינגער, איציק שוואַרץ און נטע מאַנגער אויף צו באַקענען און דערנענטערן די דערוואַקסענע יידישע אינ-טעליגענץ צו די שיינקייטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. הערש סעגאַל איז דער, וואָס גיט שפּעטער אַרויס די זעקס שלאָפֿלידער פֿון דער ייִדישער דיכטונג מיט דער מוזיק פֿון לייבו לעווין און די צייכענונגען פֿון איזיו שערף. ער גיט אַרויס אַ מאַפּע פֿון קריניצעס 12 צייכענונגען. ווען די לידער פֿון פֿאָפּולערן באַסאַראַבער ייִדישן טרובאַדור זעליק באַרדיטשעווער זענען דערגאַנגען צו סעגאַלס אויערן און דערוויסנדיק זיך, אַז זיי זענען נישט נאָר נישט געזאַמלט נאָר בכלל אין ערגעץ נישט געדרוקט, פֿאַרבינדט ער זיך מיטן דעמאָלט שוין שווער קראַנקן באַרדיטשעווער און מעלדעט זיך, זיי אַרויסצוגעבן. באַרדיטשעווער איז געשטאָרבן אין דעצעמבער 1937, בעת סעגאַל האָט זיך מטפּל געווען מיט זײַנע לידער, ער מאָביליזירט זינגערס, וואָס האָבן די לידער געקענט צו פֿאַרשרײַבן די נאָטן פֿון זייער מויל און דער עזבֿון פֿון 10 לידער מיט מוזיק ווערט אַרויסגעגעבן און אַן אוצר ווערט דורך סעגאַלן געראַטעוועט.

געזאַנג און פֿילאָזאָפֿיע, מאָלעריי און פּאָליטיק, ליריק און מאַטעמאַטיק דאָס זענען אַלץ די געביטן פֿון זײַנע פֿאַראינטערעסירונגען, כאָטש ער אַליין האָט נישט געזונגען און נישט געטריבן קיין פּאָליטיק, נישט געמאָלן און קיין פֿילאָזאָפֿישע טראַקטאַטן נישט געשריבן, נישט געשריבן קיין לידער און קיין מאַטעמאַטישע אַנטדעקונגען נישט געמאַכט. מיר האָט דערציילט זײַן נאָענטסטער יוגנט-חבֿר חיים גינינגער, אַז שטיינבאַרג האָט אָנגעשריבן זײַן באַרימט משל "דער אָדלער און דער מוילוואָרף" נאָך אַ שמועס מיט הערש סעגאַלן. איציק מאַנגער, דער דיכטער און גרויסער ערודיט איציק מאַנגער האָט אַ מאָל געפּרוווט זיך אַ טשעפּע טאָן צו ניטשען, האָט אים סעגאַל אָפּגעשטעלט, עפּעס שטיל אויפֿגעקלערט און מאַנגער האָט זיך צוריקגעדרייט אויף 180 גראַד. אַנומלטן האָט מיר אַבֿרהם סוצקעווער דערציילט, אַז דעם שענסטן בריוו-אָפּרוף, וואָס ער האָט אין זײַן לעבן באַקומען איז פֿון הערש סעגאַל. און אָט איז אַ ביז גאָר אינטע-רעסאַנטער און כאַראַקטעריסטישער פֿאַל פֿאַר סעגאַלן: איך בין שוין געווען מיט אים גאַנץ נאָענט באַפֿרײַנדעט און געוווסט, אַז פֿון ענגעלסן האַלט ער נישט. מאַרקסן שעצט ער נאָר קיין מאַרקסיסט איז ער נישט און גראָד ווען די סאָוועטן האָבן אַרײַנמאַרשירט קיין טשערנאָוויץ טרעף איך אים בײַם פֿאַרברענען מאַרקס קרוינווערק "דאָס קאַפּיטאַל" אין דײַטשן אָריגינאַל.

סעגאַל, האָב איך געזאָגט, איך פֿאַרשטיי נישט. בײַ רומעניע האָט איר נישט מורא געהאַט צו האַלטן אין שטוב אָט דאָס טרייף-פּסול און גראָד

בײַ די סאָוועטן, וואָס דאָס איז זײער ביבל, פֿאַרברענט איר דאָס? די אויסגאַבע, האָט ער מיר געענטפֿערט, איז מיט קאַרל קאַוטסקיס אַ פֿאָר-וואָרט און דאָס איז איצט געפֿערלעכער ווי צו האַלטן אין שטוב אַ מחזור צי אַ סידור.

נאָך דער מלחמה אין 1946 זענען די סעגאַלס אַפּגעפֿאָרן פֿון טשערנאָ-וויץ קיין רומעניע. ווען איך האָב פֿון אים פֿון דאָרט באַקומען אַ מתּנה אַ סוועדער, האָב איך געזוכט זיך מיט עפּעס צו רעוואַנזשירן, ווי מע זאָגט, אָפּצאָלן מיט עפּעס, בין איך אַוועק אויפֿן טשערנאָוויצער בית עלמין מיט אַ פֿאָטאָגראַף כּדי צו פֿאָטאָגראַפֿירן פֿאַר אים זײַן פֿאָטערס מצבֿה. כ׳האָב די מצבֿה געפֿונען און פֿון דער אויפֿשריפֿט אויף איר זיך דערוווּסט, אַז דער לוי זאבֿ-וואָלף סעגאַל שטאַמט מגזע מהר״ל מפּראַג.

אין ישׂראל האָט הערש סעגאַל פֿון זײַן גרויסן ייִחוסדיקן עלטערזיידן קיין קרן, קיין קרן מהר״ל, נישט געמאַכט, נאָר ווײַטער פֿון זײַן קאַרגן לערער-געהאַלט און שפּעטער פֿון זײַן פּענסיע אָפּגעשפּאָרט און אַרויס-געגעבן די געפֿונענע לידער פֿון אַ יונג-פֿאַרשניטן 17 יעריק טשערנאָוויצער ייִדיש מיידל זעלמאַ מעערבאום-אײַזינגער. איזיו שערפּס אַ מאַפּע מיט גראַפֿישע בלעטער „מאָטיוון און געשטאַלטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור״. שטיינבאַרגס 13 געזונגענע לידער, נאָך אַ מאָל באַרדיטשעוערס לידער, נאָך אַ מאָל קריניצעס מאַפּע מיט 12 צייכענונגען. זײַן נשמה האָט ער אויסגעהויכט בײַם צוגרייטן צום דרוק אַ זאַמלונג קינדערלידער פֿון געטאָ. איין מענטש אַזאַ האָב איך אין מײַן לעבן באַגעגנט און ער איז שוין אויך נישטאָ.

כּבֿוד זײַן ליכטיקן אָנדענק!

(„ירושלימער אַלמאַנאַך״, 14, 1982)

וועגן הערש-לייב קאַזשבער ז״ל

צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען און געהערט בײַ זיך אין שטעטל אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט. ער האָט נאָך דעמלט געהייסן הערש ווײַנשטיין — אַ ייִדישער שרײַבער פֿון דער נאָענטער און גרעסערער שטאָט בעלץ. דאָס איז געווען עטלעכע יאָר פֿאַר אונדזער טשערנאָוויצער באַקאַנטשאַפֿט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געטראָפֿן זײַן נאָמען און זײַן בילד איבער אַ קורצער דערציילונג „טאַניאַ״ אין ערשטן נומער פֿונעם זשורנאַל „אָנזאָג״ (דער ערשטער און דער לעצטער. מער קיין נומערן זענען נישט אַרויס),

ווי ער איז אין איינעם מיט הערץ הײַסינער (שפּעטער הערץ ריווקין), יאַנקל יאַקיר און מרדכי שקאָלניק (שפּעטער מרדכי זעלנער) געווען מיטרעדאַקטער. אין דער דערציילונג האָט זיך געמערקט די נטיה פֿונעם מחבר אָפּצונייגן פֿונעם אַלגעמיינעם נוסח פֿון אויסגערופֿענע סאָציאַלע טעמעס פֿון די שרײַבער פֿון זײַן דור אין דער דעמלטיקער רומעניע.

ווען איך בין געקומען קיין טשערנאָוויץ, איז ער שוין דאָרט געווען אַ תּושבֿ, געהאַט זײַן לערער-אַרבעט, אַ מקום מיקלט און אַ גאַנצן אָנצוג אויף זיך. פֿון זײַן אַרומוואַלגערן זיך, הונגערן זענען געבליבן בלויז טשי-קאַווע טראַגיקאָמישע מעשׂות, וואָס אַמשענסטן פֿלעגט ער, הערש-לייב קאַזשבער, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן רופֿן, אַליין דערציילן. ער פֿלעגט זיך דערמאָנען אָן אייגענעם לעבערלעכן שריט, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געמאַכט און זיך פֿאַרגיין אין געלעכטער איבער זיך אַליין מיט שאַרפֿער זעלבסטבײַסיקייט, — אַ לעבערלעכן שריט, וואָס די הײַנטיקע ביטניקעס וואָלטן אים צעטראָגן אויף טעלערלעך פֿון פּאַריז ביז ניו-יאָרק און אים אַרײַנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות אינעם שולחן ערוך פֿון דער יוגנט-באָהעמע . . .

ער האָט אין טשערנאָוויץ געהאַט פֿאַרערער, אַ סך האָבן אים ליב געהאַט, אַנדערע האָבן געהאַט פֿאַר אים דרך ארץ, זיך געהיט פֿאַר זײַנס אַ שטעכווערטל און דאָך אים נאָכגעגאַנגען ווי היפּנאָטיזירטע. דאָס קענען אומגעצוימט לאַכן איבער אייגענע נעכטיקע און אַפֿילו הײַנטיקע נאַריש-קייטן האָט אים געגעבן די פּריווילעגיע אומבאַשטראָפֿט צו פֿאַרפֿאָרן אויך יענעם אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַן.

ווען כ'האָב זיך דערוווסט, אַז ער איז אַ געבוירענער אין 1913, איז מיר פֿאָרגעקומען קאָמיש, וואָס ער איז יונגער פֿון מיר מיט אַ יאָר, ווײַל שוין דעמלט, בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש אויף זײַן אויפֿטריט אין מײַן שטעטל, בין איך, אַ יונג בחורל, געזעסן און אויסגעהערט דעם ערנסטן דערוואַקסענעם מענטשן, צו וועלכן ס'האָבן זיך צוגעהערט אַלע עלטערע פֿון מיר. — אָבער דערפֿאַר, האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט, ווײַל איך זע אויס אַ סך עלטער פֿון מײַנע אמתע יאָרן, וועל איך לאַנג לאַנג זיך האַלטן אַזוי ווי הײַנט. ליידער האָט זײַן גורל אים ניט געלאָזט עס צו דערווײַזן.

פֿון געבוירן מיט אַ קראַנקן פֿוס, האָט אים די נאַטור קאָמפּענסירט מיט אַ וווּנדער-שיינעם קאָפּ, מיט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, אַ הויכן שטערן, טיפֿע פֿאַרחלומטע אויגן און אַ קלוגן עטוואָס חוזקדיקן שמייכל. ער האָט געהאַט אַ שיינע מענערישע שטים, אַ שטאַרקע, אַן איבערצײַגעוו-דיקע. גייענדיק פֿלעגט ער בײַם אַריבערטראָגן דעם קראַנקן פֿוס זיך ווי אויפֿהייבן און אין דער רגע אויסזען מאַיעסטעטיש.

ייִדיש האָט ער ליב געהאַט מיט אַ פֿאַנאַטישער ליבשאַפֿט. געווען

גרייט אָנצוּווענדן ״טעראָר״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, לגבי אַסימי־לאַנטן, וועלכע, נאָך נישט קענענדיק גוט רומעניש, קענען זיי שוין שלעכט אָדער שוין אין גאַנצן נישט קיין יידיש. פֿײַנט געהאַט האָט ער אויך דעם סאָרט שרײַבערס ״פֿוליאַקעס״, וועלכע, כאָטש זיי קענען שרײַבן, קענען זיי אַליין נישט לייענען ווי ס׳דאַרף צו זײַן, אַפֿילו זייערע אייגענע ווערק. אַליין האָט ער סײַ זיך, סײַ אַנדערע געלייענט אויסגעצייכנט. קיין רעצי־טאַטער איז ער נישט געווען, נאָר זײַן לייענען, למשל, שלום עליכמען, באַזונדערס ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״, ליגט מיר עד היום אין טעם. נאָך הײַנט, אַז איך עפֿן שלום עליכמס ״מאָטל״ קלינגט עס מיר מיט קאַזשבערס שטים.

ער איז לגמרי געווען פֿרײַ פֿון אייגננוץ און פֿון כּבֿוד־זוכערײַ. האָט עמעצער געלויבט אַ מאָל זײַנע אַן ערשט אָפּגעדרוקטע זאַך, האָט ער שטאַרק געוואָלט וויסן, צי ס׳איז טאַקע אַזוי. ער האָט יענעם ממש אָנ־גענומען בײַם האַלדז, ער זאָל עס אים דערווײַזן, אַליין אָפּאַנירט דאָס לויבן און אויב ס׳איז יענעם פֿאַרט געלונגען אים צו איבערצײַגן, אַז ס׳איז בפֿירוש גוט, האָט ער זיך געפֿרייט ווי אַ קינד.

— ווײַנשטיין — האָב איך זיך צו אים אַ מאָל געווענדעט, — ווי אַזוי זענט איר עס געוואָרן פֿון הערש ווײַנשטיין הערש־לייב קאַזשבער, און וואָס איז דער שׂכל דערבײַ?

דערויף האָט ער געענטפֿערט: הערש איז מײַן נאָמען, לייב — מײַן פֿאָטערס נאָמען, און קאַזשבע איז דאָס דאָרף נעבן בעלץ, ווו איך בין געבוירן. איר פֿאַרשטייט, ווײַנשטיינס פּונקט ווי פֿעלדמאַנס, גרינבערגס, זענען פֿאַראַן, קיין עין הרע, אַזוי פֿיל...

דאָס פּאָליטישע דענקען האָט זיך בײַ אים אַנגעהויבן נישט פֿון צײַטונגען און ביכער. זײַן סימפּאַטיע מיט די קאָמוניסטן האָט זיך בײַ אים גענומען פֿון זייער מסירת נפֿש, זיי זענען געווען אין דער דעמלטיקער רומעניע די איינציקע פּאָליטיש־פֿאַרפֿאָלגטע, די איינציקע, וועלכע האָבן געליטן פֿאַר זייערע איבערצײַגונגען. מע קען זאָגן, אַז די סיגוראַנץ, די רומענישע זיכערהייטס־פּאָליציי האָט זיי געמאַכט סימפּאַטיש אין זײַנע אויגן, זייער אימאַזש אין זײַנע אויגן האָט זיך אין גאַנצן געביטן, ווען זיי האָבן אין סאַמע מיטן פֿון זייער אָפּמאַך און פֿלירט מיט היטלערן זיך באַוויזן אין טשערנאָוויץ ווי באַפֿרײַער...

מלחמה־צײַט איז ער ווי טויזנטער אַנדערע אַוועק אין דער סאָוועטישער מיטל־אַזיע. זײַן שוואַכער גוף האָט אָבער פֿון די וואַנדערונגען און איבער־לעבענישן זיך אײַנגעבראָכן. מיט אים אין איינעם האָט זיך געפֿונען איציק מאַנגערס ייִנגערער ברודער נטע. זיי זענען געווען באַפֿרײַנדעט פֿון די אַנהייב דרײַסיקער יאָרן אין טשערנאָוויץ און אין דער עוואַקואַציע זיך נאָך

מער באַפֿרײַנדעט. ווען סע זענען צו זיי דערגאַנגען די ערשטע ידיעות וועגן חורבן און אומקום האָבן זיי פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן מענטש און וועלט, וואָס האָט זיך געצויגן ביז קאַזשבער איז געשטאָרבן. אין גיכן האָט אויך נטע מאַנגער אויסגעהויכט די נשמה. אָוועק, הייסט עס, צו פֿאַרענדיקן דעם שמועס. לויט ווי אייניקע האָבן דערציילט און בתוכם עטל ערליך, נטע מאַנגערס פֿרוי, זאָל ער האָבן, נטע, געזאָגט: קאַזשבער רופֿט מיך. מיר האָבן זיך נאָך וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. לויט לייזער פּאָדריאַטשיקן האָט קאַזשבערס לעצטע דערציילונג געהייסן ״ייִנגלער״ און אַז דאָס איז דאָס סאַמע בעסטע, וואָס קאַזשבער האָט אָנגעשריבן, נאָר וועגן וואָס סע דערציילט זיך אין אָט דער דערציילונג האָט פּאָדריאַטשיק נישט געוווּסט אָדער נישט געדענקט צו דערציילן.

די קריטיק האָט בשעתו זייער וואַרעם אויפֿגענומען קאַזשבערס איינציק ביכל ״קאַזיאָנע גימנאַזיע״ און דערבײַ אונטערגעשטראָכן דוד בערגעלסאָנס שטאַרקע השפּעה אויפֿן מחבר. עס איז בפֿירוש ריכטיק. ה. ל. קאַזשבער האָט שטאַרק ליב געהאַט בערגעלסאָנס שאַפֿן.

די איבערראַשונג פֿון משה יונגמאַן

ווען עמעצער וואָלט אויסגעטיילט די ביכער, וועלכע גייען אַרויס נאָכן טויט פֿון זייערע מחברים, די אַזוי גערופֿענע ביכער ״פֿונעם עזבֿון״ ווי דאָס הייסט, וואָלט ער געקענט פֿעסטשטעלן אַז זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר, אָט די ביכער, אַ היפּשע טייל פֿון דער ליטעראַטור. געוויינלעך זענען עס די שוואַכערע טיילן פֿון דעמס אָדער יענעמס ווערק, ווײַל זיי זענען אַרויס אָן דער השגחה פֿון זייערע מחברים, וועלכע באַגלייטן זיי אָפּט ביז צו דער דרוק-מאַשין.

אַזוי צום בײַשפּיל די שיינע הונדערט משלים פֿון אליעזר שטיינבאַרגס צווייטן באַנד, וואָס איז אַרויס אַ סך יאָרן נאָך שטיינבאַרגס טויט, קאָן מען נישט פֿאַרגלײַכן צו די משלים פֿון ערשטן באַנד, וועלכע דער מחבר אַליין האָט זיי אָפּגעקליבן, אויסגעסדרט אין ציקלען, צוגעגרייט צום דרוק און אַפֿילו באַוויזן אַ טייל פֿון זיי צו קאָרעגירן, כאָטש דאָס בוך איז אַרויס שוין נאָך זײַן טויט.

דאָס זעלבע מיט משה לייב האַלפּערן. פֿון זײַנע פֿיר לידערביכער זענען צוויי ״פֿונעם עזבֿון״. דער ערשטער באַנד פֿון אָט די צוויי איז מיט לידער געדרוקטע דאָ און דאָרט אין פֿאַרשידענע זשורנאַלן, זאַמלביכער און צײַטונגען. דער צווייטער באַנד באַשטייט פֿון געבליבענע כּתבֿ ידן און מיר ווייסן נישט, וואָס פֿאַר אַ געשטאַלט זיי וואָלטן אָנגענומען, ווען

האַלפּערן אַליין מאַכט דעם אָפּקלייב און גרייט זיי צו צום דרוק. שרײַבן טאַקע די אַרויסגעבערס פֿונעם משה לייב האַלפּערן-קאָמיטעט: „עס איז גוט באַקאַנט ווי אַזוי משה לייב האַלפּערן פֿלעגט צוגרייטן עפּעס צום דרוקן — מעקן און ענדערן, צוגעבן און אַראָפּנעמען, איבערשרײַבן און נאָך אַ מאָל איבערשרײַבן". מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען חל אויך אויף לידער שוין פֿריער געדרוקטע איידער זיי זענען אַרײַן אין אַ בוך און מעגן ווי גערעכט זײַן די לידער פֿון אָט די צוויי בענדער קען מען זיי פֿאָרט נישט גלײַכן צו די ערשטע צוויי לידערביכער „אין ניו-יאָרק" און „די גאָלדענע פּאַווע". איך וואָלט נאָך געקענט ברענגען צענדליקער ענלעכע בײַשפּילן דאָס צו אילוסטרירן, נאָר כ'האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווײַל גראָד איז מיר געקומען צו די הענט אַ בײַשפּיל אַ פֿאַרקערטער, אַן איבער-ראַשנדיקער ממש. משה יונגמאַנס לידערביכל „שטערן דערקענען דיך" אין פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב 1985 און וואָס עפֿנט זיך מיט אַ ליד „לזכר משה יונגמאַן" פֿון אַבֿרהם סוצקעווער. ס'רובֿ לידער אין בוך, שרײַבט זיך אין נאָכוואָרט פֿון עטלעכע שורות אויפֿן לעצטן זײַטל, ס'רובֿ לידער ווערן געדרוקט לויט כּתבֿ ידן, וואָס זענען געבליבן אין עזבֿון פֿונעם דיכטער פֿון פֿאַרשידענע תּקופֿות. בלויז אַ קליינער טייל איז געווען געדרוקט פֿריער אין „די גאָלדענע קייט" און דאָ ווערן אויסגערעכנט אין גאַנצן פֿינף נעמען פֿון די קאַרגע זיבעציק אין ביכל.

משה יונגמאַנס דיכטונג קען איך פֿון זײַנע לעצטע צוויי לידערביכער „אין לאַנד פֿון אליהו", וואָס איז אַרויס אין 1977 און „מײַן טאַטנס פּרנסות" וואָס איז אַרויס אין 1981. וועגן לעצטן האָב איך בשעתו אָנגעשריבן אַן אָפּרוף, וואָס איך האָב אים געלייענט אין מאַגאַזין פֿאַר ליטעראַטור און קונסט פֿון קול ישראל אין דער ייִדיש-אוידיציע און געדרוקט אין „ירושלי-מער אַלמאַנאַך". „מײַן טאַטנס פּרנסות" נעמט אַרום די מערכה פֿון אַ גלות-ייִד אין גאַליציע, וואָס נישט נאָר זײַן חיונה, נאָר זײַן עצם קיום הענגט שטענדיק אויף אַ האָר. צו זײַן אויפֿשריפֿט אויפֿן עקזעמפּלאַר פֿאַר מיר און (מסתּמא אויך פֿאַר אַנדערע) האָט יונגמאַן נאָך צוגעשריבן — אַ בינטל זכרונות. דאָס הייסט זכרונות פֿון מחברס קינדהייט, פֿון זײַן טאַטנס זיך וואַקלענדיק הויז. מיט די לידער געווינט ער דײַן מיטגעפֿיל. פֿון ערשטן זײַטל אָן שטעלסטו זיך אויף דער זײַט פֿון דיכטער. דאָס זעלבע אין בוך „אין לאַנד פֿון אליהו הנבֿיא". דער דיכטער איז נישט נאָר טאַלענטירט, קען שרײַבן שיין. ער איז אויך אַ מזג טובֿ וואָס שטעקט דיך אָן מיט זײַן גוטסקייט, נאָר ווען דו עפֿנסט דאָס לעצטע ביכל זײַנס פֿונעם עזבֿון „שטערן דערקענען דיך" ווערסטו איבערראַשט שוין פֿון ערשטן ליד זײַנס. אָט דאָס איז דער ליבענקער, גוטינקער, שטילינקער משה יונגמאַן? פֿון וואַנען אַזאַ מעכטיק געזאַנג? אַ הייסער שטורעם טוט אויף דיר אַ הויך: פֿײַער-פֿויגל — אַלע זונען אין דיר, / אַלע שטערן אין דיר, / דו,

אַרויסגעקומענער פֿון אַש, / דו, צעבליטער איבער דער איינזאַמקייט, / הויכער דו, / און דאָך אַזוי פֿאַרוואָרצלטער אין אונדזער בלוט. אַ מעכטי־קער דיכטער האָט זיך אונדז אַנטפּלעקט און דווקא אין זײַנע לידער ״פֿונעם עזבֿון״. אָט לייען איך דאָס ליד מיטן נאָמען — ״1948״ און איך טראַכט: אָט אַזאַ ליד האָט ער דורכגעטראָגן דורך אַלע זײַנע לידערביכער און אין קיין איינעם פֿון זיי עס נישט אַרײַנגענומען. פֿאַרוואָס? ווײַזט אויס דערפֿאַר, ווײַל דאָס וואָס בײַ אַנדערע וואָלט געהייסן רעדאַגירן, צוגרייטן צום דרוק, האָט בײַ יונגמאַנען געהייסן מעסיקן, אײַנשטילן דעם טאָן, אים אויסאיידעלען און דאָ איז דער טאָן געבליבן אַזאַ בראַשיתדיקער, אַזאַ קרעפּטיקער. לויט מײַן איינדרוק איז דאָס דאָזיקע קליינע ביכעלע פֿון קוים 120 זײַטעלעך איינס פֿון די זייער גוטע ייִדישע לידערביכער אין ישׂראל.

רעדע געהאַלטן אויף דער פֿײַערונג בײַם באַקומען די יעקבֿ פֿיכמאַן־ליטעראַטור־פּרעמיע

(20.6.1976)

ס׳איז נישט, מיין איך, סתּם עפּעס אַ צופֿאַל, וואָס די יעקבֿ פֿיכמאַן־ליטעראַטור־פּרעמיע ווערט צוגעטיילט סײַ צון אַ העברעיִשן שרײַבער און סײַ צון אַ ייִדישן. האָט דאָך יעקבֿ פֿיכמאַן געשריבן אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, געווען, ווי מע זאָגט, אַ העברעיִש־ייִדישער שרײַבער, נישט געווען יענע צײַטן בײַ ייִדן קיין איין שרײַבער, וואָס זאָל נישט האָבן געשריבן אין ביידע שפּראַכן. נישט געווען קיין העברעיִשער שרײַבער, וואָס זאָל נישט האָבן צוגעזינדיקט מיט ייִדיש. נישט געווען קיין ייִדישער שרײַבער, וואָס זאָל נישט האָבן קיין כּתבֿים אין לשון קודש. צון אַ מער בולטער דיפֿערענציאַציע איז מען דערגאַנגען שפּעטער און אפֿשר טאַקע צוליב דעם, אַז די פֿיכמאַן־פּרעמיע זאָל נישט באַקומען קיין איינער, נאָר צוויי. אַזוי, למשל, שרײַבט, דאַכט זיך, פּראָפֿעסאָר אפֿרת נישט קיין ייִדיש און איך שרײַב נישט קיין עבֿרית.

איך געדענק אין די פֿריע ייִנגל־יאָרן מײַנע זענען מיר, אַ גאַנצער פּלויט, אַזוי האָט בײַ אונדז געהייסן, ווען צען־צוועלף ייִנגלעך מיט מיידלעך האַלטן זיך בײַ די הענט און מע גייט אין דער ברייט אויף דער טאָליקע אין מאַרקולעשט, נישט ווײַט פֿון פֿיכמאַנס בעלץ, אַ גאַנצער פּלויט זענען מיר געגאַנגען און געזונגען פֿיכמאַנס אַ ייִדיש ליד און וואָס, מיינט איר, טוט מען, ווען מע זינגט אַ ליד וועגן ״כוואַליעס, וואָס הוידען זיך״ און וועגן ״גראָזן, וואָס סודען זיך״? מע חלומט. וועגן וואָס זשע חלומט מען, ווען מע זינגט אַזאַ

ליד? לאָמיר אײַך בעסער דערציילן הײַנט וועגן וואָס כ׳האָב דעמלט נישט געחלומט, — אַז אין יאָרן אַרום וועל איך, ווי אַ ייִדישער פּאָעט, באַקומען אין תל אביב אַ ליטעראַטור-פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון מחבר פֿון אָט דעם בּישופֿדיקן ליד. דאָס האָב איך בפֿירוש דעמלט נישט געחלומט.

אין מערץ 1972, ווען איך בין אַפּגעפֿאָרן קיין ישׂראל, איז אויפֿן טשערנאָוויצער וואָקזאַל צוגעקומען א ייִד און מיך געבעטן, אַז אויב איך וועל באַגעגענען פּרויקע לאָזער דעם שוחטס, זאָל איך אים איבערגעבן אַ גרוס פֿון אים, פֿון זײַנעם אַ קרובֿ פֿון בעלץ.

— ווער איז דער פּרויקע לאָזער דעם שוחטס, האָב איך איבערגעפֿרעגט. איך האָב געקענט מאיר-אהרון לאָזער דעם שוחטס פֿון מאַרקולעשט. קיין פּרויקע איז דאָרט נישט געווען.

— ווי אַזוי, איר זענט אַ ייִדישער שרײַבער און ווייסט נישט ווער פּרויקע לאָזער דעם שוחטס איז?

— ניין, ווי אַזוי איז זײַן פֿאַמיליע?

— אויערבאַך, אפֿרים אויערבאַך, אַ בושה, אויב איר ווייסט נישט ווער ער איז.

— אפֿרים אויערבאַך ווייס איך גראָד יאָ, און בײַ אויערבאַכן אַליין הייסט יעקבֿ פֿיכמאַן יאַנקל עליע פּעסיעס און ער, אויערבאַך, שרײַבט וועגן אים, אַז ווען ער, פֿיכמאַן, איז אַפּגעפֿאָרן פֿון בעלץ, האָט ער מיט זיך מיטגענומען די באַסאַראַבער סטעפּעס.

אויערבאַך אַליין, פּרויקע לאָזער דעם שוחטס, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין ניו-יאָרק און די לעצטע יאָרן דאָ מיט אונדז אין ישׂראל, איז אויך פֿאַרבליבן ביזן סוף פֿון זײַנע טעג און ביזן לעצטן ליד זײַנעם אַ באַסאַראַבער.

אָפּט וואַרפֿט מען מיר פֿאָר: וואָס קלאַמערט איר זיך אַזוי אין אײַער באַסאַראַביע און אין אײַער באַסאַראַבער ייִדישן שטעטל? צײַט צו באַפֿרײַען זיך דערפֿון און אַרויס אין דער גרויסער וועלט. דאָס טענהן די אַנהענגער פֿון א. ג. אוניווערסאַליזם, אָבער יעדער זאַך ווערט דאָך געזען פֿון ערגעץ ווו, אויף יעדן בילד, צי איז דאָס אַ צווײַגל פֿון אַ שטעטלדיקן בוים צי דער אוניווערס, ליגט דערויף דער חותם פֿון קוק-ווינקל, פֿון וואַנען מע זעט עס.

מע דערציילט, אַז אויף איין גאַס האָבן געהאַט זייערע וואַרשטאַטן פֿיר שנײַדערס, וועלכע האָבן צווישן זיך קאָנקורירט. דער ערשטער האָט אַרויסגעהאַנגען אַ וויוועסקע: דער בעסטער שנײַדער אין גאַנצן לאַנד. דער צווייטער — דער בעסטער שנײַדער אין גאַנץ אייראָפּע, — דער דריטער — דער בעסטער שניידער אין דער גאַנצער וועלט. וואָס זשע פֿאַר אַ וויוועסקע איז געבליבן אַרויסצוהענגען דעם פֿערטן שנײַדער, אַז די גאַנצע וועלט איז שוין פֿאַרכאַפּט? — דער בעסטער שנײַדער אויף אָט דער גאַס.

איך זאָג גאָס. געווען איז עס דאָס שנײַדערגעסל אין אַ קליין באַסאַ-ראַבער ייִדישן שטעטל. לאָמיר עס נישט איגנאָרירן. איך רוף אײַך נישט, חלילה, יורד צו זײַן קיין באַסאַראַביע. אין מײַן בוך "אין פּרעמדן גן עדן" איז פֿאַראַן אַ ליד, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

כ'האָב בײַ קיינעם נישט געבעטן
אומצוקערן מיר דאָס שטעטל,
אָבער יענער זאָל זיך עקן,
וואָס ער וויל עס מיר פֿאַרמעקן.

אין זײַנס אַ ליד זאָגט ערגעץ דער ייִדישער דיכטער פֿון דער שכונות-דיקער בוקאָווינע, דער גרויסער איציק מאַנגער:

"קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער וועלט פֿאַרלוירן".

און אַוודאי נישט די שיינקייט, ווען יאַנקל עליע פּעסיעס האָט געמישט מיט אַ הילצערנעם לעפֿל די שאָפּענע מילך פֿון די באַסאַראַבער סטעפּעס און אַרײַנגעקוקט דערבײַ אין אַ העברעיִשן ספֿר. איך בין שטאָלץ מיט דער פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון מײַן גרויסן לאַנדסמאַן, אויפֿן נאָמען פֿון דיכטער יעקבֿ פֿיכמאַן.

מײַן וואָרט צום באַקומען די מאַנגער-פּרעמיע

(1טער יולי 1986)

צוערשט אַ פּאָר ווערטער פֿאַרן וואָרט — צוליב דער איבערגעלאָדנקייט פֿון די פּראָגראַמען בעת די פֿײַערונגען בײַם פֿאַרטיילן די מאַנגער-פּרעמיע — באַגריסונגען, דאָס לייענען די מאָטיוון פֿון דער זשורי פֿאַר יעדן פּרעמירטן באַזונדער, אַ קינסטלערישע טייל (געזאַנג און רעציטאַציע בעיקר פֿון די ווערק פֿון מאַנגערן) איז, לויט אַ באַשלוס פֿון קאָמיטעט פֿון דער מאַנגער-פּרעמיע. אײַנגעפֿירט געוואָרן שוין זינט אַ פּאָר יאָר צו געבן דאָס וואָרט בלויז צון איינעם פֿון די פּרעמירטע צו רעדן אין נאָמען פֿון אַלע און נישט צו יעדן באַזונדער ווי ס'איז געווען פֿריער. לײַדער האָב איך נישט זוכה-בגורל געווען און געבליבן מיט מײַן צוגעגרייטן און נישט גע-לייענטן וואָרט אין די הענט, נאָר דער זכות פֿון לייענער איז צו וויסן, וואָס איך האָב זיך געגרייט דעמלט צו זאָגן און ס'איז נישט שפּעט עס צו טאָן אַצינד.

אין אַ פֿעליעטאָן פֿון "פֿאָרווערטס" פֿון 11טן אַפּריל 1986 אונטערן

נאָמען "שאַכנע רעדט וועגן איציק מאַנגער" ווערט דורכגעשמוגלט אַ פֿראַגע גאַרנישט קיין פּאָליטישע, אַ פֿראַגע אַ רעטאָרישע ווי דאָס הייסן פֿראַגעס, וועלכע מאָנען נישט קיין ענטפֿערס, ווײַל זיי זענען בּולל, אָט די פֿראַגעס, די ענטפֿערס אויך — ווען איציק מאַנגער וואָלט געלעבט; צי וואָלט ער געקראָגן די מאַנגער-פּרעמיע? — מיט אײַער רשות וועל איך דאָך געבן דעם נישט געבעטענעם ענטפֿער. נישט נאָר צוריק מיט 18 יאָר בעת דער ערשטער פֿאַרטיילונג פֿיגורירט מאַנגערס נאָמען צווישן די פּרעמירטע, נאָר פֿון דעמלט אָן קריגט יעדעס יאָר די מאַנגער-פּרעמיע קודם כּל מאַנגער אַליין. פֿאַר די 18 יאָר איז די פּרעמיע אין איר חשיבֿות געוואַלדיק אויסגעוואַקסן. געוויינלעך אַ קינסטלער, כּל זמן ער לעבט און איז שעפֿעריש, וואַקסט ער פֿון ווערק צו ווערק. סע טרעפֿט אויך, דער דיכטער איז שוין טויט און זײַן געבליבן ווערק איז נישט נאָר אומשטערבלעך, ווי מיר רופֿן גרויסע ווערק, נאָר סע וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין זײַן קינסטלערישער ווערט אויך נאָכן טויט פֿונעם מחבר. אין 1969 האָב איך, זײַענדיק נאָך אין טשערנאָוויץ, אָנגעשריבן אַ ליד צו מאַנגערס פּטירה און עס גלײַך אָפּגעדרוקט אין דער פּאַריזער "נײַע פּרעסע" און ווידער מיט אײַער רשות וועל איך פֿון מײַן הײַנטיקן מעמד, ווי לייזער פּאָדריאַדטשיק וואָלט געזאָגט, ציטירן אַ פּאָר שורות פֿון דעמלטיקן ליד מײַנעם: געווען איז אַ צײַט, די צײַט איז שוין ווײַט, / ווען ער האָט געזונגען פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט, / פֿאַר וואָס זשע קלינגט נאָך איצטער זײַן ליד? / מע זאָגט דאָך, דער זינגער זינגט שוין ניט.

אין משך פֿון די 18 יאָר האָבן די פּרעמיע געקראָגן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן מאַנגערן בשעתו אַפֿילו אָראָפּגעריסן, נאָר דערנאָך, באַ-קומענדיק די מאַנגער-פּרעמיע מיט איר געוואַלדיק שטאָלצירט. בײַ אייניקע איז עס אַפֿילו פֿאַרבליבן זייער איינציקער שטאָלץ. סע באַקומען די פּרעמיע דיכטער און פּראָזאַיִקער, מאָלערס און מוזיקער, אַרטיסטן און רעזשיסערן, עסייִסטן און פּובליציסטן און איבערזעצערס. בײַ מיר אין שטוב זענען אַ מאָל געזעסן געסט און איינער פֿון זיי אַ ייִד, וואָס לייענט נישט קיין ייִדיש. אַזעלכע זענען, לײַדער, פֿאַראַן הײַנט נישט ווייניק און גראָד נישט אַזעלכער, וואָס לייענט בכלל נישט, אויך אַזעלכע זענען, צום באַדויערן, פֿאַראַן נישט ווייניק, נאָר ער לייענט נישט קיין ייִדיש. — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאַנגער-פּרעמיע, פֿרעגט ער און איידער, כ'האָב רעכט דערהערט, וואָס ער פֿרעגט, האָט אַ צווייטער אַ מער פֿלינקער פֿון מיר מיט אַ מאָל פֿון זיך אַרויסגע-שאָסן — די מאַנגער-פּרעמיע דאָס איז דער פֿאַנטעאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דערויף איז באַלד געקומען אַ צווייטע פֿראַגע פֿון זעלבן פֿרעגער — אין וועלכן יאָרהונדערט האָט דער מאַנגער געלעבט? די ייִדישע ליטעראַטור איז דאָך נישט אַזאַ יונגע. דאָ האָב איך זיך צוגעאײַלט און איבערשרײַענדיק אַלעמען געענטפֿערט: די מאַנגער-פּרעמיע איז עטאַ-

בלירט געוואָרן אין 1969. די גרויסע פֿאַרגייער מאַנגערס ווי אויך די גרויסע בני דור זײַנע, וועלכע זענען עלטער געווען פֿון אים און פֿאַר אים אַוועק פֿון דער וועלט קערן אפֿשר צום פּאַנטעאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר די מאַנגער־פּרעמיע קען מען זיי נישט געבן, ווײַל ס׳איז אַ פּרעמיע ווי יעדע פּרעמיע, פֿאַר לעבעדיקע. מע האָט אויך נישט באַוויזן באַצײַטנס צו געבן די פּרעמיע צו קלמן סעגאַל און בנימין שלעווין, צו לייב ראָכמאַן און צו חיים מאַלטינסקי, צו משה שולשטיין און צו שמשון אַפּטער און צו צענדליקער אַנדערע טאַלענטירטע און פֿאַרדינסטפֿולע ייִדישע שרײַבערס און אויב צו פּסחקע בורשטיין ז״ל ווערט הײַנט דאָ צוגעטיילט אַן ערן־פּרעמיע, איז עס דערפֿאַר, פֿאַרענטפֿערט זיך די זשורי אין אירער אַ מעל־דונג, ווײַל זי האָט עס אים צוגעשטימט אייניקע וואָכן פֿאַר זײַן טויט. צו אונדזער גרויסן צער איז צו פּסחקע בורשטיין צוגעקומען נאָך אַ נאָמען — אליהו שולמאַן, וועלכער איז פּרעמירט געוואָרן און אַוועק פֿון דער וועלט האָרט פֿאַר דער פֿײַערלעכער צוטיילונג. אַ פֿײַערונג, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אויך אין אַ הזכרה נאָך צוויי פֿון אירע לאַורעאַטן. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער דיכטער בינם העלער בײַם באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע זיך באַנוצט מיט אַ מער גראַטעגעם אויסדרוק ווי דאָס וואָרט פּאַנטעאָן. ער האָט גענוצט די ווערטער ״צרור החיים״, נאָר אויך אָט דער שיינער אויסדרוק איז פֿונעם טעקסט פֿונעם ״אל מלא רחמים״ און שמעקט מיט קבֿורה נישט ווייניקער ווי דאָס וואָרט פּאַנטעאָן. דער פּאַנטעאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז צעוואָרפֿן איבער גאָר דער וועלט. מענדעלעס קבֿר אין אָדעס, פּרצעס קבֿר מיט די קבֿרים פֿון אַנסקי און דינענזאָן בײַ די זײַטן אין אהל פּרץ אין וואַרשע, שלום עליכמס קבֿר אין ניו־יאָרק. דאָרט זענען די קבֿרים פֿון משה־לייב און מאַני־לייב, פֿון לייוויק און אָפּאַטאָשו און פֿון צענדליקער אַנדערע גרויסע ייִדישע קינסטלער. אליעזר שטיינבאַרגס קבֿר אין טשערנאָוויץ און איציק מאַנגערס קבֿר אין תל אביב און דער סימבאָלישער קבֿר פֿון די גרויסע ייִדישע שרײַבער די הרוגי מלכות פֿון רוסלאַנד, די סימבאָלישע מצבֿה, וואָס מיר באַזוכן יעדעס יאָר אין ירושלים.

און איצט צום שלוס וויל איך נאָך זאָגן עטלעכע ווערטער ווי אַ פּאָעט וועגן פּאָעזיע. דאָ נישט לאַנג אין אַ שמועס אין דער ייִדיש־אוידיציע וועגן דער ייִדישער פּראָזע האָט מרדכי צאַנין שטאַרק געלויבט דערבײַ די דער־גרייכונגען פֿון דער ייִדישער דיכטונג. אדרבא, רעדנדיק וועגן דער פּראָזע, קען מען זיך, פֿאַרבײַגייענדיק, עס פֿאַרגינען בפֿרט, אַז די דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע זענען באמת גרויסע און יעדער פּאָעט ווערט האָלטן, אַז מע מיינט עס אויך אים. טראָץ דעם שטייט פֿאַר דער דיכטונג בכלל אײַנשליסלעך די ייִדישע אַ געוויסע פּראָבלעם, וואָס פֿאַרשאַפֿט זאָרג און גראָד נישט דאָס, וואָס געוויסע פּאָעטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָדער, ווי זיי אַליין רופֿן דאָס, זיך באַפֿרײַט פֿון די קייטן פֿון געמאָסטענע שורות,

פֿון ריטם און פֿון גראַם, וואָס לויט אייניקע איז דאָס אַ חסרון, וואָס קומט פֿון נישט קענען און לויט זיי אַליין איז דער חסרון גאָר אַ מעלה און זיי שלאָגן זיך אַפֿילו פֿאַר העגעמאָניע, פֿאַר איינזײַטיקער הערשאַפֿט אין דער קונסט און אָפֿט טרעפֿט, אַז דער לייענער דרייט זיך אויס מיט די פּלייצעס, ווי איינער רעדט — שלאָגט אײַך קאָפּ אין וואַנט! און דאָך איז עס נישט דאָס ערגסטע און נישט דאָס איז דאָס פּראָבלעם. אָפֿט דרייט זיך דער לייענער אויס מיט די פּלייצעס צוזאַמען מיטן ביכל און לייענט ווײַטער, אויב ער איז נאָר אַ לייענער.

איינע פֿון די הויפּט-עלעמענטן פֿון דער פּאָעזיע איז די גוזמא, די אַזוי גערופֿענע היפּערבאָלע און דאָס אומבאַגרענעצטע גוזמאַדיקע נוצן די גוזמא פֿאַרשאַפֿט מיר די גרויסע זאָרגן, ווײַל זי נעמט אָפֿט אָן דעם כאַ-ראַקטער פֿון אַ קאָנקורס אויף גוזמאות, אַ מין געוועט און סע דראָט איר אַריבערצוטרעטן די גרענעץ צו דער דעמאַגאָגיע, וואָס פּאַסט פֿאַר דער פּאָליטיק, איז געזונט אין דער מעדיצין, נאָר אין דער דיכטונג, באַזונדערס אין דער ייִדישער, בײַ דער הײַנטיקער מערכה פֿון ייִדיש, דאַרף מען בפֿירוש אָנצינדן רויט ליכט און סע דראָט אויך, אַז דער לייענער וועט זיך, חלילה, אָוועקדרייען אָן אַ ביכל אין האַנט.

טײַערער און ליבער עולם. מיר וועלן באַלד אין אַ שעה אָדער אַנדערט-האַלבן אַרום זיך פֿון דאַנעט צעגיין, זיך צעפֿאָרן איז לאָמיר בײַם געזעגענען זיך, זיך ווינטשן די ייִדישע ליטעראַטור זאָל האָבן אַ קיום און סע וועלן שטענדיק זײַן ייִדישע שעפֿער, וועלכע זענען ווערט צו באַקומען די מאַנגער-פּרעמיע, וועלכע וואַקסט, ווי געזאָגט, אין חשיבֿות פֿון יאָר צו יאָר. אָמן, אַ דאַנק.

דער מאָסקווער חודש-זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט ערגעץ אין די זעכציקער יאָרן, איך געדענק נישט פּינקטלעך פֿון וועלכן נומער אָן, געעפֿנט אַ ווינקל פֿאַר זײַנע מיטאַרבעטער-שרײַבער — ״פֿון דער שעפֿע-רישער לאַבאָראַטאָריע״. אין דאָזיקן ווינקל איז דעם שרײַבער געגעבן געוואָרן אָרט צו אַנטפּלעקן זײַנע אינטימע באַגעגענישן מיט זײַן מוזע. אָט וואָס בערך איך האָב דעמלט, אין נומער 12, 1965, געשריבן:

אין אַ שטענדיקער עקספּעדיציע

איך וועל אָנהייבן מיט אַ פֿאַרגלײַך און ווײַל איך שטאָם פֿון דער מאָלדעווישער טייל באַסאַראַביע, וועל איך אויך דעם פֿאַרגלײַך אָנהייבן מיט מאָלדעווישע אויסדרוקן — קאַסאַ מאַרע און קאַסאַ מיקע, וואָס איך דאַרף אײַך פֿריער פֿאַרטײַטשן, וואָס דאָס מיינט. קאַסאַ מאַרע וואָרט בײַ

וואָרט מיינט — דאָס גרויסע הויז. דאָס יום-טובֿדיקע הויז אין אַמאָליקן פּויערישן הויף. די קאַסאַ מאַרע ווערט געעפֿנט נאָר אין אַ יום-טובֿ-טאָג. אַ גאַנץ יאָר ווױנט די משפּחה ווי גרויס זי זאָל נישט זײַן לעבן די שטאַלן אין דער אַזוי גערופֿענער קאַסע מיקע, דאָס הייסט אין קליינעם שטיבל מיט ערדענע דילן. מע שלאָפֿט אויפֿן ברעטערנעם ברייטן נאָר האַרטן און איינציקן פּאַר אַלע געלעגער, מען עסט בײַ אַ קליין, נאַקעט, נידעריק טישל די וואָכעדיקע מאַמעליגע, דאָ שפּינט מען, דאָ זענען אָפּטע געסט די הינער פֿון הויף.

צו דער קאַסאַ מאַרע וויל איך פֿאַרגלײַכן מײַן שרײַב-טיש מיטן קאַלענדאַר, שרײַבצײַג און טישלאָמפּ. אין אַ יום-טובֿ-טאָג, אַז סע קומט אַ גאַסט, בין איך אים דאָ מכבד מיט... לידער. דאָ איז שיין זיך צו פֿאָטאָגראַפֿירן מיט דער פּען אין דער רעכטער האַנט איבער אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר און אַ פֿאַרטראַכטער, מיטן לאַנגן פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ ווי איינער רעדט: שטיל זאָל זײַן, דער דיכטער דיכטעט.

די אויבן דערמאָנטע קאַסאַ מיקע, דאָס קליינע הײַזל דעם פּויערס, איז נישט דאָס הײַזל אַליין. ס'איז, אויסער דער קאַסאַ מאַרע, דער גאַנצער הויף זײַנער, די שטאַלן, די אַמבאַרן, די סטויגן און אויסערן הויף, די לאַנקע און דאָס פֿעלד, דער וואַלד און דער טײַך, זײַנע חדשים און טעג, זײַן גאַנץ לעבן. דעם דיכטערס האַרץ איז אויך אַזאַ קאַסאַ מיקע, אַ מין פֿאַרטאַטיווע שעפֿערישע לאַבאַראַטאָריע, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן דעם הויף, די גאַס, דאָס לאַנד, די וועלט מיט אַלע אירע העלדן און מאַריאָנעטקעס, נסתּרים, בויער און מערדער, ליבעס און אַמבעס. ווי אַ פֿאַנטאַן זעצט אַרויף אַ שלל מיט איבערלעבונגען און וויזיעס צום דיכטערישן מח, וואָס הערט נישט אויף צו שפּינען און וועבן זײַן דיכטעריש ווערק. דער דיכטער באַנוגט זיך נישט, פֿאַרשטייט זיך, מיט דער אַזוי גערופֿענער "גאָטס מתּנה", מיט דער נאַטירלעכער באַגאַבונג, ער נעמט אויך צו הילף, אין דער מאָס, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, קולטור און וויסן, געשמאַק און איבערקלײַבערישקייט און דאָס געפֿיל פֿון אחריות לגבי דער צײַט, אין וועלכער ער לעבט און לגבי דעם לייענער, פֿאַר וועלכן ער שרײַבט. דער דיכטער אויב ער איז עס, סטאַרעט זיך קודם כּל נישט קאַליע מאַכן, נישט פֿאַרדאַרבן אין זיך דעם לייענער, וואָס איז עלטער פֿון אים מיט עטלעכע יאָר, כאָטש וועגן עכטן פּאָעט זאָגט מען "אַ געבוירענער פּאָעט".

מע האָט מיך אַ מאָל געשמיסן פֿאַר מײַן אַרויסזאָגן זיך, אַז דער דיכטער מוז נישט פֿריער וויסן, וואָס ער גייט דיכטן. געמיינט האָב איך דערמיט צו זאָגן, אַז אויב רעדן צום לייענער, וואָס ווייסט דאָך ביזן לייענען נאָך גאָרנישט, ווי צו זיך אַליין, צו דעם מחבר, וואָס ווייסט פֿון פֿריער אַלץ, וועט ער זיך מיטן לייענער נישט פֿאַרשטענדיקן. פֿאַרקערט

מע מוז רעדן צו זיך ווי צום לייענער, בלויז דעמלט קען זיך באַקומען דיכטערישע אַנטפּלעקונג, וואָס וועט זיך איבערחזרן, וויפֿל מאָל דו וועסט דאָס ווערק לייענען. אויב מײַן שמײַסער האָט מיך דעמלט נישט פֿאַר־שטאַנען, בין איך עובֿר געווען אויף מײַן אייגענעם כּלל. אפֿשר וועט ער מיך איצטער בעסער פֿאַרשטיין.

אַ הויז, למשל, ווערט געבויט פֿון בוי־מאַטעריאַל — ציגל קלעצער, ברעטער, שויבן און אַנד. סע ווערט געבויט לויט אַ פּלאַן, וואָס איז פֿון פֿריער געצייכנט אין ליניעס אויף פּאַפּיר. דער בוי־מאַטעריאַל פֿאַר אַ ליטעראַריש ווערק איז די שפּראַך, דער וואָרט־אוצר. קיין פּלאַן אין ליניעס וועסטו פֿאַר דעם נישט צייכענען און אַ פּלאַן אין ווערטער וועט זיך שטעלן ווי אַ וואַנט צווישן דעם דיכטער און די ווערטער פֿון ווערק גופֿא. איך פּערזענלעך בין נישט בכּח צו געבן דאָס וואָרט אי דעם פּלאַן אי דעם ליד, נעם איך מיך גלײַך צום לעצטן. דערפֿאַר אפֿשר באַקומען זיך בײַ מיר פֿאַרשידנפּלאַניקע וואַריאַנטן פֿון איין און זעלבן מאָטיוו. פֿאַרשידנפּלאַניק, מיין איך — פֿאַרשידן געבויט און נישט פֿאַרשידן פֿאַרטראַכט.

דער דיכטער געפֿינט זיך אין אַ שטענדיקער עקספּעדיציע פֿון זוכן די פּאַסיקסטע ווערטער און די פּאַסיקסטע ערטער פֿאַר די ווערטער אין ליד, וואָס זאָלן שטימען, למשל, נישט בלויז מיט דער אויסערלעכער האַרמאָניע פֿון פֿאַרבן און ריטמען, נאָר דער עיקר, מיטן פּולס פֿון לעבן, וועלכן מע טאָר נישט אַויסמײַדן, אויב מע וויל נישט שאַפֿן קיין טויטע פֿערזן. כּמעט בײַ יעדן פּאָעט זענען פֿאַראַן לידער, אין וועלכע ער זאָגט אויס פֿונעם חדר, אין וועלכע ער דערציילט דעם סוד פֿון זײַן שרײַבן. לאָמיר ענדיקן מיט מײַנעם אַזאַ ליד:

מײַן הויז איז פֿול מיט קולות פֿון די קינדער,
וואָס קאָנען זיך אין זייער שפּיל נישט שטילן.
מײַן הויז איז ליידיק און איז אויסגעפּלינדערט
פֿון אַלע מײַנע נעכטיקע געפֿילן.

איך הער דעם רויש מיט צאָרן און מיט ווייטיק,
די שטילקייט קומט ערשט, ווען די קינדער שלאָפֿן,
די שטילקייט קומט, איך פֿיל ווי זי איז ליידיק
און בילדעט בלויז אַ וואַקום אין די סטראָפֿן.

אומזיסט זיך ווי מיט שטערונגען געשלאָגן
מיט יעדן זונג און שפּרונג פֿון קידער־ווידער,
די שטילקייט האָט נישט גאָרנישט וואָס צו זאָגן,
פֿון קידער־ווידער בויען זיך די לידער.

שלמה רויטמאַן, סאָנעטן

אין דער ייִדישער דיכטונג איז דער סאָנעט אַן אַלטער תּושבֿ. סאָנעטן פֿאַר און נאָך דוד קעניגסבערגן. מיט סאָנעטן האָט דעביוטירט דער יונגער טשערנאָוויצער דיכטער מ. פֿריד (פֿריד וויַינינגער) און זיַין ערשטלינג איז אַ קראַנץ סאָנעטן א.נ. נאַרציסן מיט מאַנגערס אַן אַריַינפֿיר-וואָרט. מאַנגער אַליין אין זיַין ערשטן אַרויספֿאָר, אין זיַין "שטערן אויפֿן דאַך", קומט מיט אַ צאָל סאָנעטן ווי: "דער פֿרעמדער", "דער מאָנאַך", "דער זינדיקער", "דער פּאַטריאַרך" און אַנדערע. מיר טרעפֿן זיי אין אַלע זיַינע זאַמלונגען ביז און נאָך זיַינע דריַיסיק סאָנעטן פֿאַר זיַין ברודער נטען אין צוויי באַזונדערע סאָנעטן-קרענץ, כאָטש ס׳קאָן זיך דאַכטן, אַז דער סאָנעט איז דווקא די עפּילאָגישע פֿאָרם פֿון אַ דורכגעמאַכטן דיכטערישן וועג. ה. לייוויק האָט שוין אין זיַין וואונדיקן גאַנג אויפֿן וויַיסן סיבירער שניי ניט אויסגעמיטן דעם שטרענגן סאָנעט, כּדי זיך ניט צו פֿאַרלירן אין וויַיסן תּוהו ובֿוהו.

אין שלמה רויטמאַנס ערשטן לידערבוך אין ישׂראל "דער לץ און דער ריטער" (ת״א 1975) טרעפֿן מיר סאָנעטן פֿון די ערשטע פֿערציקער יאָרן. "סאָנעטן פֿון פֿרוכטיקער ליבע" און אין זיַין צווייטער זאַמלונג "מיַין ישׂראלדיק שופֿרל" לייענען מיר שוין ביַי אים "סאָנעטן צו ישׂראל" און דעם סאָנעטן-קראַנץ "אַ מאַראַנצן-סאַד אין הרצליה", אין וועלכע סע קומט צום אויסדרוק די פֿולע הדרדיקע ריַיפֿקייט פֿון דיכטער.

אין זיַין איצטיקן דריטן לידערבוך אין ישׂראל האָט דער דיכטער צונויפֿגענומען זיַין גאַנץ סאָנעטן-פֿאַרמעגן ביז היַינט, אַ פֿאַר הונדערט אין צאָל. אַ גראַווירטער און פֿולער בעכער פֿאַר די ליבהאָבער פֿון לויטערן ליד:

> אַלץ וואָס קאָן ווערן אַלט, נאָר חוץ דעם ויַין,
> אַלץ וואָס קאָן ווערן גרוי, חוץ דעמערשיַין,
> און אַלץ וואָס פּיַיניקט ווילד, חוץ ליבע-פּיַין
> פֿאַרווערט איז זיי אין ליד אַ תּושבֿ זיַין.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַלע נעמען פֿון די סאָנעטן-ציקלען און אויפֿציטירן אַ גאַנץ שנירל פּערל פֿון זיי, איך וועל אָבער זיַין אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט און ניט וויסן וועלכע ניט צו ציטירן און אַלע קאָן מען דאָך ניט ציטירן, לאָז איך עס איבער פֿאַר דער העכסטער אינסטאַנץ, פֿאַרן לייענער, ער זאָל איבערנעמען דאָס וואָרט ביַי די פֿאַר וואָרטזאָגער אונדזערע און לייענען דאָס גאַנצע בוך סאָנעטן.

("ירושלימער אַלמאַנאַך", 10, 1978)

װעגן קלמן סעגאַלס ״װוּ שמעטערלינגען שװעבן״

די טעג האָב איך צום צװײטן מאָל איבערגעלײענט קלמן סעגאַלס בוך דערצײלונגען ״װוּ שמעטערלינגען שװעבן״ מיט דער זעלבער ערשטיקער הנאה. בײַם ערשטן מאָל לײענען פֿאַראַיאָרן, האָב איך נישט געװאָלט זיך איבערשלאָגן מיט מאַכן נאָטיצן. כ׳האָב פּשוט נישט געקענט אָפּרײַסן זיך פֿון בוך. אױך איצט דאָס צװײטע מאָל איז מיר דאָס נישט גרינג אָנגעקומען, כאָטש כ׳האָב דאָך, װי יענער אַרענדאַר אין פֿאָלקסמעשׂהלע, געמעגט געדענקען פֿון דער פֿאַראַיאָריקער פּרשה אין חומש, אַז די ברידער האָבן פֿאַרקױפֿט יוספֿן קײן מצרים, איז װאָס זשע, הײסט עס, קריכט ער הײַנטיקס יאָר װידער?... יעדער פֿרומער ייִד װײסט פֿון זײַן יאָרנלאַנגן לערנען תּורה, אַז יוסף איז געװאָרן אַ שני למלך און אױסגעלײזט סײַ די מיצרים סײַ זײַנע ברידער פֿון הונגער, דאָך, װען ער קומט אױף ס׳נײַ צו צו מכירת יוסף, לעבט ער אױף ס׳נײַ איבער און ציטערט פֿאַר יוספֿס גורל. דאָס איז דער כּח פֿון דער פּאָעזיע אינעם סיפּור המעשׂה, דאָס איז דער כּח פֿון גרױסער פּראָזע אױך אין קורצע דערצײלונגען. װאָלט די הײַנטיקע ייִדישע יוגנט געלײענט ייִדיש, װאָלט קלמן סעגאַל מיט זײַנע אָריגינעל-ייִדישע דערצײלונגען געװען דער סאַמע געלײענטסטער שרײַבער בײַ אונדז.

קײן פֿרײלעכע מעשׂות זענען בײַ סעגאַלן נישטאָ. מלך ראַװיטש האָט אין דער יוגנט אַרױסגעגעבן אַ בוך ״נאַקעטע לידער״. סעגאַלס ביכער װאָלט מען געקענט אָנרופֿן ״נאַקעטע דערצײלונגען״. אַגבֿ, האָט קלמן סעגאַל צװישן זײַנע צװײ ביכער דערצײלונגען אַרױסגעגעבענע אין ישׂראל — ״אַלײנקײט״ אין 1977 און ״װוּ שמעטערלינגען שװעבן״ אין 1981 אַרױסגעגעבן אין 1979 אַ לידערביכל ״געזעגענונג״, װאָס איז נישט װײניקער פֿאַרכאַפּנדיק. סײַ די ערשטע לידער פֿון דאָזיקן ביכל, סײַ די ערשטע דערצײלונגען פֿון די אױבן דערמאָנטע צװײ פּראָזע-ביכלעך זענען גע-װידמעט זײַן אַלטער ייִדישער הײם אין גאַליציע און דורכגעזאַפּט מיט דער שײנקײט פֿון גאַליצישער ייִדישקײט.

אין זײַן לעצטן ביכל זענען פֿאַראַן בײַ סעגאַלן דערצײלונגען װעגן סאָװעטישן גן עדן און דערצײלונגען װעגן היטלעריסטישן גיהנום און, רבונו של עולם! סאַראַ ענלעכקײט צװישן גן-עדן און גיהנום, װי זײ װאָלטן געװען אַ צװילינג. צי זענען עס צװײ אין אײן קאַמער פֿון אַ סאָװעטישער תּפֿיסה, װאָס אײנער פֿון זײ איז שױן פֿאַרמישפּט צום טױט און גלײבט נאָך אַלץ אין דער פּאַרטײ און אין סטאַלינען, װעלכער װײסט נעבעך נישט, װאָס מע טוט אָפּ אָן זײַן װיסן בּלומרשט; צי זענען עס צװײ אױף אײן פּריטשע אין אַ דײַטשן לאַגער. אײנער פֿון זײ, דער געװעזענער סוחר פֿון דעמבענע טרונעס, האַלט בײַם אױסהױכן זײַן נשמה און װעט צו קײן שום טרונע נישט זוכה זײַן. זײַן שכן אױף דער פּריטשע פּאַרדעקט דעם

טויטן ווי אַ שלאָפֿנדיקן, כּדי צו באַקומען זײַן פּאַרציע ברויט. — איר פֿאַרשטייט נישט, ענדיקט זיך די דערציילונג, ווי אַזוי איך האָב געקענט ליגן אויף איין פּריטשע מיט אַ מת, פֿילן זײַן ריח און עסן זײַן ברויט? און אַלע אַנדערע זאַכן האָט איר שוין יאָ פֿאַרשטאַנען? ביידע באַזונדערע דערציילונגען זענען ווי צוויי קאַפּיטלעך פֿון איינער.

קלמן סעגאַל איז שוין געווען שווער קראַנק, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די זשורי פֿון הורוויץ-פֿאָנד האָט אים צוגעטיילט די סובווענץ אַרויסצוגעבן זײַנס אַ בוך דערציילונגען. דערויף האָט ער געענטפֿערט: צו שפּעט. ווער ווייסט צי כ׳וועל נאָך דערלעבן עס צו זען אָפּגעדרוקט. און טרעפֿן מיר אין איינער פֿון זײַנע לעצטע דערציילונגען אַזעלכע שורות: ״געבענטשט איז אַלץ, וואָס אָטעמט, אַלץ וואָס לאַכט און אַלץ, וואָס איז שיין. געבענטשט איז אַלץ, וואָס איז גוט און וואָס איז זיס, געבענטשט איז דער הימל און די ערד, די בערג און די וועלדער, דאָס ברויט און די מילך, די פּרוי אין איר געלעכטער, געבענטשט איז דער מענטשלעכער קערפּער, געבענטשט זענען די אָדערן, דורך וועלכע עס שטראָמט אונדזער לעבן, געבענטשט איז דער מענטש דער בשׂר ודם. געבענטשט איז אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן״. דאָס זענען שורות פֿון איינעם, וואָס האָט געוווסט, אַז זײַנע טעג און אפֿשר שעהען זענען געציילטע.

(״ירושלימער אַלמאַנאַך״, 14, 1982)

וועגן בוך ״בריַינדעלעס קינדעריאָרן״ פֿון רבֿקה רוס

נישט פֿאַראַן, דאַכט זיך, קיין אומה ולשון, וואָס זאָל נישט האָבן קיין קינדער-ליטעראַטור, קיין ליטעראַטור פֿאַר קינדער אָדער וועגן קינדער צי טאָקע ביידע צוזאַמען. נישט יעדע ליטעראַטור אָבער פֿאַרמאָגט אַזאַ מוסטער ווי ס׳איז שלום עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס. די גרויסקייט שלום עליכמס הייבט זיך טאָקע אָן מיט אַ קינדער-מעשׂהלע ״דאָס מעסערל״ און ער איז עד היום דער טאָן-געבער פֿון דער יידישער קינדער-ליטעראַטור. אַפֿילו אַזאַ מײַסטער ווי ס׳איז דוד בערגעלסאָן, ווען ער האָט געשריבן ״פּיַיוולס מעשׂות״ און אויך שפּעטער זײַן גרויס צוויבענדיק ווערק ״ביַים דניעפּער״ מיטן ייִנגל פּענעק, דעם הויפּט-העלד, איז אים הינטער די פּלייצעס געשטאַנען מאָטל פּייסי דעם חזנס. איציק קיפּניס, ווי מאָטלס אַ בן דור, האָט ווי אַרויסגעשפּאַנט מיט זײַנע קינדער-מעשׂות פֿון שלום עליכמס אַ ביכל. ווען באַשעוויס-זינגער דערציילט זיַינעם אַ מעמואַר, ווי ער רופֿט דאָס, אַ מעמואַר פֿון די קינדעריאָרן, מיטן נאָמען ״די סודות פֿון

דער קבלה״, אין וועלכן די פֿאַנטאַזיעס פֿון צוויי ייִדישע ייִנגלעך צעשפּילן זיך, פֿילט מען אינעם דערציילן, אַז דער דערציילער באַשעוויס קוקט צו שלום עליכמען.

ווען איך האָב מיט אַ זעקס-זיבן יאָר צוריק געלייענט אין ״די גאָלדענע קייט״ צוויי קורצע זאַכן פֿון רבֿקה רוס אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען ״קינדער-יאָרן״, האָב איך גלייך געפֿילט אַז דאָס זענען צוויי פֿראַגמענטן פֿון אַ גרעסער ווערק. און אַט איז טאַקע דאָס ווערק אַרויס. דער דערציילער, דער העלד, איז דאָס מאָל אַ דערציילערין, אַ העלדין און הייסט נישט, פֿאַרשטייט זיך, נישט מאָטל צי פּיניול, נאָר בריינדעלע און זי איז טאַקע אַן אמתע בריינדל קאָזאַק. מיט דער זעלבער קינדערשער תּמימות ווי מאָטל פֿרעגט זיך נאָך, וואָס איז אַזוינס אַ פּאָגראָם און אַז מע ענטפֿערט אים — מע זעצט אויס שויבן, מע רייסט אויף קישנס, אַז די פֿעדערן פֿליען איבער די גאַסן, מע שלאָגט ייִדן, מע רייסט זייערע בערד, פֿרעגט מאָטל צוליב וואָס? — וואָס הייסט צוליב וואָס, ס׳איז דאָך אַ פּאָגראָם; מיט דער זעלבער תּמימות פֿרעגט בריינדעלע, ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן — וואָס איז אַזוינס קריג? ענטפֿערט מען איר: קריג הייסט, אַז אַלע טאַטעס ווערן זעלנער. מײַן טאַטע, דײַן טאַטע און אַלע טאַטעס. און וואָס טוען אַלע טאַטעס אַז זיי ווערן זעלנער? — זעלנער שיסן און צינדן אונטער הײַזער, ענטפֿערט מען איר. איך קאָן מיר נישט פֿאַרשטעלן, אַז מײַן טאַטע זאָל קומען און פֿאַרברענען אונדזער שטוב. — ביסט אַ נאַר, אַז מע וועט אים הייסן, וועט ער פֿאַרברענען. שפּאַר איך זיך, זאָגט מען מיר, אַז אַהער וועט מען שיקן אַנדערע זעלנער צו פֿאַרברענען די הײַזער און אונדזערע וועט מען שיקן אונטערצינדן אַנדערע הײַזער. דאָס, זאָגט בריינדעלע, האָט זיך מיר שוין מער געלייגט אויפֿן שׂכל.

נישט מאָטלען בײַ שלום עליכמען און נישט בריינדעלען בײַ רבֿקה רוס לייגט זיך שטענדיק אויפֿן שׂכל די שפּראַך פֿון די דערוואַקסענע, וואָס זיי, די קינדער נעמען אויף וואָרט-ווערטלעך. דער פֿעטער יאָקל, זאָגט די באָבע, ציילט צו זײַן ווײַב די גרויפּן אין טאָפּ. קען איך עפּעס נישט פֿאַרשטיין, טראַכט זיך בריינדעלע, ווי אַזוי מע קען ציילן גרויפּן אין טאָפּ. אָדער: אַלע טאַטעס זענען שוין אַהיימגעפֿאָרן פֿונעם פֿראָנט, נאָר מײַן טאַטע נאָך נישט. זאָגט מײַן באָבע, עס מוז דאָך בלײַבן דער לעצטער צו פֿאַרשליסן די טיר. ווייס איך נישט, טראַכט ווידער בריינדעלע, צי דער פֿראָנט האָט אַ טיר. אַלע וואָגלענישן און וואַנדערונגען און דאָס וואַלגערן זיך פֿון דער משפּחה אין דער פֿרעמד נעמט בריינדעלע אָפּ אויף ווי מאָטל, ווען ס׳איז גוט, ער איז אַ יתום. יום כּיפּור — דער יום הדין בײַ ייִדן. מע דאַווענט און מע פֿאַסט און די קליינע עסן חלה מיט כּפּרה-עוף.

רבֿקה רוס איז אַ באַקאַנטע און געלייענטע ייִדישע שרײַבערין, אייניקע פֿון אירע ראָמאַנען זענען געדרוקט געוואָרן אין המשכים אין דער טאָג-

פּרעסע איידער זיי זענען אַרויס אין בוך-פֿאָרם. איר איצטיק בוך "ברייַנדע-לעס קינדער-יאָרן" איז אַ שריט פֿאָרויס אין איר שאַפֿונג, איז טאַקע אַ גרויס-גרויסער שאָד, וואָס גראָד, ווען זי איז אַרויף אויפֿן וועג פֿון קינדער-ליטעראַטור, איז איר לעבן איבערגעריסן געוואָרן.

("ירושלימער אַלמאַנאַך", 15, 1984)

טיי מיט סמאַראָדינאַ

ער איז געזעסן פֿאַר אַ מאָרד אָבער נישט סתּם אַ מאָרד. ער איז געווען אַן אָפֿיציר אין דער סאָוויעטישער אַרמיי מיט מעדאַלן און אָרדנס פֿאַר געוואַגטקייט און העלדישקייטן אין דער מלחמה קעגן דייַטש. איין מאָל האָט ער אין דער סאָוויעטישער זאָנע פֿון דער אָקופּירטער דייַטשער טעריטאָריע געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל — ס'איז שוין געווען עטלעכע חדשים נאָכן קריג — און געהרגעט "אַ ביסעלע", ווי ער האָט זיך אויס-געדריקט, אַ דייַטש און אויף צען יאָר פֿאַרלוירן די פֿרייַהייט און אויך דעם אָפֿיצירן-טשין מיט אַלע אויסצייכענונגען און איז געשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער, וווּ ס'האָט זיך דעמלט געפֿינען אַ מערהייט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אַ גראַמאָטנע מענטש און אַ פֿעיִקער, האָט ער זיך גיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע און איז באַלד געוואָרן דער עלטערער בוכ-האַלטער פֿון דער צעכן-זאָנע.

די ייִדן פֿון לאַגער האָבן מיר געזאָגט און געוואָרנט, אַז ער איז אַ גרויסער אַנטיסעמיט און אויף אַנטיסעמיטן זענען ייִדן גרויסע מבֿינים, אַזוי, אַז ווען איך בין אָנגעקומען צון אים אַרבעטן, האָב איך זיך געזעצט אין אַ ווינקל און געאַרבעט מיט שרעק.

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז וואָס ס'שייך מיר, איז מייַן שרעק געווען אַן אומזיסטע. פּאַראַלעל מיט זייַן שיטן פֿייַער אויף ייִדן בכלל, האָט ער זיך צו מיר באַצויגן גוט און אַפֿילו מיט זאָרג, וואָס מיר איז עס געווען נישט אָנגענעם. נאָך מער, ער פֿלעגט אָפֿט אויסגיסן דאָס האַרץ פֿאַר מיר. ווי פֿאַר אַ נאָענטן פֿרייַנד, זיך קלאָגן אויף זייַן יונגער פֿרוי פֿון דער היים, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, נאָר ער האָט אין איר נישט קיין אמונה. צי וועט זי אויף אים וואַרטן אַזוי לאַנג ? איבער פֿיר יאָר אויפֿן פֿראָנט און דאָ נאָך צען יאָר לאַגער. ער פֿלעגט מיר לייענען אירע בריוו ווי אויך די בריוו פֿון זייַנע עלטערן און דערבייַ פֿלעגן זייַנע ליפּן ציטערן נערוועז און די אויגן האָבן עפּעס ביטער געלאַכט איבער זיך אַליין און איבער זייַן גורל.

איין מאָל אין אַ זונטיק פֿאַרנאַכט האָט ער מיך פֿאַרבעטן אויף טיי. כ׳האָב באַקומען, זאָגט ער, פֿון דער היים וואַרעניע (איינגעמאַכטס) פֿון שוואַרצער סמאָראָדינאַ, דאָס איז די בעסטע וואַרעניע און די איינציקע, וואָס איך עס, האָט ער צוגעגעבן.

צו דער באַשטימטער ציַיט האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש און ער האָט צעגאָסן די טיי, עכטע ברוינע, פֿיַין-שמעקנדיקע טיי, כאָטש טיי פֿלעגט מען אין דער לאַגער-זאָנע נישט אַריַינלאָזן און פֿון די באַקומענע פּעקלעך זי צונעמען, באַזונדערס ערבֿ די מעדיצינישע קאָמיסיעס. אויך די וואַרעניע איז מיר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, שוין לאַנג-לאַנג אַזוינס נישט טועם געווען. נאָר אין מיטן קוויקן זיך, האָט זיך מיַין גאַסט-געבער פֿאַרגלוסט אויסצוגיסן דאָס האַרץ זיַינס אויף די ייִדן. דאָס מאָל גליַיך פֿאַר מיר. כ׳האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש און אים געפֿרעגט:

— צי ווייסטו דען נישט, אַז איך בין אַ ייִד?

— קודם כּל, זאָגט ער מיר, זעץ זיך צוריק אַוועק, צווייטנס, זאָג מיר, כ׳בעט דיך זייער און זייער, פֿאַר וואָס איז אין רוסלאַנד די גאַנצע מאַכט אין ייִדישע הענט?

— אמת, האָב איך אים צוליב געטאָן, די גאַנצע מאַכט איז אין ייִדישע הענט, דאַרף עס דאָך מיך פֿרייען, אָבער פֿאַר וואָס, זאָג מיר דו, זענען אַלע ייִדן אין איַיערע, אין רוסישע הענט, האָב איך אויסגעשריגן און אַראָפּגעלאָזט דאָס הייסע גלאָז טיי פֿון די הענט אויפֿן דיל.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און מער קיין וואָרט ביַים טיש נישט אַרויס-גערעדט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען מע האָט, צווישן ניַיע אַרעסטאַנטן, געבראַכט אויך איינעם אַ ייִדן, דעם געוועזענעם מיליטערישן ריכטער, וואָס האָט מיַין עלטערן בוכהאַלטער בשעתו פֿאַרמשפּט אויף צען יאָר פֿאַר הרגענען אַ דיַיטש, איז ער צון אים צוגעגאַנגען און אים געזאָגט:

— אויב איך דריי דיר אַצינד נישט אָפּ דעם קאָפּ, איז עס נישט דערפֿאַר, וויַיל איך האָב מורא פֿאַר ניַיע צען יאָר, ניין, זאָג אַ דאַנק אָט דעם-אַ ייִדן, האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר.

— איר זענט אַן אַלט, קלוג און נישט אַזאַ גליקלעך פֿאָלק, האָט ער צוגעגעבן.

ביַי טיי מיט סמאָראָדינע פֿלעגן מיר אָפֿט שוין זיצן אין דריַיען.

פֿון מײַן נאָטיץ-ביכל

1. קאָמוניסטישע געפֿאַר

דער אויסדרוק "קאָמוניסטישע געפֿאַר" איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פֿאַר דעם 28סטן יוני 1940, ווען די רויטע אַרמיי פֿון סאָוועט-רוסלאַנד איז אַרײַן קיין באַסאַראַביע און קיין צפֿון-בוקאָווינע און אונדז געמאַכט פֿאַר סאָוועטישע בירגער אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן דאָרט אַ דאַנק דער אַזוי גערופֿענער "רעוויזיוּרעאַ" (רעוויזיע) פֿאַרלוירן די רומענישע בירגערשאַפֿט. כ'האָב געוווּסט די טײַטש פֿון וואָרט קאָמוניזם און די טײַטש פֿון וואָרט געפֿאַר און פֿון ביידע ווערטער צוזאַמען, נאָר אין וואָס די געפֿאַר באַשטייט האָב איך נישט געוווּסט, טראָץ דעם, וואָס איך האָב געזען דעם מיליציאָנער מיט דער גרויסער לאַטע אויף זײַן העמד אין צענטער פֿון טשערנאָוויץ, בשעתן רעגולירן די באַוועגונג; טראָץ דעם, וואָס כ'האָב מיטגעמאַכט אַלע צרות, אַלע נויטן און אַלע אַטשערעדן, אַלע גזירות און אַלע שרעקן, אַלע ליגנס און אַלע מיספֿאַר-שטייענישן, וועלכע זענען אייגן דעם רעזשים. אויך דעמלט, ווען איך בין געוואָרן מיט געוואַלד אָפּגעריסן פֿון מײַן משפּחה, אומשולדיק אַרעסטירט און פֿאַרשיקט אויף שווערער אַרבעט אין אַל די רוחות אויף "איבערדער-ציִונג", אויך דעמלט האָב איך נאָך אַלץ אַרומגעזוכט אין וואָס די קאָמו-ניסטישע געפֿאַר באַשטייט, ביז איינעם אַ טאָג, ס'איז געווען אין באַזונדערן לאַגערפּונקט נומער זעקס אין "אונזשלאַג" פֿון סוכאָבעזוואָדנאָיע אין גאָרקעווער געגנט, מ'האָט גראָד געזײַערט קרויט פֿאַרן לאַגערפּונקט און נאָך פֿאַר עטלעכע לאַגערפּונקטן פֿונעם אויבן דערמאָנטן "אונזשלאַג". אַ באַזונדערע בריגאַדע האָט גערייניקט די קעפּלעך קרויט פֿון די איי-בערשטע שמוציקע בלעטער און איך האָב די הויפֿנס באַזײַטיקטע בלעטער געדאַרפֿט מיטן פֿערד-און-וואָגן, מיט וועלכן כ'האָב דעמלט געאַרבעט, אַרויספֿירן פֿון לאַגער-שטח אַ קילאָמעטער די ווײַט און זיי דאָרט אויס-לאָדן אין אַ ספּעציעלער "סוואַלקע". אַרויספֿאָרנדיק פֿון טויער מיטן ערשטן וואָגן, זענען מיך די ווײַבער פֿון די לאַגער-אויפֿזעער באַפֿאַלן מיט תּחנונים, איך זאָל צו זיי, אין זייערע הויפֿן, פֿאַרפֿירן די משׂא. ס'איז, זאָגן זיי, אי נענטער, אי זיי וועלן אָנשטאָט מיר אויסלאָדן די בלעטער, וועלכע זיי דאַרפֿן פֿאַר זייערע בהמות צו האָדעווען. אייניקע האָבן מיר אַפֿילו אָפּ-געצאָלט מיט אַ שטיקל פּוטער, אַ שטיק קעז, אַ גלאָז און אַ מאָל אויך אַ קריגל מילך און איך האָב אויך געקענט עפּעס-וואָס דערנאָך ברענגען אין לאַגער אַרײַן פֿאַר אַ חבֿרס וועגן. איז אַט זיץ איך איין מאָל אין הויז פֿון אַן אויפֿזעער בײַ אַ גלאָז מילך און די באַלעבאָסטע זעט ווי איך קוק אויף איר ניקלנע בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דער איין-צימערדיקער

דירה און געמיינט האָט זי, איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, אַז איך קוק מיט קנאה, האָט זי באַשלאָסן מיך צו טרייסטן און מיר געזאָגט: „בײַם קאָמוניזם וועלן אַלע שלאָפֿן אין ניקלנע בעטן” און דאָ האָב איך דערזען די געזוכטע געפֿאַר. די השגות פֿון די מענטשן, וועלכע גייען אויסלייזן די וועלט. צוליב דעם שולט מען אויס אַן אַרמיי, מע באַוואָפֿנט זי מיט אַטאָם-באָמבעס, כּדי, ווי געזאָגט, אויסצולייזן די וועלט און די לעבנגעבליבענע נאָך „דער לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט” צו באַלייגן אין ניקלנע בעטן?

2. יעקבֿ צאַלעמטשוק, דוד אויסטראַך און דער טרעגער

און נאָך אַ קורצע מעשׂה פֿון לאַגער, ריכטיקער, אַ קורצער עפּיזאָד. מיר זענען אין אַ ווינטערדיקן אויפֿדערנאַכט געלעגן אויף די צווייגאָרנדיקע געלעגערס, די אויוונס אין די באַראַקן אין סאַמע מיטן וואַלד זענען געווען גוט אויסגעהייצט, דאָס עלעקטרישע ליכט האָט געברענט — די לאַגערניקעס קענען עס אַליין נישט אויסלעשן. עמעצער, אַ נישט געזעענער, צינדט עס אַן פֿאַר נאַכט און לעשט עס אויס אין דער פֿרי, — דער ראַדיאָ-טעלער איז געווען אָנגעשלאָסן — די לאַגערניקעס קענען אים אַליין נישט אויסשליסן, זיי מוזן שלאָפֿן מיטן ליכט און מיט ראַדיאָ. מע האָט גראָד איבערגעגעבן אַ פֿידל-קאָנצערט פֿון דוד אויסטראַך און יעקבֿ צאַלעמטשוק, אַ ווײַסרוסישער ייִד, וואָס האָט די לעצטע יאָרן ביזן אַרעסט געלעבט אין מאָסקווע, גייט אַרום צווישן די בעטלעך און מאַכט אַלעמען אויפֿמערקזאַם, אַז ס'איז אַ קאָנצערט פֿון דוד אויסטראַכן און אַז דוד אויסטראַך איז דער בעסטער פֿידלער און איז אַ ייִד. דערווײַל איז אָנגעקומען די בריגאַדע טרעגערס שטאַרק אָנגעפּרווירענע. דאָס איז געווען אַ בריגאַדע, וואָס האָט געמוזט שטענדיק זײַן אין איינעם און שטענדיק זײַן גרייט אַרויסצוגיין אויף דער אַרבעט. האָבן געקענט שלאָפֿן 24 שעה און אַז מע האָט געדאַרפֿט — 36 שעה אָן איבעררײַס אַרבעטן. זיי זענען אַרײַן אין וואַרעמען באַראַק, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קאַלטע קליידער, אָפּגעשיקט זיי אין דער „סושילקע” (וואַרעמקאַמער צו טריקענען קליידער און וואַליקעס) און זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין די געלעגערס און דאָ שטייט צו אונדזער צאַלעמטשוק צו איינעם פֿון די טרעגערס: דו הערסט דעם פֿידל-קאָנצערט? דאָס שפּילט דוד אויסטראַך און דוד אויסטראַך, דער בעסטער פֿידל-שפּילער, איז אַ ייִד.

גוט איז אים צו שפּילן אין אַ וואַרעמען זאַל ערגעץ-ווו און נישט אין קאַלטן וואַלד, האָט געענטפֿערט דער טרעגער און אַנטשלאָפֿן געוואָרן ווי אונדזער האַרש-בער דער קוילנטרעגער.

3. דער שאַך־שפּילער

צווישן די קאַרגע 2000 אַרעסטאַנטן פֿון 6טן באַזונדערן לאַגערפּונקט זענען געווען איבער 50 ייִדן און צווישן די 40 שאַך־שפּילער זענען געווען 8 ייִדן און יעקבֿ צאַלעמטשוק האָט געהאַלטן, אַז צווישן די ייִדישע שאַכ־מאַטיסטן פֿון 6טן באַזונדערן לאַגערפּונקט אין סוכאָבעזוואָדנאָיע איז ער דער בעסטער שפּילער, דער טשעמפּיאָן. מיך האָט ממש געווילט ווי קונציק ער האָט אויסגעבויט אַ ראַם פֿאַר זײַן ערשטיקייט. — בעסטער שאַכמאַטיסט פֿון די ייִדישע שאַכמאַטיסטן אין זעקסטן באַזונדערן לאַגערפּונקט. מיט מײַן נייגונג צו חקירהן האָב איך זיך געפֿרעגט, צי זענען מיר נישט אויס אַזוי מיט די וועלטמײַסטערס, ווען מע טראַכט וועגן אוניווערס און זיך באַלד געטרייסט, אַז שאַך שפּילט מען נאָר אויף אונדזער ערד־קײַלער. איר וואָלט באַדאַרפֿט זען אונדזער קליינוווּקסיקן צאַלעמטשוקן, ווי ער שטראַלט, ווען ער געווינט אַ פּאַרטיע. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן אַ שטיקל צײַט, ביז ס'איז געקומען אַן אַדעסער ייִד אין די מיטעלע יאָרן און אַלעמען צעלייגט, ווי מע זאָגט, אויף די לאָפּאַטקעס. ער האָט בײַ אַלעמען גרינג געוווּנען סײַ באַזונדער און סײַ אויף סעאַנסן, ווען ער האָט איינצײַטיק געשפּילט מיט אַלע פֿערציק שפּילערס. ער האָט בײַ אַלע אָן אויסנאָם געוווּנען. איך האָב זיך געסטאַרעט, וואָס ווייניקער מיט אים צו שפּילן און וואָס מער בײַצוזײַן, ווען ער שפּילט מיט אַנדערע, בעסערע שפּילערס פֿון מיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועל איך עפּעס לערנען פֿון זײַן שפּילן. איין מאָל, אָן אונטערגעוואָרעמטער פֿון זײַנע געווינסן, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: דו ווייסט, כ'האָב זיך איין מאָל געטראָפֿן מיט באָטווינִיקן (דער דעמלטיקער וועלט־מײַסטער) אין אַן אָפּרו־הויז (בית הבראה) און פֿון זעקס פּאַרטיעס האָב איך געוווּנען 5 און איין פּאַרטיע געענדיקט רעמי. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים נישט זייער געגלייבט און בײַ זיך געטראַכט: אָט האָסטו נאָך איין מאַניאַק. אַזוי, למשל, האָט מיר אין לאַגער אַ מאָל איינער, אַ קיִעווער ייִד, דערציילט, אַז בשעת ער האָט געדינט אין מיליטער — ער איז געווען אַ קאַפּיטאַן בײַ דער גרענעץ־וואַך אין קאַ־זאַכסטאַן אויף דער גרענעץ מיט כינע — איז איין מאָל צו זיי געקומען אַ גרופּע עקסקורסאַנטן און צווישן זיי סוועטלאַנע סטאַלינאַ אין דער באַגליי־טונג פֿון אַ העכערן אָפֿיציר פֿון דער נ.ק.וו.ד. רײַטנדיק אויף איר פֿערד, איז זי צוגעריטן ביז צו מיר, דערציילט ווײַטער דער געוועזענער קאַפּיטאַן, און אויסגלײַכנדיק זיך מיט מײַן פֿערד און אַ ביסל דערווײַטערט פֿון די אַנדערע, האָט זי פֿאַר מיר אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ: איר מיינט, איך בין גליקלעך, וואָס איך בין סטאַלינס טאָכטער, האָט זי זיך אָנגערופֿן און גלײַך זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף איר פֿאָטערס אַכזריותדיקן כאַראַקטער. דער אָפֿיציר פֿון דער נ.ק.וו.ד. האָט נישט געקענט הערן, וואָס זי רעדט און

וואָס איך הער, נאָר מיטן פֿינגער פֿון דער ווײַטנס האָט ער צו מיר געמאַכט: נו. נו. נו! און איך האָב זיך, זאָגט ער, פֿון איר דערווײַטערט. אויך איך האָב פֿון מײַן דערציילער געזוכט זיך צו דערווײַטערן, טראַכטנדיק, אַז אויב ער איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר, איז ער זיכער נישט נאָרמאַל. אַ צווייט מאָל האָט ער מיך געפּאַקט אויפֿן וועג פֿון דער סטאָלאָווקע צום באַראַק און אין דער לענג פֿון אַ הונדערט גיכע טריט האָט ער מיר באַוויזן, דאָס מאָל נישט וועגן סטאַלינס טאָכטער, נאָר וועגן סטאַלינען גופֿא, אַנצו־דערציילן אַזוי פֿיל זאַכן מיט פּרטים, גלײַך ער וווינט אין קרעמל מיט סטאַלינען אין איין צימער. מיך האָט באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס פֿאַר הווילער שרעק דאָס אויסצוהערן. איך האָב אים אָנגעהויבן אָפּן אויסצו־מײַדן. אַפֿילו אַ פּאָר מאָל נישט געגאַנגען עסן אויס מורא אים צו באַגעגענען, ביז ער האָט מיך איין מאָל דאָך געפּאַקט. — איך ווייס, האָט ער געזאָגט, איר גלייבט מיר נישט. איר וועט זיך אַ מאָל איבערצײַגן, אַז יעדעס וואָרט מײַנס איז אמת.

אין 1956 אין כרושטשאָווס פֿאַרמאַכטער בריוו צום 20סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס, וואָס איז גאָר גיך געוואָרן אַן אָפֿענער און אַ רשות הרבים, איז דרײַ פֿערטל פֿון זײַן אינהאַלט נישט געווען פֿאַר מיר קיין נײַס. אויך סוועטלאַנעס בוך וועגן איר פֿאָטער האָט פֿאַר מיר נאָר אַנטפּלעקט, אַז דער קיעווער ייִד איז געווען מער ווי אַ נאָרמאַלער און אפֿשר, פֿאַרקערט, איז ער טאַקע געווען אַ נישט נאָרמאַלער, ווײַל נאָרמאַלע מענטשן האָבן נישט געוווסט דאָס וואָס ער האָט געוווסט. ״איר וועט זיך אַ מאָל איבערצײַגן, אַז מײַן יעדעס וואָרט איז אמת״. און איך זאָג הײַנט: אויב נשט נאָך העכער. דערווײַלע אָבער האַלטן מיר בײַם אַדעסער ייִדישן שאַכמאַטיסט, וועגן וועלכן, ווי געזאָגט, כ׳האָב דעמלט געטראַכט: אָט האָסטו דיר נאָך אַ מאַניאַק. נאָר אויפֿן אָרט זיך צו דערווײַטערן פֿון אים, בין איך אַרויס מיט אַ: פֿאַרוואָס זשע זענט איר נישט, נאָר באָטוויניק איז דער וועלט־מײַסטער?

— ווײַל מיר האָבן געשפּילט נישט אָפֿיציעל, ״וויניע קאָנקורסאַ״, האָט ער מיר געענטפֿערט, נישט אין קיין אָפֿיציעלן פֿאַרמעסט. עס איז געווען צווישן אונדז אַ פּריוואַטע אָדער ווי דאָס הייסט אַ חבֿרישע באַגע־געניש און דאָס רעכנט זיך נישט אַפֿילו ווען איך געווין בײַ אים נישט 5, נאָר גאַנצע דרײַסיק פּאַרטיעס. צו שפּילן אויף וועלט־מײַסטערשאַפֿט, האָט ער ממשיך געווען, דאַרף מען פֿריער געווינען בײַ צענדליקער אַנדערע, מע דאַרף קודם כּל געווינען דאָס רעכט צו שפּילן מיטן וועלט־מײַסטער אויף דער שאַך־קרוין און איך בין געווען פֿאַרנומען מיט אַנדערע... וויכטיקערע ענינים, וועלכע האָבן מיך געבראַכט אַהערצו. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אים איבערגעפֿירט אין אַן אַנדערן לאַגערפּונקט און מער האָב איך פֿון אים נישט געהערט. אויך זײַן נאָמען האָב איך, לײַדער, פֿאַרגעסן. צאַלעמטשוק איז ווידער געוואָרן דער טשעמפּיאָן פֿון די ייִדישע שאַכ־

מאַטיסטן אויפֿן זעקסטן לאַגערפּונקט פֿון ״אונזשלאַג״ אין סוכאָבעזוואָדנאָיע. צוליב דעם קיעווער ייִדן גלייב איך הײַנט אויך דעם אָדעסער און פֿאַרוואָס נישט? צי האָב איך באַווײַזן, אַז ער האָט נישט געוווּנען בײַ באָטוויניקן אין אַ נישט אָפֿיציעלער שפּיל, אין אַ חבֿרישער באַגעגעניש? אויך אין ספּאָרט-פֿאַרמעסטן זענען פֿאַראַן אָפֿיציעלע און נישט אָפֿיציעלע שפּילן, די אַזוי גערופֿענע חבֿרישע באַגעגענישן צווישן פֿוטבאָליסטן, קוישבאָליסטן און אַנדערע. צוליבן כאַראַקטער פֿון פֿאַרמעסטן זיך ווערט אויך דאָס שפּילן אין שאַך צוגערעכנט צו ספּאָרט. אייגנטלעך זענען פֿאַראַן צווייערליי פֿאַרמעסטן — קאַמף-פֿאַרמעסטן ווי, למשל, באָקס, שאַך, טעניס, פֿוטבאָל, קוישבאָל, פֿאַרשידענע געיעגן אין גיין, לויפֿן, פֿאָרן, שווימען און צענדליקער אַנדערע סײַ פֿון יחידים און סײַ פֿון קאָמאַנדעס און פֿאַראַן פֿאַרמעסטן אויף פּונקטן, אין וועלכע די אָנטיילנעמער קומען נישט אין דירעקטן קאָנטאַקט, ווי אַשטייגער גימנאַסטיק, טענץ אויפֿן אײַז, זינגען און פֿיל פֿיל אַנדערע. די שופֿטים פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע, פֿון די קאַמף-שפּילן מיט שטרענגע אויסקריסטאַליזירטע כּללים איז גרינגער צו זײַן אָביעקטיוו און אויב סע טרעפֿט זיך, אַז אַ שופֿט איז טריף, פֿאַרקויפֿט, מוז ער דאָס קענען גוט באַהאַלטן און נישט תּמיד געלינגט עס אים, אויב די דיפֿערענץ צווישן די ריוואַלן איז אַ צו בולטע. די שופֿטים פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע, פֿון די פֿאַרמעסטן אויף פּונקטן איז אַ סך שווערער צו זײַן אָביעקטיוו און זיי זענען זיך, אָפֿט אומשולדיק, טועה. די טריפֿענע צווישן זיי קענען זיך לאָזן ווילגיין און רוף מיך קנאַק-ניסל.

אויך אין ליטעראַטור, וואָס איז לגמרי נישט קיין ספּאָרט, קומען פֿאָר פֿאַרמעסטן. אמת נישט ווי אין שאַך, פּנים אל פּנים איינער קעגן צווייטן און אין דער מיט דאָס שלאַכט-פֿעלד (דאָס שאַך-ברעט). אויך קיין פּונקטן וועסטו דאָ נישט ציילן. ס׳איז אַ פֿאַרמעסט פֿון גאָר אַן אַנדערער, פֿון אַ דריטער קאַטעגאָריע.

אַ צײַטונג מיט אַ וועכנטלעכער זײַט, צי אָפּטייל פֿאַר ליטעראַטור, אָדער אַ ליטעראַרישער זשורנאַל רופֿט אויס אַ קאָנקורס אויפֿן בעסטן ליד צי דער בעסטער דערציילונג. אַ פֿאַרלאַג אָדער אַ ליטעראַטור-פֿאָנד אויפֿן נאָמען פֿון דעם אָדער יענעם נדבֿן בײַ דעם אָדער יענעם קאָמיטעט צי פֿאַראיין, בײַ דער אָדער יענער געזעלשאַפֿט אָדער אָרגאַניזאַציע פּרעמירט יערלעך דאָס אָדער יענץ בוך צי ביכער אויף דער אָדער יענער טעמע צי דעם סך הכּל פֿון דער ליטעראַרישער טעטיקייט צי ליטעראַרישע פֿאַרדינסטן פֿון דעם אָדער יענעם שרײַבער צו זײַנס אַ יובֿל, צי צו אַן אַנדער חשובֿער דאַטע. דאָ זענען, ווי שוין געזאָגט, נישט גילטיק די כּללים פֿון די שפּיל-פֿאַרמעסטן און אויך נישט דער סיסטעם פֿון פּונקטן פֿון די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס. די שופֿטים, די מיטגלידער פֿון די אַזוי גערופֿענע זשוריען האַנדלען אַ מאָל לויט אַזעלכע און אַ מאָל לויט אַנדערע קרי-

טעריעס און אַ מאָל לויט... פּערזענלעכע אינטערעסן — איך דיר און דו — מיר. און ווי זאָגט דאָס פֿאָלק אַ ווערטל: וואָס מע רײַסט נישט אָפּ מיט געוואַלד, דאָס האָט מען נישט. איין מעלה האָט די דאָזיקע דריטע קאַטעגאָריע, וואָס די ערשטע צוויי פֿאַרמאָגן נישט. נישט פֿאַראַן קיין אָפֿיציעלע און נישט-אָפֿיציעלע פֿאַרמעסטן. אַלע זענען גילטיק. אויב דיר געלינגט אָנצושרײַבן אַ גוט ווערק, וועט עס בײַ דיר קיין שום פֿאַרזיצער פֿון קיין שום פֿאָנד און קיין שום שטערן פֿון אַן אַזוי גערופֿענער זשורי נישט אָפּנעמען. פֿאַרפֿאַלן!

4. אַ מעשׂה מיט מם׳ען

אַ מעשׂה מיט אַ ייִדישער שילערין פֿון אַ רוסישער שולע. אַ שילערין, וועלכע איז געווען סײַ פֿעיִק און סײַ פֿלײַסיק. האָט נישט געוווּסט פֿון קיין שום שפּאַרגאַלקעס און נישט פֿון אַנדערע מינים שווינדלערײַען און זיך נישט באַנוצט מיט זיי נישט אין משך פֿון לערניאָר און נישט בשעת די עקזאַמענעס. אַלץ גענומען ערנסט און ערלעך געאַרבעט. האָט זיך אָבער איין מאָל געטראָפֿן אויף אַ לעקציע פֿון היסטאָריע. מע האָט אויסגערופֿן די שילערין און זי געפֿרעגט: ווען, אין וועלכן יאָר איז פֿאַרגעקומען די און די געשעעניש און זי האָט נישט געדענקט גענוי צי אין יאָר 1760 צי אין יאָר 1860. צי אין ״טיסיאַטשי סעם סאָט שעסטדעסיאַט״, צי אין ״טיסיאַטשי וואָסעם סאָט שעסטדעסיאַט״ נאָר אַזוי ווי אין רוסיש ענדיקט זיך סײַ די סעם (זיבן) און סײַ די וואָסעם (אַכט) מיט אַ מם, האָט זי געענטפֿערט — טיסיאַטשי מ׳סאָט שעסטדעסיאַט. דער לערער האָט געהערט, וואָס ער אַליין האָט געוווּסט און אַלץ איז פֿאַרבײַ בשלום. ווען זי האָט דערציילט דערנאָך אין דער היים, וואָס ס׳איז מיט איר הײַנט פֿאַרגעקומען אין שול, האָבן די עלטערן געזאָגט, אַז פֿאַרגעסן קאָן איעדער און אַז דער אײַנפֿאַל איז זיי מער געפֿעלן ווי אַ ריכטיקער ענטפֿער, נאָר זי, די שילערין, איז מיט זיך נישט געווען צופֿרידן און זיך געסטאַרעט, אַז מער זאָל זיך אַזוינס נישט איבערחזרן.

אין דאָזיקן פֿאַל האָב איך זיך דערמאָנט, ווען איך בין איין מאָל געווען אויף אַן אויפֿטריט פֿון איינעם זייער אַ חשובֿן רעדנער און אין משך פֿון זײַן רעדן האָב איך עטלעכע מאָל געהערט מם׳ען. דער עולם איז געווען אַ געקליבענער און ווי יענער לערער פֿון היסטאָריע געהערט דאָס וואָס ער האָט געוווּסט אָן דעם לעקטאָר. דער לעקטאָר אַליין האָט פּאַסמאַקע-וועט פֿון דאָזיקן מם׳ען-מעטאָד און אַפֿילו איין מאָל אויסגעדריקט זײַן גליק מיטן מעמד, וואָס ער האָט דערגרייכט. דאָס וואָרט מעמד, וואָס פֿאַרמאָגט צוויי מם׳ען האָט ער באַזונדער אונטערגעשטראָכן.

5. אַ מעשׂה מיט אַ לערער

אַ מעשׂה מיט אַ לערער פֿון פּריוואַטע לעקציעס, וועלכער האָט זיך נוהג געווען צו שטעלן צייכנס זײַנע פּריוואַטע שילערס לויטן צען-באַליקן סיסטעם. די צייכנס האָבן די שילער באַקומען בײַ זיך אין דער היים און איינער פֿון צווייטן האָט נישט געוווּסט. איינעם אַ שילער, וועלכער האָט זיך זייער געסטאַרעט צו דערגרייכן דעם העכסטן צייכן, דעם צען, און אַז ער האָט דאָס דערגרייכט, האָט אים דער לערער דאָך געשטעלט בלויז אַ גוט, אַן אַכט כּדי דער שילער זאָל זיך נישט באַרויִקן מיטן דערגרייכטן און נישט אויפֿהערן זיך ווײַטער צו סטאַרען. אַ צווייטן שילער, וועלכער איז אַפֿילו געווען ווייניקער פֿעיִק, אָבער נישט ווייניקער זיך געסטאַרעט, אויב נישט מערער, און דערגרייכט דעם אַכט, האָט אים אָבער דער לערער געשטעלט אַ צען, כּדי דער שילער זאָל זיך נישט מיאש זײַן, נישט אַ מאַך טאָן אויף זיך מיט דער האַנט, נאָר זיך ווײַטער סטאַרען אויפֿצוהאַלטן דאָס דער־גרייכטע און דאָס, האָט זיך דער לערער פֿאַר מיר באַרימט, האָט גוט געאַרבעט און געגעבן די געווונטשענע רעזולטאַטן. דאָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז דער לערער האָט באַקומען אַרבעט אין אַ שול און אַרײַנ־געקראָגן ביידע אויבן דערמאָנטע שילערס אין איין קלאַס. לויט אַלטער געוווינהייט האָט דער לערער ממשיך געווען מיט זײַן טאַקטיק און ווען איך האָב אים געזאָגט — דו באַגייסט אַן אומגערעכטיקייט, ממש אַן אומ־מאָראַלישע זאַך צו שטעלן דעם גוטן שילער אַן אויסגעצייכנט און דעם אויסגעצייכנטן אַ גוט, בשעת ביידע זענען אין זעלבן קלאַס צווישן די זעלבע מיטשילערס. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט: אויף די לעקציעס פֿון ליטעראַטור באַמי איך זיך אונטערצושטרײַכן נישט נאָר די עסטעטישע זײַט, נאָר אויך און דער עיקר די עטישע זײַט, די מאָראַל, דעם יושר, די הומאַניסטישע אידעען פֿון ליטעראַרישע ווערק און איך פֿלאַנץ דאָס אײַן אין די מוחות און אין די הערצער פֿון מײַנע שילערס און דערפֿאַר, מיין איך, וועט מיר פֿאַרגעבן ווערן די קליינינקע עוולה קעגן אויסגעצייכנטן שילער, קעגן איין און איינציקן שילער. נישט עס וועט דיר פֿאַרגעבן ווערן, האָב איך אים געזאָגט, נאָר דו אַליין ביסט דער, וואָס האָסט עס דיר פֿאַרגעבן, לויטן רוסישן פֿאָלקסווערטל — ווען איך בין שולדיק, בין איך אַלעמען... מוחל. ווער האָט דיר דערלויבט דאָס שפֿיכת דמים אפֿילו פֿון איין און איינציקן שילער? פֿאַרצייכענענדיק אַצינד אָט די זכרונות דערמאַן איך זיך ווידער אין סאָוועטישן לאַגער:

די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ווערן אין לאַגער דורך די שטייגער־אַרעסטאַנטן דורך די נישט פּאָליטישע גערופֿן "שׂונאים פֿון פֿאָלק" און זיי די אַזוי גערופֿענע "שׂונאים פֿון פֿאָלק" ענטפֿערן, רופֿן איראָניש די נישט־פּאָליטישע, די גנבֿים, רויבער, מערדער, פֿאַרגוואַלדיקער "פֿרײַנד פֿון

פֿאָלק". איינער אַ רויבער, אַ רעצידיוויסט האָט זיך אַ מאָל, געדענק איך, געקלאַפּט אין האַרצן און געשריגן — אמת, איך בין אַ רויבער, אַ גזלן, אָבער קיין שׂונא פֿון פֿאָלק בין איך נישט!

צוויי פֿאַלן

אויפֿן זעקסן באַזונדערן לאַגערפּונקט פֿון אונזשלאַג אין גאַרקעווער געגנט אין באַראַק, ווו איך האָב געהאַט מײַן בעטל, איז פּונקט אַקעגן מײַנעם געווען דאָס בעטל פֿון אַ געוויסן רוקאָווישניקאָוו. אַפּקומענדיק אַ פֿאַרדינטע שטראָף, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט — ער האָט געשאָסן זײַן פֿרוי, וועלכע האָט, לויט זײַנע רייד, אים פֿאַרראַטן און געקראָגן פֿאַר אָט דעם שאָס פֿינף יאָר, — איז אָט, אַפּקומענדיק זײַן שטראָף, איז ער, זײַענדיק אַ געוועזענער פּאָליט-קאָמיסאַר אין אַרמיי, פֿאַרבליבן אַן איבער-צײַגטער קאָמוניסט-אינטערנאַציאָנאַליסט און סאָוועטישער פּאַטריאָט. ער האָט געקאָנט אין לאַגער איטלעכן, געוווּסט, אַז דער האָט מיטגעאַרבעט מיטן דײַטש און יענער איז געווען אַ שפּיאָן און דער איז אַן אַנטיסעמיט און יענער אַ קולאַק או״וו. וועגן ייִדן פֿלעגט ער רעדן מיט האָניק, ביז... ביז ס'איז מפֿורסם געוואָרן אין ראַדיאָ דער בילבול אויף די ייִדישע דאָקטוי-רים. יענע נאַכט, נאָך דעם ווי בײַ טאָג האָט מען געלייענט די מעלדונג פֿון טאַסס, האָט ער מיך שוין ניט געלאָזט שלאָפֿן. ער האָט געוווּסט באַלד צו זאָגן, אַז אויב אין די צאַרישע צײַטן איז געלונגען דעם קינדערמערדער בייליס זיך אויסצוקויפֿן, וועט זיי איצט, די ייִדעלעך, דער נומער ניט דורכ-גיין. ניט בײַ סטאַלינען.

דאָס אַזוי אויך שווערע לעבן אין לאַגער איז פֿאַר די ייִדן בליצשנעל געוואָרן אומדערטרעגלעך. איבער נאַכט זענען אַלע ניט-ייִדישע אַרעסטאַנטן סײַ די פּאָליטישע, סײַ די גנבֿים געוואָרן מוראדיקע סאָוועטישע פּאַטריאָטן און געבילדעט איין פֿראָנט קעגן די ייִדישע אינטערנאַציאָנאַלע שפּיאָנען און די ייִדישע מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן (בתוכם אַ ייִדישער דאָקטער-אָפּיציר פֿון אונזשלאַגער שפּיטאָל, וועמען די חולים-אַרעסטאַנטן, אונטער-געהעצטע פֿון זײַנע קאָלעגן, האָבן שטאַרק צעשלאָגן).

געווען איז אין לאַגער אַ געוויסער פּעטראָ, אַ פּאָליט-אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך רעכט ניט געקאָנט אונטערשרײַבן. געאַרבעט האָט ער אין שטאַל, ווו איך, אַרבעטנדיק דעמלט מיט אַ פֿערד-און-וואָגן, פֿלעגט אַלע פֿאַרטאָג קומען צו אים אײַנשפּאַנען. אַ טבֿע האָט ער געהאַט, אָט דער פּעטראָ, שטענדיק צו וואָרטשען און שטענדיק אויף די זשידעס. איז אָט נאָך דער נאַכט מיט רוקאָווישניקאָוון אין באַראַק בין איך אַוועק אין שטאַל

אַרײַן צו פּעטראָ, ריכטנדיק זיך אויף דער צווייטער פּאַרציע ביטערניש. אַריבערטרעטנדיק די שוועל, לאָזט ער מיך לאַנג ניט וואַרטן און פֿרעגט מיך גלײַך: טשול? האָסט, הייסט עס, געהערט די נײַס?

— טשול, ענטפֿער איך אים אויף אַ קול, און נעם זיך וואָס גיכער אַרויספֿירן דאָס פֿערד פֿון שטאַל.

— צע ברעכניאַ, שרײַט אויס אַן שרעק און אַן צערעמאָניעס פּעטראָ. אַ בילבול, אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה, איך קאָן זיי גוט.

דאָס האָט געזאָגט ניט דער איבערצײַגטער קאָמוניסט-אינטערנאַציאָ-נאַליסט און געוועזענער פּאָליט-קאָמיסאַר רוקאָווישניקאָוו, נאָר דער ניט-גראַמאָטנער קאָניוך פּעטראָ, וואָס האָט גאָר אַלע טאָג געהאַט צו טון מיט די זשידעס. ער האָט עס פֿאַרשטאַנען נאָך בײַ סטאַלינס לעבן, אַז די גאַנצע מעשׂה מיט די דאָקטוירים איז אַ בילבול.

און אַ צווייטער פֿאַל. מיט יאָרן שפּעטער, שוין אויף דער פֿרײַ. אין דער געבײַדע פֿון דער טשערנאָוויצער מלוכה-באַנק ווו מיר קומט אויס אָמטלעך אָפֿט צו זײַן. זי ווערט באַוואַכט סײַ אין דרויסן, סײַ אינעווייניק, אין דער קאַסע-אָפּטיילונג. האַרט בײַ דער קאַסע שטייט צוגעשטעלט אַ גרויסער טיש, ווו דאָס באַקומענע געלט ווערט ווידער איבערגעציילט "ניע אָטכאָדיאַ אָט קאַסי", ניט אָפּטרעטנדיק, הייסט עס, פֿון דער קאַסע. איבערן דאָזיקן טיש האָט געהאַט די אויפֿזיכט אַן עלטערער מענטש, אַ געוועזענער קאַסיר. איז אָט קום איך אַ פּאָר מאָל אין באַנק און טרעף אויף זײַן אָרט אַ פֿרוי. פֿרעג איך זיך נאָך אויס נײַגער אויף אים בײַ אַ סערזשאַנט פֿון דער מיליץ, ענטפֿערט ער מיר: ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין איזראַעל. מײַן איך, ער נעמט מיך אויפֿן זיכער, ווי מע זאָגט, איך האָב אַפֿילו ניט געוווּסט וועגן יענעם, אַז ער איז אַ ייִד. גיי איך צו צו אַ צווייטן מיליציאָנער, אַ פּראָסטער בוקאָווינער פּויער, וואָס ווייסט ניט קיין חכמות, און פֿרעג אים איבער, ענטפֿערט ער מיר תּמימותדיק: וויכאַל דאָ איזראַעליאַ. דאָ קומט צו דער סערזשאַנט אויף אָט די רייד און גיט צו: אַוועקגעפֿאָרן אָט דער פֿאַר-רעטער. — טשאַהאָ, חידושט זיך דער בוקאָווינער מיליציאָנער. צע זש'איכניאַ באַטקיוושטשינאַ, ס'איז דאָך, הייסט עס, זייער פֿאָטערלאַנד.

ע, דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט, באַמערקט דער סערזשאַנט און הייסן הייסט עס, דו ווייסט ניט ווי אַזוי מע דאַרף רעדן הײַנט.

אַזוי איז עס דאָרט, וואָס קלענער דער טשין, וואָס פּראָסטער דער מענטש, אַלץ קלאָרער דער שׂכל, קלאָרער און אמתדיקער.

יאָסיף איליטש

יאָסיף איליטש — אַזוי האָט ער געהייסן דער דאַרער באַברילטער קליינוווקסיק-איינגעבויגענער אַלטער ייִד, וואָס איך האָב אים באַגעגנט אין זעקסטן באַזונדערן (אָסאָבי) לאַגער-פּונקט פֿון סוכאָבעזוואָדנאָיע אין גאָרקעווער געגנט. אַ שווייַגנדיקער האָט ער דאָ אַרויסגערופֿן דרך-ארץ צו זיך אויך מצד די כוליגאַנסקע אַנטיסעמיטן פֿון צווישן די אַרעס-טאַנטן. ער פֿלעגט זעלטן באַקומען פֿון עמעצן, גאָט ווייסט פֿון וועמען, אַ בריוו און נאָך זעלטענער אַ פּעקל, וואָס קיינער האָט נישט געוואָגט עס רירן אָדער זיך מיט אים צו "טיילן", ווי דער שטייגער איז אין לאַגער. ס'איז אויך נישט געווען מיט וואָס — אַ פּאָר טאָרבעלעך גרויפּן, עטלעכע קלעצעלעך צוקער, אַ פּעקל פּשוטע טיי-ביסקוויטן. קיין שום וווּרשטן, קיין שום פֿעטסן און אַוודאי נישט קיין טאַבאַק, יאָסיף איליטש האָט נישט גערייכערט. געשלאָפֿן זענען מיר אין זעלבן באַראַק אַ בעטל איבער אַ בעטל, ער — אונטן און איך — אויבן. ווען ער איז איין מאָל קראַנק געווען, האָב איך אים געבראַכט דאָס ביסל זופּ צום בעט. ער האָט מיר געוואָלט אָפּצאָלן דערפֿאַר מיט צוקער, האָב איך אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף אים און ער האָט זיך פֿאַרשעמט און זיך פֿאַרענטפֿערט.

בכלל האָט ער זיך נישט געחבֿרט מיט קיינעם, אויך נישט מיט קיין איינעם פֿון די ייִדן אין לאַגער. אַ געבוירענער אין מאָסקווע נאָך אין די צאַרישע צייַטן אין דער משפּחה פֿון אַ ייִדישן אַפּטייקער מיט פּראַוואָזשי-טעלסטוואָ האָט ער גערעדט שלעכט ייִדיש דערפֿאַר אָבער אַ פּרעכטיקן רוסיש. נישט איין מאָל פֿלעגט טרעפֿן, אַז אַן אַדוואָקאַט-אַרעסטאַנט, וואָס פֿלעגט דאָ צופֿאַרדינען אַ פּייַקע ברויט מיט שרייַבן אַנקלאַגעס פֿאַר די, וואָס האָבן געהאָפֿט זיך צו דערשלאָגן גערעכטיקייט, זאָל זיך ווענדן צו יאָסיף איליטשן וועגן אַ ריכטיקן רוסישן אויסדרוק אָדער וועגן ריכטיקן אויסלייג פֿון דעם אָדער יענעם רוסישן וואָרט.

דער געוועזענער אַדוואָקאַט, אָפּט איז עס אַ געוועזענער פּראָקוראָר אָדער אַ געוועזענער סאָוועטישער ריכטער, זיי אַליין האָבן נישט געגלייבט אין דער הצלחה פֿון די אַנקלאַגעס ווי גוט און שיין און ריכטיק זיי זאָלן נישט זייַן אָנגעשריבן און ווי אומשולדיק און גערעכט דער אַנקלאָגער זאָל נישט זייַן. זיי איז געגאַנגען אין צוויי זאַכן — ערשטנס אין פּרעסטיזש פֿון זייערע פֿאַכקענטענישן און צווייטנס, דער סאַמע עיקר, אין דער צוגאָב-לעבער פּאָרציע ברויט דאָס לעבן צו דערהאַלטן. יאָסיף איליטש איז זיי שטענדיק אַקעגנגעקומען העפֿלעך אָבער קאַלט און ווי ווייַט מעגלעך קורץ און זיך גלייַך אָוועקגעדרייט, אַזוי אַז יענער האָט אַפֿילו נישט באַוויזן צו זאָגן אַ דאַנק. פֿון אַן אַנדער שׂכר איז שוין אָפּגערעדט.

געווען דאָרט איינער אַ ווייַסרוסישער ייִד אַ באַוואָנצטער מיט אַן

אוקראַיִניש טאַראַס בולבישן אויסזען, וועלכער האָט זיך גאָר שטאַרק גע-קהלט אין ק.וו.טש. (קולטורנאָ-וואָספּיטאַטעלנאַיע טשאַסט — קולטור-דערציערישער אָפּטייל פֿון לאַגער), געלייענט צײַטונגען, געגאַנגען אויף די לעקציעס פֿון די לאַגער-לעקטאָרן — אָפֿיצירן פֿון דער מ.וו.ד. ער האָט זיך שטאַרק געפֿרייט, וואָס אָט-אָט און מע טרײַבט אַרויס די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן פֿון דרום-קאָרעאַ. ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען אין באַראַק, פֿלעגט זיך יאָסיף איליטש אויסדרייען צו אים מיט די פּלייצעס. ווען יענער האָט דאָך אַ מאָל געפּרוּווט אים פֿאַרטשעפּען, האָט זיך אַרײַנגעמישט סטיאָפּאַ גנבֿ מיט אַן "אָטסטאַן אָט ניעוואָ" דאָס הייסט — טרעט פֿון אים אָפּ און יענער איז גלײַך פֿאַרשוווּנדן.

צי איז יאָסיף איליטש געווען אין אַ וועלכער נישט איז מאָס רעליגיעז, איז שווער צו זאָגן. זײַן "גאָט זאָל העלפֿן" אָדער "דאַנקען גאָט" איז נישט קיין באַווײַז דערויף, נאָר כיל זשיד, אַזוי האָבן די גנבֿים, די בלאַטע לײַט, גערופֿן זייער סטאַרשי בלאַטנוי, "דאָס פֿינגערל" און געציטערט פֿאַר אים אימת מוות, כאָטש געווען איז ער אַ טובערקולאָז-קראַנקער קיעווער יונגערמאַן, וואָס האָט קוים גערעדט. — דאָס האָט ער מיר, יחיאל, בסוד סודות דערציילט, ס'איז גראָד געווען אין די פּסח-טעג, אַ טשיקאַווע מעשׂה, דו ווייסט, האָט ער מיר געזאָגט, מײַן שייגעץ, אַזוי האָט ער גערופֿן סטיאָפּען, זײַן פֿאַרטרעטער אין דער העראַרכיע פֿון די גנבֿים — מײַן שייגעץ האָט נעכטן באַקומען פֿונעם פּראָפֿעסאָר (געמיינט יאָסיף איליטשן) זײַנע צוויי פּײַקעס ברויט פֿאַר די לעצטע צוויי טעג, נישט בעטנדיק גאָרנישט דערפֿאַר. ס'האָט נישט געהאָלפֿן קיין אָפּזאָגן זיך. כ'וועל זיי סײַ ווי נישט עסן, האָט אים דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט. כ'האָב באַלד פֿאַרשטאַנען אין וואָס סע גייט און גלײַך באַפֿוילן סטיאָפּען, ער זאָל קריגן אַ פּאָר צענדליק קאַרטאָפֿל און אַ צענדליק אייער. די קאַרטאָפֿל זאָל ער נישט פּרעגלען און אויך נישט מאַכן פֿון זיי קיין געשמאַלצענע קאַרטאָפֿל-פּיורע, נאָר זיי אָפּקאָכן אין די מונדירן און די אייער זאָלן זײַן ווײַסע און נישט קיין געפֿאַרבטע, וועלכע קומען לעצטנס אָן אין די פּעקלעך צו די קריסטן, ווײַסע און פֿרישע און ער זאָל זיי אָפּקאָכן אויף האַרטע און זיי אַרײַנשיקן מיט אַ זעקסטל (שעסטיאָרקע — אַ "לערנייִנגל" און באַדינער בײַ די בלאַטע לײַט), ווען דער עולם גייט אין דער סטאָלאָווקע אויף פֿרישטיק און דער באַראַק איז ליידיק. וואָס מיינסטו, האָט יחיאל באַרימעריש צוגעגעבן, איך בין טאַקע, וואָס אין דער קאָרט, נאָר אין יידישקייט פֿאַרשטיי איך נאָך אַ טאָלק. אַ שאָד נאָר וואָס אין קיין איין פּעקל צו די יידן איז נישטאָ קיין מצהלע אָפֿילו אויף אַ רפֿואה און געפֿאַרבטע אייער קומען אָן אין די הונדערטער.

— זאָג מיר דעם אמת, איז ער פּלוצים איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער שמועס, ווען דו באַגעגנסט מיך אויף דער פֿרײַ, וואָלסטו זיך געחבֿרט מיט מיר?

— צוליב וואָס פֿרעגסטו מיך, האָב איך אים גלײַך צוריקגעפֿרעגט, צי ווילסטו טאַקע וויסן דעם אמת אָדער ווילסט, איך זאָל דיר זאָגן אַ ליגן?

— אָט אַזוי, זאָגט ער, ביסט טאַקע נישט קיין גנבֿ, נאָר קיין פֿרײַער, זע איך, ביסטו אויך ניט.

צוליב וואָס טאַקע ער האָט דאָס געפֿרעגט, ווייס איך נישט. ס׳איז געווען עקלדיק צו זען, ווי דער ״לייטענאַנט״, אַזוי האָט מען דאָ גערופֿן איינעם אַ געוועזענעם סאָוועטישן אָפֿיציר, וואָס פֿלעגט נאָכגיין פֿוסטריט נאָך יחיאלן, אים באַשיטן מיט שבֿחים, אים חנפֿענען צוליב אַ סיגאַרעטל, וואָס יענער פֿלעגט אים אַ מאָל יאָ און אַ מאָל נישט צווואַרפֿן און אים טרײַבן פֿון זיך.

וואָס ס׳איז געוואָרן פֿונעם באַפֿעל וועגן אייער און קאַרטאָפֿל פֿאַר יאָסיף איליטשן, ווייס איך נישט. נישט ער האָט מיר דערציילט, נישט איך האָב אים וועגן דעם געפֿרעגט.

איין מאָל אַרײַנקומענדיק אין באַראַק, האָב איך געטראָפֿן יאָסיף איליטשן אַ פֿאַרוויינטן. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר די פֿאַר יאָר, וואָס מיר ווױנען אונטער איין דאַך און אונטער איין וואַך. ער האָט זיך באַמיט, ווײַזט אויס, מיט אַלע כּוחות אויסצובאַהאַלטן דאָס טרייסלען, וואָס דאָס געוויין זײַנס האָט מיט אים געטרייסלט, נאָר זײַן פֿאַרגרעסערטער שאָטן אויף דער וואַנט האָט אים אויסגעגעבן. כ׳בין גלײַך צו אים צוגעשטאַנען: וואָס איז געשען, יאָסיף איליטש? דאָ האָט ער זיך ערשט רעכט צעוויינט אויפֿן קול, די טרערן האָבן אָנגעהויבן האָסטיק צו שטראָמען און מיר האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס איך בין צו אים צוגעשטאַנען. — קומט מיט מיר אַ ביסל אַרויס, האָט ער פּלוצים צו מיר אַ זאָג געטאָן. איך וויל אײַך עפּעס דערציילן. איר ווייסט מסתּמא, האָט ער גלייך אָנגעהויבן נאָכן ערשטן טראָט אין פֿאַרמאַכטן לאַגער־דרויסן, איר ווייסט, מסתּמא, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ קליינע ביבליאָטעק מיט טעכנישער ליטעראַטור וועגן וואַלד, האָלץ, האָלץ־אינדוסטריע און סתּם טעכניק, איז הײַנט אַהין אָנגעקומען אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון מײַנס אַ לערנבוך וועגן דאַמף־מעכאַניק. מיך האַלטן זיי פֿאַרשפּאַרט אויף קאַרג שוואַרץ ברויט, אויף קאַלעמוטנע וואַסער און וואַסערדיקן זופּ און מײַן בוך גיבן זיי אַרויס אין אַ נײַער אויפֿלאַגע, די גזלנים.

— און טאַקע אונטער אײַער נאָמען? פֿרעג איך איבער.

— אַוודאי אונטער מײַן נאָמען — יאָסיף איליטש גרינגאַוז.

— ס׳איז נאָך מיט חסד, זאָג איך, וואָס זיי האָבן אײַער נאָמען נישט אַראָפּגענומען און נישט אַרויפֿגעשטעלט דעם נאָמען פֿון אַ פּעטראָוו אָדער סידאָראָוו. עמעצער וועט נאָך כאַפּן אין די ציין פֿאַר אָט דעם פֿאַרזען.

— איר זענט גערעכט, האָט ער גלײַך באַשטעטיקט, אָפּווישנדיק די לעצטע שפּורן פֿון פֿאַרוויינטן פּנים. ווי קומט עס, פֿרעגט ער מיך, וואָס

איר, אַ באַסאַראַבער, אַ צוגעקומענער, זאָלט זיי אַזוי גיך און גרינטלעך דערקענען?

— כ'האָב שוין באַוויזן, זאָג איך, גענוג טיַיער צו באַצאָלן פֿאַר אַט דעם קענען זיי און דאָך איז פֿון קענען זיי גרינטלעך נאָך אַלץ וויַיט. אַפּילו זיי אַליין קענען זיך, דאַכט זיך, נישט גרינטלעך. זייער גהינום איז אַ יונגער און געפּינט זיך אין סאַמע בלי. אַ סך פּירות באַהאַלטן זיך נאָך אין די קנאָספּן און נישט וויניק וועלן זיך נאָך ביטער אַנטוישן אין דער "זיסקייט" פֿון אַט די פּירות.

— און מיר דאַכט זיך, רופֿט זיך אָן יאָסיף איליטש, אַז דער, וואָס האָט זיי נישט דערקענט פֿון זייער ערשטן טאָג, ווי איך, וועט זיי שוין קיין מאָל גרינטלעך נישט קאָנען. איר ווייסט איך בין פֿון די וויַניקע, גאָר וויַניקע, וועלכע זיצן דאָ נישט אומזיסט. איך האָב זיי ניט ליב, ווי געזאָגט, פֿון זייער ערשטן טאָג אָן, כאָטש צוריק גערעדט קומט דאָך נישט פֿאַר נישט ליב האָבן קיין שטראָף. איך האָב קעגן זיי נישט געקעמפֿט, געקאָנט אַרבעטן און געאַרבעט געוויסנהאַפֿטיק אויף מיַין געביט, אָן עדות דערויף איז אַפּילו מיַין לערנבוך, כ'האָב נישט סאַבאָטירט, חלילה, נאָר מיַין פֿאַראַכטונג צו זיי און צו זייערע אַכזריותדיקע מעשׂים נאָך אין לענינס ציַיטן האָב איך נישט באַהאַלטן און באַהאַלט אויך איצט נישט. איר ווייסט, געוויס, ס'איז קיין סוד נישט, אַז אונדזערע יידן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם אויפֿבוי פֿון זייער באָלשעוויסטישער מלוכה. אין אַלע שיינע געזעצ-פּראָיעקטן שטעקט אַ יידישע האַנט. הינטער יעדן דעפּוטאַט-פּויער, דעפּו-טאַט-פֿאַסטעך און דעפּוטאַט-אַרבעטער שטייט אַ ייד, וואָס שריַיבט אים די שיינע רעדעס און ציט די שטריק פֿון דער דעפּוטאַט-ליאַלקע. כמעט יעדער נאַטשאַלניק צי דירעקטאָר צי פֿאַרוואַלטער האָט נאָך אַלץ, כאָטש היַינט שוין אַ סך וויַניקער, אַ פֿאַרטרעטער אַ יידן, וואָס אַרבעט פֿאַר אים געטריַי און אַז זיי דינען זיך אויס, אָט די יידן אונדזערע, ווער פֿריִער און ווער שפּעטער, שיקט מען זיי אַהער, אויף קעסט אין לאַגער, אָפּט צוזאַמען מיט די דעפּוטאַטן, דירעקטאָרן און נאַטשאַלניקעס, אויב יענע האָבן צו ערנסט גענומען דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, די אַזוי גערופֿענע פֿעלקער-פֿריַינדשאַפֿט און מיטגעאַרבעט מיטן . . . שׂונא. ביַי זיי, ביַי די באָלשעוויקעס, טאָר מען גאָרנישט נעמען ערנסט. געווען אַזעלכע אוקראַינישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גענומען ערנסט דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַשטימונג, וואָס לענין האָט בשעתו פּראָפּאַגאַנדיסטיש פּראָקלאַמירט, און זיי זענען צעשאָסן געוואָרן.

— יאָסיף איליטש, האָב איך זיך צו אים געווענדעט, איך וויל איַיך שטעלן אַ פֿראַגע. זיַיט מיר נישט ברוגז, צי האָבן זיי טאַקע גאָרנישט אויפֿ-געטאָן?

— אויפֿגעטאָן? האָט ער איבערגעחזרט מיַין פֿראַגע. זייער אַ סך.

כ׳האָב געקענט אַ סך גוטע און נאַיִווע צווישן זיי. האַלב הונגעריקע זענען זיי געזעסן גאַנצע טעג און האַלבע נעכט און געאַרבעט איבער די פּאַראַגראַפן פון נייַע אַרבעטס-געזעצן — אַן אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, יערלעכער באַצאָלטער אורלויב, רעכט אויף אַרבעט אאַ״וו. נאָר...

— וואָס נאָר?

— נאָר דער, וואָס האָט דאָס פּראָיעקטירט מיט אַלע פּרטים, האָט מען אים אַרעסטירט, אָפּגעשוירן, געטריבן אויף אומדערטרעגלעכער פיזישער אַרבעט 16 שעה אַ טאָג, ביז ער איז אויסגעגאַנגען. אויף וואָס ער האָט זיך געקלאָגט אין זײַנע לעצטע טעג איז געווען נישט זײַן פאַרלוירן לעבן, נאָר... און ער שטייט מיר פאַר די אויגן, איז ממשיך יאָסיף איליטש, און רעדט מיט זײַנע לעצטע כּוחות און קלאָגט זיך און באַדויערט, וואָס ער האָט נישט באַוויזן אויסצואַרבעטן און אײַנפירן אין לעבן מער רעאַלע און מענטשלעכע לוין-טאַריפן, ווײַל וויפל רעכט און כּלערליי צוגאָבן זאָלסט דעם אַרבעטער נישט געבן, האָט ער געטענהט און וויפל זכיות און פאַרזיכערונגען, וואָס ער האָט זיי פריער נישט געהאַט און זיי קומען אים, האָט ער מיט די סאַמע-סאַמע לעצטע כּוחות פון זיך אַרויסגערעדט, דער די-רעקטער לוין פאַר זײַן אַרבעט בלײַבט זײַן עיקר-זכות און טאַקע די עיקר-קוועלע פאַר זײַן עקזיסטענץ און פון אַ מענטשלעכער לעבן. ווי אומענטשלעך מע האָט אים באַהאַנדלט. פונעם טרערן-גלאַנץ, וואָס די אויגן פון יאָסיף איליטש האָבן באַקומען איז געווען צו זען, אַז יענער שטייט אים טאַקע פאַר די אויגן, נאָר ער האָט דאָס גובר געווען און ממשיך געווען סאַר-קאַסטיש: אַ שאָד, וואָס מע האָט אים אַרעסטירט אַ ביסעלע צו פרי און דער אַרבעטסלוין אין ערשטן סאָציאַליסטישן לאַנד איז פאַרבליבן איינער פון די נידעריקסטע, אויב נישט דער נידעריקסטער אין דער וועלט. אויך די, וואָס האָבן פּראָיעקטירט און רעאַליזירט, מיט איינעם וואָרט אײַנגעפירט אין לאַנד אומזיסטיקע מעדיצינישע הילף, אויפגעבויט שפּיטאָלן, קליניקעס, אָפּרו-הײַזער און אויך די, וואָס האָבן אויפגעבויט אַ ברייטע און געדיכטע שולנעץ, וואָס נעמט אַרום די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע בויער פון סאָציאַליזם אין די... ״סאָציאַליס-טישע״ אַרבעטסלאַגערן, ווו זיי זענען אומגעקומען פון אומדערטרעגלעכער פיזישער קאַטאָרגע-אַרבעט.

פאַרבײַ אונדז האָבן דורכשפּאַצירט צוויי אַלטיטשקעס. פון זייער שטילן רעדן איז צו אונדז דערגאַנגען איין וואָרט, וואָס זיי האָבן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט — צירקוס. צירקוס. — יאָסיף איליטש, וואָס האָט דאָ ערשט נישט לאַנג אַזוי ביטער געוויינט, האָט זיך צעשמייכלט און בײַ מײַן גאַנצער נײַגעריקייט צו וויסן דעם באַדײַט פון זײַן שמייכל, האָב איך דאָך נישט געוואָלט אַראָפּ פון די רעלסן פון אונדזער אָנגעהויבענעם שמועס. כ׳האָב זיך צו אים געווענדעט — צי קען איך אײַך שטעלן אַ דיסקרעטע פראַגע?

אדרבא, פֿרעגט. פּאַרוואָס, יאָסיף איליטש, טרײַבט מען אײַך נישט אויף קיין אַרבעט?

— גוט, זאָגט ער, וואָס איר פֿרעגט מיך. דאָס וועט מיר העלפֿן צו מאַכן ווײַטערדיקע אַנטפּלעקונגען, נאָר קודם זײַט וויסן, אַז איך האָב דאָ נישט ווייניק געאַרבעט, געבררעכט און קראַנק געוואָרן, אַלט געוואָרן, נאָר נישט דאָס איז די סיבה פֿון מײַן הײַנטיקן נישט אַרבעטן. כ׳האָב געהאַט אַ פֿרײַנד, אַ געוועזענער פּאָליטקאָמיסאַר, האָט ער מיר אַ מאָל נישט אָן קנאה געזאָגט: דיך יאָסיף איליטש, וועט מען שוינען מער ווי מיך. פּאַרוואָס, האָב איך אים איבערגעפֿרעגט, ביסט מיך אין עפּעס חושד? חלילה, האָט ער מיר געענטפֿערט, דיך וועט מען שוינען, ווײַל דו ביסט קיין מאָל נישט געוועזן קיין קאָמוניסט. כ׳האָב, זאָגט ער, אָרגאַניזירט אין דער אַרמיי אַ מוסטערהאַפֿטע קינסטלערישע זעלבסטטעטיקייט, דראַמקרײַזן, כאָרן, וועלכע זינגען נאָך הײַנט לידער צו סטאַלינען, בשעת מיך דאָ וועט מען אָן רחמנות פּאַרמוטשען צום טויט. די הײַנטיקע קאָמוניסטישע אָנפֿירערשאַפֿט האָט אונדז אונטערבאַוווסטזיניק פֿײַנט, קאָנען אונדז נישט מוחל זײַן די רעוואָ-לוציע, וואָס מיר האָבן אויף זייער קאָפּ געמאַכט און זיי זענען זיך אין אונדז נוקם.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך סטאַלינס טויט און אונדזער באַפֿרײַונג, ווען כרושטשאָוו האָט אין זײַן רעדע בײַם אויפֿנעמען דעם דײַטשישן קאַנצלער אַדענהאַוער אָנגעדײַטעט, אַז דער מאַרקסיזם איז אייגנטלעך אויפֿגעקומען און זיך אַנטוויקלט אין דײַטשלאַנד און אַ זאָג געטאָן: ״איר האָט דאָך פֿאַרקאָכט אָט די קאַשע, איז לעקט זי, זײַט מוחל, אויס״, האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט אין יאָסיף איליטשן און אין אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט. אויך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז היטלער, ימח שמו, האָט נישט שטאָלצירט מיט מאַרקסן, ווי סע שטאָלצירן מיט מאַרקסן הײַנט די מזרח-דײַטשן מיטן גרויסן זון פֿונעם ״דײַטשן״ פֿאָלק, ער האָט אונדז אָבער אַכזריותדיק געשטראָפֿט צווישן אַנדערן אויך פֿאַר דער ״זינד״, וואָס קאַרל מאַרקס שטאַמט פֿון ייִדן, כאָטש ער האָט זיך נישט געמיאוסט זיך צו באַנוצן מיט יענעמס אַנטי-ייִדישע מיינונגען, ווי סע באַנוצן זיך מיט זיי די סאָמאָ-ראָדנע מאַרקסיסטן פֿון מאָסקווע. איך דערמאָן זיך אויך ווי יאָסיף איליטש האָט מיך אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן — צי האָט איר אַ מאָל געקוקט די סאָוועטישע פּיעסע ״מאָסקווער קוראַנטן״? אַ ייִדישער זייגערמאַכער ווערט געבראַכט דורך טשעקיסטן — קיין אַנדערע שליחים האָט מען נישט גע-פֿונען — צו לענינען און דזשערזשינסקין. מע לייגט אים פֿאַר צו ברענגען אין באַוועגונג דעם קרעמל-זייגער, די באַרימטע מאָסקווער קוראַנטן זאָלן אויסשפּילן דעם אינטערנאַציאָנאַל. ווען דער זייגערמאַכער, דער קוסטאַר, דערציילט זײַנע געהויבענע גאַסטגעבער, אַז ציטירנדיק איין מאָל אין אַ ויכּוח עזאָפּס אַ משל, האָבן די טשעקאַ-לײַט באַשולדיקט... עזאָפּן, אַז ער

איז אַן אַגענט פֿון דער אַנטאַנטע און אַז ער, דער זייגערמאַכער, איז עזאָפּס אַן אַגענט. דזשערזשינסקי און אויך לענין אויפֿן אָרט אויפֿגעשווידערט צו ווערן פֿון דעם, וואָס אונטן טוט זיך, האָבן זיי זיך טיַיוולאָניש צעלאַכט.

— פֿאַרוואָס טיַיוולאָניש, פֿרעג איך, סוף־סוף איז עס דאָך אַ פּיעסע און געלאַכט האָט דער אַרטיסט.

— די פּיעסע איז גענומען פֿונעם לעבן און דער אַרטיסט האָט געננוי נאָכגעלאַכט לענינס געלעכטער, וואָס קלינגט נאָך היַינט אין מיַינע אויערן. ער הערט נישט אויף צו לאַכן נישט נאָר איבער דעם, וואָס האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו די קלאַנגען פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל פֿון קרעמל־זייגער, נאָר איבער אַלע בויער פֿונעם סאָציאַליזם פֿון נעכטן, היַינט און פֿון מאָרגן.

יענעם אָוונט האָבן מיר קיין וועטשערע נישט געגעסן, נאָר פֿון יענעם אָוונט אָן האָט מען צוליב דער אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס יאָסיף איליטש האָט מיר אַרויסגעוויזן, אויך מיך אָנגעהויבן צו רעספּעקטירן. איך בין זיך מודה, אַז אויב ביזן גיין זיצן, האָט נאָך ערגעץ אין מיר געטליעט אַ פֿונק, אַז אפֿשר דאָך, אַזעלכע שיינע דערהויבענע צילן, האָט יאָסיף איליטש מיך דאָ אין דעם "דערציערישן אויסבעסערונגס־לאַגער" פֿון סוכאָבעזוואָדנאָיע לגמרי דערפֿון אויסגעהיילט. אין יאָרן אַרום, ווען אין אוקראַאינישן טשער־נאָוויצער מלוכה־טעאַטער האָט מען געשטעלט "מאָסקווער קוראַנטן" בין איך געלאָפֿן זען די פּיעסע. כ׳האָב זיך געוווּנדערט, וואָס דער עולם פֿאַר־שטייט נישט דאָס, וואָס יאָסיף איליטש האָט פֿאַרשטאַנען און אפֿשר, האָב איך מיר געטראַכט, האָט עמעצער יאָ פֿאַרשטאַנען און זיך געחידושט, וואָס איך פֿאַרשטיי נישט. מע רעדט דען דאָרט צווישן זיך?

ערגעץ אין 1968 האָט מיך אַ פֿריַינד פֿון די לאַגער־יאָרן פֿאַרבעטן קיין מאָסקווע צו זיַין 70סטן געבוירנטאָג און חנוכּת הבית — זיַין פֿרוי האָט פֿון איר אַרבעט באַקומען אַ דירה מיט באַקוועמלעכקייטן. עס זענען גע־קומען נאָך עטלעכע פֿריַינד פֿון יענע יאָרן. און ווו איז יאָסיף איליטש, האָב איך געפֿרעגט. אים האָט זיך אונדז נישט איַינגעגעבן צו געפֿינען. קיינער ווייסט נישט זיַין אַדרעס. ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך, דער קראַנקער אַלטיטשקער.

די באַלעבאָסטע האָט זיך פֿאַר אונדז באַרימט מיט דער מאָדערנער קיך מיטן גאַז־אויוון און מיט די צוויי קראַנען פֿאַר וואַרעמער און קאַלטער וואַסער, מיט דער ספּעציעלער שיסל אויף צו וואַשן די כּלים, די פֿאַרשי־דענע שאַפֿקעלעך. זי האָט אונדז געוויזן דאָס באַד־צימער מיט דוש און וואַנע, אַפֿילו דעם קלאָזעט מיט דער קאַנאַליזאַציע און רעזערוואַר פֿאַר וואַסער אויף אָפּצולאָזן, וואָס זיי האָבן אין דער פֿריערדיקער דירה נישט געהאַט. איר זעט, האָט זי געזאָגט, אַ דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט צענטראַלער באַהייצונג.

— איך זע, האָב איך זיך אָנגערופֿן, אַלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר ווו

איז די דירה? און זי האָט אונדז געוויזן אַ שלאָפצימער מיט נישט קיין איבעריק ברייט דאָפּלבעט פֿון וואַנט צו וואַנט. אינעם עסצימער האָט מען קיין בענקלעך ביי ביידע זייטן טיש נישט געקענט אויסשטעלן, עס איז געווען אַ שטייג מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, נישט קיין דירה. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין יאָסיף איליטשעס דערציילונג וועגן די אַרבעטער, וועמען מע האָט צוגעטיילט פֿאַרשידענע פּריווילעגיעס און רעכט חוץ אַ רעכטן מענטשלעכן לוין.

אַ ביסל שפּעטער, איך געדענק שוין נישט גענוי דאָס יאָר, האָב איך אין עטלעכע נומערן פֿון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" געלייענט אַ סעריע אַרטיקלען מיט המשכים אין וועלכע דער קולט אַרום דעם כינעזישן מנהיג מאַאָ טסע טונג איז שאַרפֿזיניק און מיט סאַטירישן געשמאַק שטאַרק אויסגעלאַכט געוואָרן, נאָר אין די זעלבע נומערן פֿון דער ליטעראַטורנאַיאַ, נאָר אויף אַנדערע זייטן האָט מען לעניגען צוגעשריבן די זעלבע איבער-נאַטירלעכע כּוחות און אַזאַ איבערמענטשלעכן פֿאַרשטאַנד, וואָס מע האָט אָקערשט אַ פּאָר זייטן בשכנות אַזוי שטאַרק אויסגעלאַכט, און איך האָב זיך ווידער דערמאָנט אין יאָסיף איליטשן.

פּרץ-מאיר

פּרץ-מאיר איז געווען נישט נאָר אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערן, נאָר דאָס איינציקע איניקל ביי ביידע זיידעס און ביי ביידע באָבעס און דער איינציקער פּלימעניק ביי פֿילצאָליקע קינדערלאָזע מומעס און פֿעטערס.

אויף זיין ברית בעתן מל זיין אים האָבן פֿון זיין קוויטש געחלשט דריי מומעס, כאָטש זיי האָבן זיך געפֿונען דריי צימערן ווייטער. אַ פֿערטע מומע אַ יונגע אַ „פּראָגרעסיווע" האָט אויסגעשריגן: אַזאַ ווילדקייט! ווו לעבן מיר? אין פֿינצטערן מיטלאַלטער? נישט געווען אַז די דאָזיקע מומע זאָל עפּעס זאָגן און נישט דערמאָנען דעם מיטלאַלטער — קין האָט געהרגעט הבֿלען אין מיטלאַלטער. די ברידער האָבן פֿאַרקויפֿט יוספֿן צו מצרישע שקלאַפֿנהענדלער אין מיטלאַלטער. דאָס בית המקדש, סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע זענען חרובֿ געוואָרן אין מיטלאַלטער. ווען פּרץ-מאיר, שוין זייענדיק אַ גימנאַזיסט, האָט זי אַ מאָל געפֿרעגט, וועלכע צייטן נעמט אַרום די געשיכטע פֿון אַלטערטום, האָט זי אים גלייך גע-ענטפֿערט: דעם גאַנצן מיטלאַלטער מיט אַ שטיק פֿון אונדזער צייט פֿאַר אַ צולאָג.

פּרץ-מאיר, מעג מען זאָגן, איז אויסגעוואַקסן אויף די הענט פֿון זיינע מומעס און פֿעטערס. ביז דריי יאָר האָט מען אים אין גאַנצן פֿון די הענט

נישט אַראָפּגעלאָזט. ווען מע האָט פּרץ-מאירן געהאַדעוועט, פֿלעגט זיך אויסשטעלן אַ גאַנצער כאָר און זינגען פֿון קלאַסישן און מאָדערנעם רע-פּערטואַר. ווען פּרץ-מאיר פֿלעג אַוועקדרייען דעם קאָפּ פֿון דער מומע אַליעס לעפּעלע, פֿלעגט אַ צווייטע, די מומע פּאַליע דאָס לעפּעלע אויס-כאַפּן און זאָגן: דו האַלטסט עס נישט ריכטיק, ביַי מיר וועט ער עסן. איאַ, פּרץ-מאירל, האָסט ליב די מומע פּאַליע? אויף וואָס ער פֿלעג ווי אַ באַשטעטיקונג אויסשפּיַיען די גאַנצע קאַשע, וואָס זי האָט אין אים אַריַינ-געשטופּט.

ווען פּרץ-מאיר פֿלעג זיצן אין קלאַס, פֿלעגן זיך די מומעס אַרומדרייען אַרום די אָפֿענע פֿענצטער מיט בייגל און שאָקאָלאַדן אין די הענט און זיך נישט קענען דערוואַרטן אויפֿן קלונג. דערביַי פֿלעגן זיי קריצן מיט די ציין אויפֿן לערער שאַפּיראַ, דעם ייִדישן אַנטיסעמיט, וואָס וויל ווי אויף להכעיס נישט אויסרופֿן פּרץ-מאירן, וויַיל ער קען בעסער פֿון אַלע.

וויפֿל זיַינע עלטערן און זיַינע אַלע פֿעטערס און מומעס האָבן נישט איַינגעלייגט קיין וועלטן אים פֿון מיליטער צו באַפֿריַיען מחמת שוואַכן געזונט-צושטאַנד, האָט זיך עס זיי נישט איַינגעגעבן. וויפֿל מע האָט נישט געשמירט דעם דאָקטער און יענעם דאָקטער, איז שטענדיק געווען עמעצער איבער זיי, וואָס האָט די אַלע "באַפֿריַיונגען" און מעדיצינישע אויספֿירן בטל געמאַכט און פּרץ-מאיר איז צוגענומען געוואָרן פֿאַר אַ סאָלדאַט.

וויצן זענען אומגעגאַנגען ווי אַזוי די מומעס דרייען זיך אַרום דער קאַזאַרמע, ווו פּרץ-מאיר דינט און פֿאַר יעדן וואַרעם טעפּל קאַווע, וואָס מע לאָזט צו אים צו, צאָלן זיי הונדערטערס.

זיַין אָפּפֿאָר אין מיליטער געדענקט זיך ביזן היַינטיקן טאָג. נישט נאָר טאַטע-מאַמע, נאָר אַלע מומעס זענען געווען אויפֿן וואָקזאַל אין יענעם טאָג און אים געגעבן עצות:

— פּרץ-מאיר, אַז מע וועט דיך פֿרעגן, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ווייסט נישט.

— פּרץ-מאיר, אַז מע וועט דיך בעטן, זאָלסטו זאָגן, אַז דו האָסט נישט.

— פּרץ-מאיר, אַז מע וועט דיר געבן, זאָלסטו זאָגן, אַז דו דאַרפֿסט נישט.

דער צוג רירט און איין מומע האָט אים נאָך גאָרנישט געזאָגט. דער צוג הייבט אָן צו גיין שנעלער און זי לויפֿט נאָך דעם וואַגאָן און שריַיט:

— פּרץ-מאיר, אַז דו וועסט וועלן אַ טרונק, זאָלסטו עסן אַן עפּעלע.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָב איך געדאַרפֿט זיַין אין תל אביב אין אַ משׂרד. אַריַינקומענדיק אין פֿירשטאָקיקן גרויסן בנין בין איך צוגעגאַנגען צום מודיעין און וועמען טרעף איך?

— פּרץ-מאיר, רוף איך אויס.

— און דו ביסט, זאָגט ער, מאיר, נאָר מאיר. אויך איך בין שוין הײַנט נאָר פּרץ, אויך נאָר איין נאָמען. ס׳איז פֿון מיר, ווי דו זעסט, געבליבן האַלב.

כ׳האָב אים אָפּגעמאָסטן. נישט געפֿערלעך. שענער ווי דער אַמאָליקער געשטאָפּטער פּעמפּיק.

איציק, האָט ער אויסגערופֿן צו זײַנעם אַ קאָלעגע אין מודיעין, באַקענט אײַך, דאָס איז מײַנער אַ באַסאַראַבער לאַנדסמאַן, מאיר חרץ, דער גרעסטער יידישער שרײַבער. כ׳האָב אויף אים אַ שטרענגן קוק געטאָן, נאָר ער האָט נישט געקוקט אויף מיר און באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן צוליב וואָס ער זאָגט דאָס. ער וועט דיר באַשטעטיקן, איציק, האָט ער ממשיך געווען, אַז איך בין געווען דער גרעסטער גיבור אין דער געגנט, אַלע האָבן פֿאַר מיר געציטערט. בין געווען דעמלט דער שענסטער בחור, אַלע מיידלעך זענען מיר נאָכגעלאָפֿן. ווען נישט די מלחמה, וואָס האָט מיר איבערגעשלאָגן דאָס לערנען, וואָלט איך הײַנט געווען דער בעסטער דאָקטער אין גרעסטן שפּיטאָל.

פּרץ, פֿרעג איך, ווו זענען די עלטערן, די מומעס ?

דער טאַטע, זאָגט ער, איז געשטאָרבן אויפֿן וועג אַהער. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז די מאַמע דאָ געשטאָרבן. די מומע פֿאַליע איז געשטאָרבן אין סיביר, אין פֿאַרשיקונג, די מומע אַליע איז אומגעקומען אין אַ דײַטשישן לאַגער. די אַנדערע מומעס ווייס איך ביז הײַנט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. סע לעבט נאָך דאָ איין מומע, די קלענסטע, די, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט צו עסן אַן עפּעלע, ווען כ׳וועל וועלן אַ טרונק. איך פֿאָלג זי ביזן הײַנטיקן טאָג. זי האָט נישט חתונה געהאַט, לעבט אַצינד אין אַ מושבֿ זקנים. אויך איך האָב נישט קיינעם, נישט קיין ווײַב, נישט קיין קינד. אין גיכן גיי איך אַרויס אויף פּענסיע, וועל איך, האָף איך, אָנקומען אין זעלבן מושבֿ זקנים, וועט איר זײַן גרינגער, דער מומע מײַנער, אַכטונג צו געבן אויף מיר.

ער איז געווען אַ בן יחיד בײַ טאַטע-מאַמע, דאָס איינציקע אייניקל בײַביידע זיידעס און בײַ ביידע באָבעס, דער איינציקער פּלימעניק בײַ זײַנע פֿילצאָליקע מומעס און פֿעטערס. צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט מען מיר געקלונגען — פּרץ-מאיר איז געשטאָרבן איין וואָך נאָכן טויט פֿון זײַן לעצטער מומען. אויף זײַן לוויה זענען געווען פֿיר מענטשן. איינער פֿון זיי טאַקע האָט עס מיר אָנגעקלונגען.

טביה

נאָוועלע

און ווידער אַ מעשׂה, דאָס מאָל וועגן אַ שנײַדער־ייִנגל. דאָס רובֿ אײַנוווינער אין אַ ייִדיש שטעטל אין באַסאַראַביע זענען געווען בעלי־מלאכות און די מערהייט פֿון די בעלי־מלאכות איז געווען שנײַדערס און די מערהייט צווישן זיי, די שנײַדערס, זענען געווען פּויערישע שנײַדערס, אָדער, ווי מע האָט זיי גערופֿן — גויִישע שנײַדערס, דאָס הייסט, די קליענטור זייערע איז געווען פֿון די אַרומיקע גויִישע דערפֿער. אַזאַ קליענט פֿלעגט פֿאַרפֿאָרן מיטן גרויסן פּויערישן וואָגן, אָדער שאַראַבאַן, ווי דאָס האָט אין יענע מקומות געהייסן, מיט דער גאַנצער משפּחה צו זײַן שטענדיקן שנײַדער און מיטגעבראַכט סובמאַן — אַזאַ שטוביק גראָב וואָלן געוועב אויף וואַרעמע ווינטערדיקע מאַנטלען און צײַג געקויפֿט אין אַ מאַנופֿאַקטור־געוועלב פֿון שטעטל און דער שנײַדער האָט געדאַרפֿט אין משך פֿון צוויי, דרײַ און אַ מאָל אויך פֿיר טעג אויפֿנייען מאַנטלען, הויזן און רעקלעך, קאָפֿטעס, גאַנצע און האַלבע קליידלעך פֿאַרן מאַן און דער פֿרוי, פֿאַר די זין און טעכטער, פֿאַר די דערוואַקסענע און פֿאַרן קליינוואַרג און אויב די משפּחה איז געווען גאָר אַ גרויסע, פֿלעגט מען בלײַבן נאָך אַ טאָג און אַ מאָל די גאַנצע וואָך. געגעבטיקט האָט מען טאָקע בײַם ייִדן אין דער שנײַדערײַ אויף פּויערישע קילעמעס, קישנס און קאָלדערעס, וואָס מ'האָט מיט זיך געבראַכט. געגעסן האָט מען מיטגעבראַכטע קאַלטע עסנס — ברינדזע, פּוטער און אַנדערע עסנס. די באַלעבאָסטע, די שנײַדערקע פֿלעגט פֿאַר זיי אָפּקאָכן אַ קאַרטאָפֿל־סופּ צי אַן אַנדער וואַרעם נאָר פּאַרעווע מאכל און אויב איינעם פֿון דער משפּחה פֿלעגט זיך פֿאַרגלוסטן אַ שטיקל חזיר־פֿעטס, פֿלעגט ער אַרויסגיין, זיך אַרײַנזעצן אין וואָגן און דאָרט עסן, רעספּעקטירנדיק אַזוי אַרום די כּשרע ייִדישע שטוב. כּמעט יעדן טאָג פֿלעגט אַן אַנדערער פֿון דער פּויערים־משפּחה אַרײַנפֿאָרן צוריק אַהיים אין דאָרף אַרײַן אָנהאָדעווען, אָנפּויען און אויסמעלקן די קי און טאָן אַנדערע דרינגענדיקע אַרבעטן. ווען דער שנײַדער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן גאַנצן געניי, פֿלעגט אים דער פּויער באַצאָלן, ווי מע האָט זיך פֿריער באַדינגען און חוץ דעם אים נאָך איבערלאָזן עטלעכע צענדליק אייער, אַ פּאָר הינער, אַ האַלבן און אַ מאָל אַ גאַנצן פּוד פּאַפּשוימעל, אַ זעקל קאַרטאָפֿל א"אַנד.

איז געווען אַזאַ פּויער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט און נײַן זין און ער פֿלעגט נאָך יעדעס יאָר צוקויפֿן אַ פּאָר העקטאַר פֿעלד, כּדי די זין, ווען זיי וועלן חתונה האָבן, איז וויפֿל זיי זאָלן נישט קריגן פֿון זייערע שווער און שוויגער נדן, וועט ער אויך יעדן פֿון זיי צוגעבן פֿון זײַן זײַט אַ פּאָר העקטאַר. 8 פֿון די 9 זין זענען געווען הויכע, געזונטע פּויערים

ווי זייער טאַטע, בלויז דער נײַנטער, דער מיזיניק, כאָטש נישט, חלילה, קיין קראַנקער, אַ שוינער, נאָר פֿאַר קיין פּויערישער ערד-אַרבעט, האָט דער פֿאָטער געזען, וועט ער נישט טויגן און געפֿאַלן אויף אַ געדאַנק. ער וועט אים אָפּפֿירן אין שטעטל אַרײַן צו די ייִדן, עד זאָל זיך אויסלערנען די מלאכה פֿון שנײַדערײַ. איבערגערעדט מיטן ווײַב און אַרײַנגעפֿאָרן צו זײַן שנײַדער און יענער האָט אים באַקאַנט מיט זײַן שוואָגער אַ ייִדישער שנײַדער און דאָס הייסט אַ בעסערער בעל מלאכה. אויב שוין אַ שנײַדער, זאָל ער זײַן אַ גוטער בעל מלאכה. יענער האָט אויך אַ גרעסערע שטוב, וועט ער ווינען בײַ אים. צוזאַמען מיט זײַן מיזיניק האָט דער פּויער געבראַכט פֿאַר אים אַ וואָגן מיט כל טובֿ — אייער און הינער און מעל און קאַרטאָפֿל און גרינסן און פּירות פֿון די בעסטע און די שנײַדערקע האָט שוין געקאָנט האָדעווען נישט נאָר דאָס קורנאָסע שייגעצל, נאָר די גאַנצע משפּחה. בײַם שנײַדער האָבן געאַרבעט צוויי שנײַדער-ייִנגלעך, טאָקע זײַנע אייגענע קינדער און זיי האָבן זיך געטרײַ געטיילט מיט טעאָדאָרן, אַזוי האָט געהייסן דאָס פּויערישע לערנייִנגל, מיט זייערע קענטענישן און נישט געלאָזט די מאַמע זאָל זיך מיט אים שאַפֿן ווי מען איז זיך נוהג מיט לערנייִנגלער.

טעאָדאָר האָט זיך גיך אויסגעלערנט די מלאכה, פֿלײַסיק געאַרבעט, האָט זיך גיך אויסגעלערנט ייִדיש און ווען אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען אַ וואַנדערנדיקע ייִדישע טרופּע, איז מיט די שנײַדערלעך מיטגעגאַנגען אין ייִדישן טעאַטער אַרײַן אויך טעאָדאָר. מען האָט גראָד געשפּילט „טבֿיה דער מילכיקער" פֿון שלום עליכם, ווען די טרופּע איז אַוועקגעפֿאָרן איז טעאָדאָרן פֿאַרבליבן דער נאָמען טבֿיה, וואָס ייִדן רעדט ער זיך אַרויס גרינגער ווי טעאָדאָר. ווען די שנײַדערס האָבן פֿאַרשטרײַקט קעגן טאַטן, האָט „טבֿיה" מיטגעשטרײַקט. „וואָס בין איך עס, האָט ער געטענהט, אַ באַנציע שווײַג, וואָס לאָזט זיך שפּײַען אין דער קאַשע ?"

ווען די מוטער זײַנע איז איין מאָל געקומען אים באַזוכן און געזען, אַז איבער זײַן בעט הענגט נישט קיין הייליק בילד, קיין איקאָנע, האָט זי אים געמאַכט אַן אויסרייד אין דער אָנוועזנהייט פֿון זײַנע ייִדישע חבֿרים. „וואָס ווילט איר ? — האָט ער נאָך איר אַוועקגיין, זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דער חבֿרה — מײַן מאַמע איז אַ נאַרישע ייִדענע".

וועגן זײַן טויט אין ערשטן יאָר פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה זענען אומגעגאַנגען פֿאַרשידענע ווערסיעס. לויט איינער האָט מען טעאָדאָר קאַזשאַקאַרון געכאַפּט צוזאַמען מיט זײַנע ייִדישע חבֿרים און צוזאַמען מיט זיי אים געטריבן צום טויט און אים איז נישט אײַנגעפֿאַלן צו לייקענען, צו זאָגן דעם אמת, אַז ער איז נישט קיין ייִד. ער האָט זיך געפֿילט ווי אַ הונדערטפּראָצענטיקער ייִד, נאָר ווו איז די מאָס, מיט וועלכער איינער קען מעסטן, וואָס אַ צווייטער פֿילט ? לויט אַן אַנדער ווערסיע האָט ער עס יאָ געזאָגט, נאָר מ'האָט עס אים נישט געגלייבט. לויט אַ דריטער ווערסיע

האָט אים דערשאָסן איינער פֿון זײַנע ברידער, װעלכער האָט זיכער געוווּסט װער ער איז.

קען אויך זײַן, אַז אַלע דרײַ װערסיעס זענען אמת — אי ער האָט זיך געפֿילט װי אַ ייִד, אי ער האָט געפּרוּװט װי אַ סך ייִדן עס אויסבאַהאַלטן און זיך ראַטעווען און אי זײַן אייגענער ברודער האָט אים נישט געגלייבט און דערשאָסן.

מײַן עלטערזיידע זוסיע

אין מאַרקולעשט, איינע פֿון די באַסאַראַבער ייִדישע קאָלאָניעס, איז מײַן עלטערזיידע זוסיע געווען איינער פֿון די ערשטע קאָלאָניסטן. װען איך האָב אָנגעהויבן אים צו געדענקען איז ער שוין געווען קרובֿ די נײַנציק. מײַן באָבע שׂרה, די קיטראָסער שוחטקע, איז געווען זײַן בכורה. אין זײַן הויז, װוּ ער האָט שוין געהאַט בלויז אַ ווינקל מיט אַ געלעגער האָט געוווינט איינע פֿון זײַנע טעכטער, זײַן טאָכטער טויבע סוסליק מיט איר גרויסער משפּחה. עסן פֿלעגט ער בײַ זײַן ייִנגסטן זון אַרן (אהרון), װעמעס גרויס הויז מיט דער גרויסער קלייט פֿון כּלים און געפּעסן איז געשטאַנען בשכנות. הינטערן דאָזיקן הויז איז געשטאַנען דאָס הײַזל פֿון שלמהן, איינער פֿון עלטערזיידנס זין און אַרנס עלטערע ברידער און אין דער זעלבער ריי הינטער טויבעס הויז איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון איר עלטסטן זון אַבֿרהם און אין דער מיט צווישן אָט די הײַזער און הײַזלעך איז געווען אַ גרויסער הויף, װוּ דער עלטערזיידע פֿלעגט אין װאַרעמע טעג זיצן אויף אַ באַנק, זיך װאַרעמען און אָפּט כאַפּן אַ לײַכטן דרעמל. זײַנע קלענערע אייניקלעך און מיר די עלטערע אוראייניקלעך זענען געווען כּמעט אין איין עלטער, זיך געפֿילט װי פֿון זעלבן דור, זיך געחבֿרט, געשפּילט אין מלחמות, מיט די שוועסטערלעך און שוועסטער-קינדלעך געשפּילט אין טאַטע-מאַמע, אַרומגעוויוועט און אויפֿגעהויבן מיט אונדזערע קינדערישע געשרייען דעם הויף ביזן הימל. ער פֿלעגט האַלב עפֿענען די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, מײַן עלטערזיידע, און מיט זײַן שוואַכן קול אויף אונדז אָנשרײַען:

שאָלטיקעס, װאָס װויוועט איר אַזוי, װאָס רוט איר נישט אײַן? קוקט אויף מיר, װי איך זיץ מיר ספּאָקוינע (רויִק).

זוסיע לייבעלעס, אַזוי האָט מען אים גערופֿן אין דער קאָלאָניע, זוסיע לייבעלעס האָט שטאַרק ליב געהאַט ערד-אַרבעט. ערד-אַרבעט האָט ער ממש פֿאַרגעטערט. אַלע אַנדערע אַרבעטן האָבן זיך נישט גערעכנט בײַ אים פֿאַר קיין אַרבעט. זיך גערעכנט שיער נישט פֿאַר עבודה זרה.

ווען זײַן אייגענעם זון, וועגן זײַן אָרענען, וואָס האָט קיין גערונגענע פּאַרקויפֿערס אין זײַן קלייט פֿון כּלים נישט געהאַלטן, נאָר אַליין מיט ווײַב און קינדער אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן טאָג ביז אין דער נאַכט אַרײַן און באַדינט די קונים, די היגע ייִדן און די גויים פֿון די אַרומיקע דערפֿער, פֿלעגט ער זאָגן:

דאָס טוען זיי, ווײַל זיי ווילן נישט אַרבעטן.

ווען איינער פֿון זײַנע פּילצאַליקע אייניקלעך איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בעלגיע צי קיין איטאַליע שטודירן מעדיצין, לערנען אויף דאָקטער, האָט ער געזאָגט:

דאָס לערנט ער, ווײַל ער וויל נישט אַרבעטן.

ווען זײַן לאַנגיאָריקן שכן דעם בעקער, וואָס ער מיט זײַנע אַרבעטער האָבן געקנעטן די גרויסע מולטערס טייג און אײַנגעזעצט בײַ נאַכט אין אויסגעהייצטן אויוון די ברויטן און דערנאָך, פֿאַר טאָג, מיט די לאָפּעטעס זיי אַרויסגעשלעפּט, האָט ער אויך געזאָגט, אַז דאָס טוען זיי, ווײַל זיי ווילן נישט אַרבעטן. און מיט וואָס זענען שנײַדערס, סטאָליערס, שוסטערס, רימערס, קאָוואַליעס און סטעלמאַכס בעסער פֿון בעקערס? פֿון קרעמערס איז דאָך אָפּגערעדט. יענע קויפֿן פּאַרטיקע סחורה און פֿאַרקויפֿן פּאַרטיקע סחורה, אַרבעטן זיי דאָך אַוודאי נישט.

דעם אייניציקן וועמען ער האָט פֿון ערד-אַרבעט און פֿון אַרבעט בכלל באַפֿרײַט איז געווען דער רבֿ פֿון דער קאָלאָניע, נאָר ווען ער האָט געהערט, אַז דעם רבֿס צוויי ייִנגלעך מיט נאָך אַ ייִנגל זענען אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ אין אַ ישיבֿה לערנען, האָט ער געפֿרעגט:

צוליב וואָס דאַרף מען אַזוי פֿיל רבנים?

ווען זײַן לוויה געדענק איך, ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 93 יאָר, אַנדערע האָבן געזאָגט אַז אַ סך עלטער. מײַן מאַמע געדענק איך האָט מיך געבראַכט צום איבערגעדעקטן מת, אַרויסגענומען זײַן טויטע האַנט און מיט איר מיר אַרומגעקרײַזט, מיר אַרומגעשטראָכן מײַן קעסאַקע אויג. צי האָט מיר געהאָלפֿן די דאָזיקע סגולה, צי די צײַט, ווייס איך נישט. אין גאַנצן נישט קעסאַקע בין איך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט, נאָר ביז הײַנט צו טאָג פֿיל איך נאָך דעם באַריר פֿון זײַן קאַלטער האַנט און ביז הײַנט איז מיר וואָרעם דערפֿון.

אין יאָרן אַרום איז מאַרקולעשט געוואָרן סאָוועטיש און נאָך דער מלחמה מיטן דײַטש, ימח שמו, איז געוואָרן אין גאַנצן אויס מאַרקולעשט און איך האָב זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ, ווו כ׳האָב זינט יאָרן געוווינט. מײַנער אַ שכן אַ סטאָליער האָט זיך מיר געקלאָגט אויפֿן קליינעם לוין, וואָס ער באַקומט פֿאַר זײַן אַרבעט. פֿאַר וואָס די נאַטשאַלניקעס, האָט ער געטענהט, און דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר באַקומען אַ סך מער פֿון מיר פֿאַר מײַן שווערער אַרבעט.

זייער אַרבעט רעכנט זיך פֿאַר קאָפּ-אַרבעט, פֿאַר אינטעלעקטועלער אַרבעט און צאָלט זיך מערער, האָב איך אים געזאָגט.

קאָפּ-אַרבעט? האָט ער איבערגעחזרט, און אויף צוצופּאַסן אַ טיר פּינקטלעך אין דער ראַם, דאַרף מען, מיינט איר, קיין קאָפּ נישט האָבן? און דער גלעזער בײַם צושנײַדן אַ שויב דאַרף קיין קאָפּ נישט האָבן? און דער שנײַדער אויף צוצושנײַדן לויט דער מאָס אַ פּאָר פּראָסטע הויזן אַפֿילו, טוט עס מיט די הוילע הענט מיינט איר? און אויף צו לייענען אונדז אַן אַרטיקל פֿון דער "פּראַוודאַ", וואָס דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי לייענט אונדז אַ מאָל, דאַרף מען מיינט איר מערער קאָפּ? מיר דאַכט זיך, לאָזט ער אויס, אַז וויינִיקער.

אָט האָסטו דיר מײַן עלטערזיידן, האָב איך מיר געטראַכט. וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען ער זעט זײַנע ערד-אַרבעטער, די קאַלכאָזניקעס פֿאַרדינען נאָך וויניקער פֿונעם סטאָליער, גלעזער, שנײַדער, וועמעס אַרבעט ער האָט אין זײַן צײַט נישט גערעכנט פֿאַר קיין אַרבעט? און צי וואָלט איך דערפֿון אַצינד געטראַכט, ווען איך האָב נישט אַזאַ עלטערזיידן? אָפּט פֿאַלעמיזיר איך מיט אים אין געדאַנק און איך פֿרעג אים, צי אַ קאָוואַל, וואָס איז טאַקע נישט קיין ערד-אַרבעטער נאָר איז זיך מטפּל מיט די אַקער-אײַזנס פֿון די פּויערים צי מעג ער דען נישט זאָגן וועגן זיך — אויך איך האָב געאַקערט!? דאָס זעלבע דער רימער וואָס האָט צוגעגרייט דעם געשפּאַן צום אַקער, דאָס זעלבע דער שנײַדער, וואָס טוט אָן דעם אַקערער און דער שוסטער, וואָס באַשוכט אים.

אַצינד, אַז איך קום אַ מאָל אויף אַ מסיבה פֿון דעם אירגון יוצאי מרקולשטי אין לאָקאַל פֿון בני ברית אין תל אביב און טרעף זיך און רעד מיט מײַנע בני עיר און בני דור הער איך אָפּט אַרויס פֿון זיי גלגולים פֿון מײַן עלטערזיידנס זוסיעס מיינונגען און איך הייב אָן שיער שיער מיט זיי צו פֿאָלעמיזירן:

טײַערע אייניקלעך און אור אור אוראייניקלעך פֿון די מאַרקולעשטער קאַלאָניסטן ערד-אַרבעטער, פֿון די מאַרקולעשטער שנײַדערס און שוסטערס, סטאָליערס און שמידן, בעקערס און אַנדערע בעלי מלאכה, קרעמערס און קרעמערלעך, סוחרים און סוחרימלעך, שפּילט אין טאַטע-מאַמע און אין אַנדערע שפּילן, טומלט, וואָיוועט אין דעם הויף, ווו איך און אַזעלכע ווי איך זיצן אויף בענק ספּאָקאָינע, און הייבט אים אויף ביזן הימל!

3. סענטענצן

— פֿאַרוואָס זענען די ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַזוי גיך איבערגעגאַנגען צו ענגליש ?

— ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, די גויים זאָלן, חלילה, נישט אָנהייבן צו רעדן . . . ייִדיש.

*

ווער סע פֿאַרגעסט זײַן מאַמע-לשון, פֿאַרלירט זײַנע קינדער-יאָרן.

*

דאָס בעסטע פּלאַץ פֿאַר אַ ייִדן צו זײַן אַן אינטערנאַציאָנאַליסט איז נאָר צווישן ייִדן.

*

— וואָס וועט זײַן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט, חלילה, אונטערגיין ?

— וועט בלײַבן איבער אַ האַלבער וועלט מיט . . . אַסימילירטע ייִדן.

*

צווישן די ייִדן זענען פֿאַראַן אַ 13-12 מיליאָן, וועלכע זענען נישט ענלעך צו קיין ייִדן און צווישן די גויים — אַ 300-200 מיליאָן, וועלכע זענען ענלעך צו ייִדן.

*

לויט זיגמונד פֿרויד איז משה רבינו געווען אַ מצרישער פּרינץ. אויב אַזוי איז אַהרן, זײַן עלטערער ברודער, געווען, מסתּמא, דער מצרישער קרוינפּרינץ.

*

דאָס בעסטע פּלאַץ פֿאַר אַ ייִדן נישט צו זײַן קיין ציוניסט איז . . . ארץ ישׂראל.

*

די ייִדישע קאָלאָניעס אין באַסאַראַביע און אין קרים, אין די געגנטן פֿון כערסאָן און ניקאָלאַיעוו, אין בירע-בידזשאַן און אין אַרגענטינע און

מסתּמא ערגעץ נאָך אין אונדזער גרויסן און לאַנגן גלות, וועלכע פּריער און וועלכע שפּעטער, צי איז דאָס נישט אַלץ אַ מין ציוניזם אויף דער לינקער זײַט ?

*

דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין רעזולטאַט פֿון אונדזערע חסרונות, ווי די משׂכּילים האָבן געמיינט, פֿון אונדזער אָפּגעשטאַנענקייט, פֿון אונדזער אַנדערשקייט, נאָר פֿון אונדזער גלות. קיין אַנדערע סעמיטן חוץ די ייִדן, האָבן פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם נישט געליטן און זיי לײַדן נישט.

*

בכל דור ודור שמדן זיך אָדער אַסימילירן זיך אַ סך ייִדן און נאָך מער ווערן געשמדט און בלויז אַ קליינע מינדערהייט בלײַבט. סע קען דאָך נישט בלײַבן די וועלט אָן אַזאַ טײַערן "אוצר" ווי אַנטיסעמיטיזם.

*

נישטאָ קיין שענער אָרט אין דער וועלט-געשיכטע ווי אַ שיין אָרט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק.

*

וואָס עלטער אַ פֿאָלק איז, אַלץ מערער קבֿרים האָט עס. מיר זענען טאָקע עלטער, אָבער זיי זענען מערער און אין דער ברייטעסטער דעמאָ-קראַטיע האָבן נישט די מתים קיין וואַל-רעכט.

*

אַ דיקטאַטור דאַרף אַ שטאַרקע אַרמיי. אַ דעמאָקראַטיע — נאָך אַ שטאַרקערע.

*

— פֿאַר וואָס וויל מען אין ישׂראל אַ נײַעם וואַל-סיסטעם ?
— מע זאָל האָבן נאָך וואָס צו בענקען.

*

דער קאָדעקס דרייט דאָס געזעץ אַ מאָל אויף לינקס און אַ מאָל — אויף רעכטס.

*

ווען מע וואָלט אָנגענומען אַ געזעץ, אַז וואַסער צו טרינקען איז

שטרענג פֿאַרבאָטן, וואָלטן מיר אַלע אַראָפּ אין אונטערגרונט און געוואָרן פֿאַרברעכער, וואָס זענען עובֿר אויפֿן געזעץ.

*

דעמאָקראַטיע — ס'איז יעדער פֿרײַ צו חלומען, וואָס נאָר סע חלומט זיך אים.

*

דאָס גאַנצע קריסטנטום האַלט זיך אויף איין מענטשן — אויף... יהודה איש קריות. רעהאַביליטירט אים. אָדער אַמנעסטירט אים, נעמט פֿון אים אַראָפּ די שולד צו פֿאַרקויפֿן ישון און אויס מיטן קריסטנטום.

*

פֿון וועלכער שפּראַך איז איבערזעצט געוואָרן די עוואַנגעליע אין רוסיש, ווייס איך נישט (אַנדערע ווייסן יאָ), נאָר אָט ווי אַזוי זי קלינגט, ווען מען איבערזעצט זי פֿון רוסיש:
ווערמען איך בין שולדיק און קעגן וועמען איך האָב געזינדיקט בין איך אַלעמען מוחל.

*

ווען הבֿל וואָלט געווען גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן קינס קלאַפּ, וואָלט קין קיין מערדער נישט געווען.

*

שלח לחמך על פּני המים — דאָ ווערט געמיינט אַ שבתדיקע חלה, ווײַל ברויט איז שווער און זינקט אַראָפּ.

*

די אַפּיקורסים גלייבן נישט, אַז די תּורה איז מן השמים. זיי האַלטן, אַז די תּורה, דעם גאַנצן תּנ״ך און אַוודאי און אַוודאי די תּורה שבעל פּה האָבן געשאַפֿן די ייִדן אַליין. אַזעלכע נאַציאָנאַליסטן, אַזעלכע שאָוויניסטן די אַפּיקורסים, אַזעלכע אתּה בחרתּנוקעס!

*

וועגן אַפּיקורסים — אַ ייִדישער אַפּיקורס עסט אָן אַ היטל, אַ קריסט-לעכער אַפּיקורס עסט אין אַ היטל און אַ מוסולמענישער אַפּיקורס מאַכט אַ לחיים מיט די ערשטע צוויי פֿונעם סאַמע בעסטן פֿראַנצייזישן קאָניאַק.

*

דער סאַמע ערשטער אַפּיקורס (מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר פֿאַרן גריכישן עפּיקור) איז געווען אַבֿרהם אָבֿינו. ער איז געווען דער אַפּיקורס של תּורת תּרח.

*

דער רבונו של עולם האָט נישט צוגעזאָגט די גריכן — גריכנלאַנד, די יאַפּאַנער — יאַפּאַן, די רוסן — רוסלאַנד א. אַ. וו. בלויז אונדז ייִדן האָט ער מזכּה געווען מיט אַ צוגעזאָגט לאַנד, פֿאַר וועלכן מיר האָבן באַצאָלט מיט צוויי גלותן. דעם צווייטן פֿון צוויי טויזנט יאָר.

*

די ירדנער וואַרפֿן אָפּ מיט הענט און מיט פֿיס, ווען עמעצער פּרוּווט אָנרופֿן די ירדן-מדינה מיטן נאָמען פּאַלעסטינע, אָדער אַ טייל פֿון פּאַלעס-טינע. אויך דעמלט, ווען דער מערבֿ-ברעג פֿונעם ירדן-טײַך איז געווען אין זייערע הענט און פֿון טראַנסיאָרדאַניע איז אַ דאַנק דעם געוואָרן יאָרדאַניע, איז עס אויך נישט געווען פּאַלעסטינע. פֿאַרוואָס ?

ווײַל ס׳איז נאָך דאָרט נישט געווען קיין התישבות און ס׳האָבן נאָך דאָרט נישט געלעבט קיין ייִדן.

*

אַ שלעכטער זשורנאַליסט, זאָגט מען, איז דער פֿערטער זון פֿון דער הגדה של פּסח — שאינו יודע לשאול (וועלכער ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס צו פֿרעגן).

און וואָס הייסט אַ גוטער זשורנאַליסט ? — דער וועלכער ווייסט, וואָס נישט צו פֿרעגן.

*

אַ דיכטער איז טאַקע פֿון גאָט געשיקט, נאָר פֿון קיינעם פֿריער ניט באַשטעלט און ניט פֿאַרבעטן.

*

אַ שרײַבער איז נישט דאָס, וואָס מע שרײַבט וועגן אים, נאָר דאָס, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן.

*

— פֿיר מעלות דאַרף האָבן אַ שרײַבער.

— נאָר דרײַ, ענטפֿערט אַ צווייטער, און דערמיט זענען אויסגעשעפּט אַלע שרײַבערישע מעלות.

— פֿיר.

— דריי.

האָט מען זיך געוועט און דער ערשטער האָט אָנגעהויבן אויסצו־רעכענען:

— ערשטנס דאַרף אַ שרײַבער קענען שרײַבן.

— פֿאַרשפּילט, שרײַט אויס דער צווייטער. אין דער אַ מעלה האָב איך אין גאַנצן פֿאַרגעסן.

*

ס'האָט אַ מאָל איינער זיך אַזוי פֿאַרכלינעט פֿון גאָטס וווּנדער, אַז ער האָט אויסגערופֿן:

— דער רבונו של עולם איז ממש אַ גאון.

*

די אמתע ווערט פֿון אַ היסטאָרישן ראָמאַן צי פֿון אַ היסטאָרישער דערציילונג וועט ערשט ווײַזן די צײַט.

*

אין גרונט זענען אַלע ווערטער געגראַמטע, נאָר די מענטשן בײַם רעדן צעגראַמען זיי.

*

אויב דו האָסט אַ חבֿר, וואָס בשעת דו שטייסט בײַ אַ ליידיקן שטול און דו וואַרטסט, די באַלעבאָסטע זאָל דיך בעטן זיצן, זעצט ער זיך, דער חבֿר דײַנער, דערווײַל אַוועק אויפֿן זעלבן שטול, גיי נישט מער מיט אַזאַ חבֿר צו גאַסט.

*

פֿאַראַן געסט, וואָס מע דאַרף זיי דאָס גלאָז, מיט וועלכן דו ביסט זיי מכבד, אָנגיסן פֿול מיטן אויג, ווײַל אַנדערש וועלן זיי נאָכן אויסטרינקען דיר געדענקען נאָר דאָס דינענקע ליידיקע פּאָסיקל.

*

אויפֿן וועג איז געלעגן אַ פֿאַרזשאַווערטער אויסגעקרומטער צוויאָק, האָב איך אים אויפֿגעהויבן.

— ביסט ווי אַ פּויער האָט מיר מײַן מיטגייער געוווּסט צו זאָגן.

אַ ביסל ווײַטער בײַ דער זײַט פֿון וועג איז געשטאַנען אַ מיסט־קאַסטן, האָב איך דעם צוויאָק אַהין אַרײַנגעוואָרפֿן.

מייַן מיטגייער האָט מער נישט געוווּסט, מיר וואָס צו זאָגן.

*

אויף צו זינגען שיר המעלות דאַרף מען שטיין אויף דער ערד. אין חלל איז נישטאָ קיין אויבן — אונטן.

*

צווישן צוויי הונדערט טרעפּ וועסטו אַפּילו קיין צוויי נישט טרעפֿן אויף דער זעלבער הייך.

*

אויס מורא צו דעזערטירן ווערן די סאָלדאַטן אין די שלאַכטן גע-הרגעט.

*

מע זאָגט, אַז אַלע פֿעלדמאַנס אין דער וועלט — אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, אין פּוילן און אין אַרגענטינע, אין ישׂראל און אין באַסאַראַביע — זענען קרובֿים איינע מיט די אַנדערע. אַזוי אויך די גרינבערגס און די אַקערמאַנס. אַזוי אויך די קאַגאַנס פֿון רוסלאַנד און די כּהנס פֿון מאַראָקאָ, די לוויס פֿון עיראַק און די לעוויטס פֿון רומעניע, בלויז די שמירס פֿון ישׂראל קערן זיך נישט אָן איינע מיט די אַנדערע.

*

ווען אויפֿן לעצטן אַלוועלטלעכן פֿוטבאָל-פֿאַרמעסט — "מאָנדיאַל 1990" אין איטאַליע — האָט די אַרגענטינער פֿוטבאָל-מאַנשאַפֿט אין שפּיץ מיטן באַוווּסטן מאַראַדאָנאַ אַרייַנגעשאָסן אַ גאָל אין טויער פֿונעם בראַ-זיליאַנער פֿוטבאָל-אַנסאַמבל, אָדער פֿוטבאָל-באַלעט, האָב איך מיר גע-טראַכט, אַז קונסט לשם קונסט טויג טאַקע נישט, נאָר... קיין אַנדער קונסט איז דערווייַלע נישטאָ.

*

לייַדער געדענק איך שוין נישט, ווער פֿון מייַנע מיטגייערס אויף דער אָבליגאַטאָרישער **ו**טער מאַי-מאַניפֿעסטאַציע בשעתו אין טשערנאָוויץ ס'האָט מיר אייַנגערוימט שטילערהייט, אַז בעת דער שקלאַפֿנבאַזיצערישער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג זענען שקלאַפֿן-רעוואָלוציאָנערן אַרויס מיט אַ לאָזונג — **זאָל לעבן דער פֿעאָדאַליזם, די גליקלעכע צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייַט**. צי האָט מייַן מיטגייער עס ערגעץ געלייענט, פֿון ערגעץ ציטירט, ווייס איך נישט. געקלונגען האָט עס ווי אַ פּאַראָדיע, וואָס האָט

אונדז אויף דער מאַניפֿעסטאַציע געפּלאַטערט פֿאַר די אויגן — **זאָל לעבן דער קאָמוניזם, די ליכטיקע צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט.** ליידער געדענק איך נישט דעם נאָמען פֿון מיין מיטגייער, איך זאָל קענען מקיים זיין דעם — **האומר בשם אומרו.**

*

— דער מאַרקסיזם איז אַ טעאָריע, וואָס לאָזט זיך זייער לייכט דרייען און איבערדרייען אין אַלע זייטן.

— נו און די אַנדערע טעאָריעס?

— אויך אַזוי.

*

אַ נאָדל אין אַ וואָגן שטרוי דאַרף מען נישט זוכן איבערן גאַנצן וואָגן.

— ווו דען?

נאָר אויף יענעם קליינעם אָרט, ווו זי געפֿינט זיך.

*

אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש איז דאָס שטרוי באַזונדער און די לע־כעלעך באַזונדער.

*

שוין אַזאַ טבֿע ביי מיר — אַפֿילו אַ באַשריבן שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך דאַרף עס נישט אין גאַנצן, קאָרעגיר איך פֿריער אויס די גרייזן דערפֿון, איידער איך וואַרף עס אַוועק. נו און ער?

ער, אַז ער וואַרפֿט עפּעס אַרויס אין מיסט־קאַסטן, שטעלט ער איבערן מיסט־קאַסטן אַוועק אַ שמירה.

*

איעדער ליגן האָט אַ שומר ראש.

*

ליגנערס זענען די, וואָס פֿוילן זיך צו זאָגן דעם אמת. דעם אמת צו זאָגן איז פֿאַר זיי אַ שווערע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, וואָס פֿאָדערט צו פֿיל מי.

*

ער רעדט צו פּאַוואָליע און מיט צו פֿיל איבעריקע ווערטער.

*

ער האָט אָנגעהויבן דעם בנין צו בויען פֿונעם דאַך און ביז הײַנט פֿון דאָרט נישט אַראָפּגעקראָכן.

*

גם אלוהים רק אחרי שברא את האור, ראה כי טוב ולא לפני זה.

*

די גרעסטע אַנטדעקונג איז די צײַט. די גרעסטע דערפֿינדונג איז דער זייגער.

*

— וואָס הייסט אָריגינעלקייט?
— ווען אַלע גייען אָרום אויף די הענט, געפֿינט זיך איינער אַן אָריגינאַל, וואָס הייבט אָן צו גיין אויף די פֿיס.

*

פֿאַראַן ליטעראַריש-קינסטלערישע ווערק, וואָס פֿאַרן רעדאַקטער זענען זיי גוט, דרוק-פֿעיִק, פֿאַרן קריטיקער — פֿול מיט מעלות און אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, נאָר פֿאַרן לייענער טויגן זיי נישט.

*

דער אונטערגאַנג פֿון יידישן פֿאָלק איז נישט געווען סטאַלינס נבֿואה, נאָר זײַן פּאַרלאַנג און זײַן פּלאַן.

*

ישו איז נישט געווען דער ערשטער אומגעבראַכטער ייִד און, ווי מיר ווייסן, לײַדער, נישט דער לעצטער.

*

צו דרײַצן יאָר איז ער געוואָרן בר מצווה. צו 17 — אַ בעל עבירה און צו 70 — אַ בעל תשובה.

*

די גרעסטע אינטערנאַציאָנאַליסטן, זאָגט מען, זענען גנבֿים, זונות, שמוגלאַרעס, געלט-פֿעלשער און בכלל אונטערוועלט-מענטשן. בלויז דעם

אַראַבישן נאַציאָנאַליזם איז געלונגען צו ווערבירן אין זײַנע רייען אויך די אַראַבישע זונות.

*

כ׳האָב געהאַלטן אין מיטן פֿאַרליבן זיך אין אים.

— נו?

— איז ער מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און אויסגעבאַפּט פֿריער.

— נו?

— האָב איך אים אַרויסגעטריבן דעם חוצפּהניק.

*

אַזוי לאַנג ווי קדיש נאָך ייִדיש זאָגט מען אויף ייִדיש, איז ייִדיש נישט קיין מת.

*

אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב, האָט געזאָגט קהלת.

אַ לעבעדיקן טערק איז בעסער ווי אַ טויטן ייִדן, האָט זיך געטראַכט שבתאי-צבֿי, נאָר בעסער פֿון אַלץ איז אין ערשטן פֿאַל אַ לעבעדיקער לייב און אין צווייטן — אַ לעבעדיקער ייִד.

*

די אַסאָציאַציעס רעדאַגירן אונדז די זכרונות.

*

אויף צו פֿאַרשטיין דאַרף מען נישט טראַכטן און אַ מאָל אויף נישט צו פֿאַרשטיין דאַרף מען אויך טראַכטן.

*

יעדער פֿלייש-עסער איז אַ שוחט.

*

ווי גרענעצלאָז די היפּערבאָלע, די גוזמא אין דער דיכטונג, זאָל נישט זײַן, טאָר זי נישט אַריבער די גרענעץ צו דער דעמאַגאָגיע, צום שטח, צו דער טעריטאָריע פֿון דער פּאָליטיק.

*

אָפֿט איז די נאַטור אַליין אומנאַטירלעך. אַזוי דאַכט זיך אונדז.

*

אַ דיסקוסיע איז אַ שלעכטע קאָמפּאָזיציע אימפּראָוויזירט פֿון אַ כאָר פֿון פֿאַרשידענע קולות, וואָס שרײַען איינס דאָס אַנדערע איבער.

*

דאָס ראָד פֿון דער געשיכטע פֿאַרשפּאַרט מען צוריק צו דרייען. סע פֿאַרט נישט, סע דרייט זיך אין דער לופֿטן און קומט אַלע מאָל צום אַלטן און דרייט זיך ווײַטער און קומט ווידער צום אַלטן און דרייט זיך ווײַטער.

*

— מיט וואָס טיילן זיך אויס די רעוואָלוציאָנערן פֿון די אונטערוועלט-מענטשן ?

— די רעוואָלוציאָנערן זענען אונטערערד-מענטשן.

*

די ישיבֿה-בחורים זאָגן בײַם דאַווענען: **אתה בחרתנו מכל העמים ואותנו מכל העם!**

*

— צי וואָלט ניט געווען בעסער, ווען דער מענטש ווייסט ניט פֿון פֿריער, אַז ער דאַרף שטאַרבן ?

— און אַז ער וועט פֿאַרט שטאַרבן ?

— וועט ער ווײַטער נישט ווייסן.

*

קער זיך נישט אום נאָך דער פֿאַרלוירענער צײַט.

*

דער אמת, זאָגט מען, שווימט אַרויף ווי בוימל אויפֿן וואַסער, נאָר אין מאַרקולעשט האָט מען פֿריער געדאַרפֿט די וואַסער אַרויפֿציען מיט שטריק אָדער מיט קייטן אין עמערס פֿונעם ברונעם.

*

— וואָס איז איבעריק אין דאָזיקן טעקסט ?

— די ווערטער.

*

אַ שרײַבער דרייט נישט מיט דער צונג. אַ שרײַבער דרייט מיט דער פּען.

*

זי, ווען זי שרײַבט אָן אַ ליד אויף אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר, גלעט זי עס אַזוי לאַנג, ביז סע ווערט גלאַט.

*

אויף יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס, זעצט ער זיך אַליין אַרויף, כּדי סע זאָל וועגן מערער.

*

וואָס מער השפּעות אויף אַ שרײַבער, אַלץ מער אָריגינעל איז ער.

*

די לייענערס לייענען און די שרײַבערס אַליין לייענען אויך, נאָר וואָס טוען די לייענערס, פֿרעגט אַ שרײַבער, מיט דער צײַט, וואָס איך גיב אַוועק בײַם שרײַבן?

*

— וואָס אַזוינס פֿאַרמאָגן די בילדער סײַ די פֿאָטאָגראַפֿירטע, סײַ די קינסטלעריש-געמאָלטע, וואָס די בילדער אין דער נאַטור פֿאַרמאָגן נישט?
— די ראַמלעך.

*

אַ ראַמל קאָן מאַכן דאָס סאַמע רעאַל און געטרײַ געצייכנט אָדער געמאָלט בילד פֿאַר אַ ליגן. וואָס קלענער דאָס ראַמל, אַלץ גרעסער דער ליגן.

*

זיי באַשולדיקן אונדז, אַז מיר האָבן געהרגעט גאָטס זון — ישוּן. און זיי אַליין האָבן געהרגעט דעם פֿאָטער.

*

סע וועט נישט זײַן קיין טעות, אויב מע וועט די אַזוי גערופֿענע מענטאַ-ליטעט פֿון דעם אָדער יענעם פֿאָלק צושרײַבן צון אַלע אַנדערע פֿעלקער.

*

דאָס קריסטנטום איז די זעלבע רעליגיע, וואָס די ייִדישע, נאָר פֿון דער צווייטער האַנט.

*

אַ קאַאַליציע פֿון עטלעכע צענדליק שפּראַכן האָבן געשטורעמט דעם בבֿל-טורעם אין אָנהייב 1991.

*

דעם ליגנדיקן איז גרינגער צו שלאָגן.

*

אַן אײַנגערעדטע קרענק איז נאָך אַלץ בעסער ווי אַן אמתע. מע קען זי אַליין אויסהיילן.

*

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים נאָמינירט פֿאַר אַ... געניאַלן קינסטלער.

*

— פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל פֿאַרבאָטן?
— סע זאָלן זײַן וואָס מער עבֿירות.

*

ישעיהו האָט נבֿיאות געזאָגט — **וגר זאב עם כבש**, נאָר נישט אַ מענטש מיט אַ מענטשן.

*

— פֿאַר וואָס האָט דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן געאָרג בוש, נאָך דעם ווי ער האָט אָנגערופֿן דעם איראַקישן הערשער, סאַדאַם כוסיינען — צווייטער היטלער, אַ געפֿערלעכן פֿאַרן וועלט-שלום, און געעפֿנט אַ גרויסע מלחמה קעגן אים, זי נישט דערפֿירט ביזן סוף, נאָר געלאָזט דעם צווייטן היטלער סאַדאַם כוסיינען בײַ דער מאַכט אין איראַק?
— ווײַל ער האָט מורא געהאַט, דער רעפּובליקאַנער בוש, אַז אין איראַק זאָלן די דעמאָקראַטן נישט קומען צו דער מאַכט.

4. אויף מײַן חשבון

הערש סעגאַל

יונג ייִדישע דיכטונג אין רומעניע

—— אין די עטלעכע קליינע ביכעלעך און אין די פֿאַרשידענע פּע-ריאָדישע פּובליקאַציעס פֿון די לעצטע פֿינעף יאָר („טשערנ. בלעטער", „אויפֿגאַנג", „וואָך", „שויבן") האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דאָס דיכ-טערישע שאַפֿן פֿון ייִדיש יונג-רומעניע.

אויף געזונטער, רײַכער ייִדיש-ערד וואַקסט די בלום. און ווי גוט איז צו זען, אַז די בלום איז טאַקע פֿאַרוואָרצלט אין דער ערד, אינעם ייִדיש-לעבן פֿון באַסאַראַביע, בוקאָווינע, מאָלדאָווע און מאַראַמורעש. רײַך איז די ערד, ווײַל דאָס ייִדישע וואָרט און דער ייִדישער שטייגער איז בײַ אונדז רײַך. אין יעדער זשמעניע ייִדיש לעבן איז דאָ אַ סך קערנדלעך גאָלד. עלעמענט פֿון ייִדישקייט און ייִדישע גײַסטיקייט שפּראָצט אין אַלע ווינקלען.

אונדזער יונגע ייִדישע דיכטער-שאַפֿונג איז גרעסטנטיילס עלעמענ-טאַר: זי איז פֿאַרבונדן מיט אונדזער דאָיִקן לעבן. זי איז ענג פֿאַרקניפּט מיטן פֿאָלקס-שאַפֿן. און דערפֿאַר טראָגט זי אַ באַזונדערן קאָלאָריט, אַפֿילו דאָרט ווו זי דערוויַיטערט זיך שוין טעמאַטיש פֿון אונדזער שטייגער-לעבן. כּדי דאָס נאָכצווײַזן, וועל איך פּרוּוון אויסדרן דאָס דיכטערישע שאַפֿן פֿון ייִדיש יונג-רומעניע אין פֿיר טיילן:

1. היים און לאַנדשאַפֿט, 2. פֿאָלקס-מאָטיוון, 3. סאָציאַלע מאָטיוון און 4. קאָסמישע און אוניווערסאַלע מאָטיוון.

סע זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז די גרופּעס זענען נישט קיין האַרטע קעסטאַלעך און, סע פֿאַרשטייט זיך, אַז דיכטער באַהאַנדלטע אין איין גרופּע האָבן אויך לידער, וואָס געהערן צו אַ צווייטער גרופּע. אויך זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דאָ ווערן נישט געגעבן קיין אָפּשאַצונגען פֿונעם ווערט פֿון דער דיכטונג. סע גייט דאָ נאָר אין דעם אויפֿווײַזן די עקזיסטענץ און דעם כאַראַקטער פֿון דער יונג-ייִדישער דיכטער-שאַפֿונג אין רומעניע. און נאָך אַ באַמערקונג: בײַם אַרומטאַפּן און אַרומזוכן אין די צײַטשריפֿטן, איז זייער לײַכט געמאָלט, אַז מע געפֿינט אַ ליד, וואָס איז נישט פּונקט דאָס בעסטע און פּאַסיקסטע. אויך דאַרף מען אין אַכט נעמען, אַז דער אָדער יענער דיכטער האָט זיך אינעם לעצטן יאָר ווײַטער און אַנדערש אַנטוויקלט און אַז ס'זענען דאָ אַ סך יונגע דיכטער, וואָס כ'האָב זיי נישט אויפֿגענומען און נישט געקענט אויפֿנעמען, ווײַל זיי האָבן נאָך נישט גע-

פֿונען די מעגלעכקייט צו פּובליקירן. עטלעכע פֿערזן פֿון מ. כּאַראַץ און ז. באַרדיטשעווער האָב איך ציטירט פֿון נאָך נישט פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער.

1. היים און לאַנדשאַפֿט

מיר ייִדן ווױנען דאָ הונדערטער יאָרן. מיר זענען אַרײַנגעוואַקסן אין דער לאַנדשאַפֿט. מיר געהערן איר גאַנץ, מיר האָבן זי ליב. זי איז אונדזער היים. שטעטלעך און שטעט האָבן מיר אויפֿגעבויט, אויפֿן דאָרף מיטן פּויער צוזאַמען געלעבט און אין שטאָט מיט אים אויפֿן מאַרק געהאַנדלט.

ציען זיך קרומע און נאַקעטע וועגן
שלענגלען זיך שליאַכן אויף סטעפּעס,
רוען די שליאַכן זיך אָפּ אין די שטעטלעך,
וואָס דרעמלען און בענקען נאָך עפּעס.

ליגן אַזוי זיך די שטעטלשע שטיבער,
זינקען אין שטויביקער ענגשאַפֿט;
האָט יעדעס געסל אַ כאַפּטע מיט ייִנגען,
וואָס וועבן די טעג אויס אין בענקשאַפֿט.

און יעדן פֿאַרטאָג בײַם אַרײַנפֿאָר אין שטעטל
וואָרט מען אויף פֿורלעך מיט ווייץ און מיט קאָרן,
שלאָגט מען זיך איבער אַ פֿור מיט תּבֿואה
שפּריצן דאָרט פּויערישע אויגן מיט צאָרן.

דאָס זענען עטלעכע סטראָפֿעס פֿון הערץ ריווקינס „איבערברוך״. דאָס איז די לאַנדשאַפֿט, וואָס באַגלייט דעם דיכטער אויך אין דער שטאָט אַרײַן, וואָס לעבט טיף אין אים אויך אין גערויש פֿון גרויסשטאָטישע שטראָזן.

די וואָרעמקייט צאַרטע פֿון היימישע טענער,
די סטעפּישע רחבֿות פֿון דאָרפֿישע לידער

ווערט נישט פֿאַרשלונגען פֿון שטאָטישן רעש. און ווי אַ פֿרומער וועט ער תּמיד נאָך טובֿלען זײַן יעדעס געדיכט אינעם שײַן פֿונעם ליכט פֿון די פֿאַראומערטע טאַטעס און מאַמעס („ס׳איז אַלעס מיר פֿרעמד דאָ און דאָך אַזוי נאָענט...״).

מיט באַזונדערער ליבשאַפֿט שרײַבט יוסף טראַכטנבערג וועגן זײַן באַ־סאַראַבער היים. דאָ איז ליבשאַפֿט צו באַסאַראַבער ערד, צום פּויער, צום

ייִדן, צו דעם עם-הארצישן ייִד, וואָס וואַקסט אויף דער ערד באַגלײַך מיטן פּויער.

האָט אין דערפֿל געלעבט, אויף באַסאַראַבער ערד
אַ פּשוטער ייִד, גערופֿן האָט מען אים: "ייִדל מאָלדעוואַן"
און צווישן פּראָסטע מאָלדעוואַנעס, רויִק, אומגעשטערט
ווי ס'טעכלדיקע פּליסן, איז זיך זײַן לעבן פֿאַרגאַן.
ניט געלערנט אין חדר — וואָס האָט עס פּאַר אַ ווערט?

דאָס איז דאָס געזונטע עם-הארצישע באַסאַראַביע, וואָס שמעקט אַפּיר פֿון די ברייטע פֿערזן פֿון טראַכטנבערגס פּאָעמע. די טאַטעס און די מאַמעס זיצן אויף די פּריזבעס און הערן די מעשׂיות פֿון צדיקים, קיסרים און גזלנים און ס'אָטעמט פֿון אַרום מיט "דוינעם" אין ייִדישע פֿאָלקס-לידער.

פֿאַרציט איינער אַ ליד אויף אַ קול,
אַזאַ האַרציק און בענקענדיק געזאַנג
און ס'כאַפּן אַלע אונטער מיט אַ מאָל
און זינגען הילכיק און לאַנג.

רײַך איז דאָס לאַנד. פֿעלדער מיט ווייץ און קאָרן. ווײַטע וועגן פֿירן פֿון שטעטל צו שטעטל:

קומט פֿון ווײַטן אָן אַ וועג
און פֿאַרקערעוועט אַהער,
דרייט זיך דאָ אין מאַרק אַרײַן,
ווען די ווײַטקייט ווערט אים שווער.

אַזוי מאָלט מאיר כאַראַץ די לאַנדשאַפֿט. דער מאַרק איז דאָס וויכטיקסטע אינעם שטעטל. אויך ער איז אָבער איין גאַנץ מיט דעם וועג. מיט דער לאַנדשאַפֿט. ניטאָ דאָ קיין פֿרעמדס — די פּויערים און די ייִדן זענען אַרײַנגעוואַקסן אין דער לאַנדשאַפֿט. געהערן איר. זענען אירע טיילן.

שטייט אַ ייִדענע אויפֿן מאַרק
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן,
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן.

ווי וווּנדערלעך איז אין דעם ליד "אַ ייִדענע אויפֿן אָסיען-מאַרק" אַנטפּלעקט די איינהייט פֿון מענטש און נאַטור! נאָך מיר, די איינהייט און די אַרײַנגעוואַקסנקייט פֿון אונדזער ייִדיש לעבן אין דער נאַטור-לאַנדשאַפֿט. די ייִדענע

האָלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן
פֿול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאָסן שאַל באַהאַלטן.

אין דער בלאָטע טאָפּטשען גויעס,
גוייִם טרײַבן זייערע פֿערד.

לעבן מאַרק — די ייִדישע הײַזלעך מיט די קרומע ווענט, אינעווייניק דער אַלטער רעב משה מיט דער גרויער באָרד און קאַליע אויגן. שטייט אָנגעשפּאַרט ווי צוגעוואַקסן צו דער קרומער וואַנט און וויקלט רצועות אויף זײַן דאַרער האַנט און דורכן פֿענצטערל קוקט די אַלטע שול פֿון אַקעגן אַרײַן:

זי קוקט אין רעב משהס קאַליע אויגן,
די שול די אַלטע, גלײַך זי וואָלט פֿרעגן:

רעב משה, וואָס האָט איר זיך עפּעס פֿאַרטראַכט?
מיר זענען אַלט, נאָר דער פֿרילינג איז רײַך
און דער יונג, וואָס לויפֿט דאָרט, פֿײַפֿט און לאַכט
פֿון שטרויענעם דאַך, פֿון מיר און פֿון אײַך.
(רעב משה)

(„טשערנאָוויצער בלעטער" נומער 300, 23סטער דעצעמבער, 1937)

באַגריסונג פֿון יעקבֿ שטערנבערג

טײַערער מאיר כאַראַץ!

בײַ מיר אויפֿן טיש ליגן נישט אײַערע לידער — זיי זענען, לײַדער, נאָך נישט געזאַמלט אין אַ בוך. אײַער דיכטעריש געשטאַלט אָבער האָב איך פֿאַר מײַנע אויגן. עס פּאַסירט מערער מאָל פֿאַרקערט: דאָס לידער-בוך איז פֿאַראַן, נאָר דער דיכטער פֿעלט אין אים.

נאָר דאָס איז נישט דער איינציקער פּאַראַדאָקס, וואָס קומט מיר אין זינען איצט, בעת איך טראַכט וועגן אײַך אין שײַכות מיט אײַער 50-יאָריקן יובֿיליי. אַזוי, למשל, זאָג איך מיר, אַז אײַער קלוגע מוזע קליגלט זיך קיין מאָל נישט, רעזאַנירט נישט, איז, דאַנקען גאָט, פֿרײַ פֿון דעם מין נײַן מאָס רייד. און נאָך עפּעס, וואָס שײַנט אויסערלעך אפֿשר אויך פּאַראַדאָקסאַל:

דער דאָמינירנדיקער פֿאַנטאַסטישער עלעמענט, וואָס לעבט האַרמאָניש מיט דער קלוגשאַפֿט אין אײַער דיכטונג, דאָס שאַפֿט די פֿאָלקסטימלעך־מעשׂהדיקע אַטמאָספֿער, הגם אײַער ליד בלײַבט דורכאויס רעאַליסטיש און נעמט אַרײַן אין זײַן אײדעלן געוועב אויך דעם קלאָרן הײַנט.

פֿון דעם גאַנצן ייִדיש־רומענישן ליטעראַרישן נאָכוווּקס — איך רעד ביז אונדזער איבערפֿאַרן קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין 1940סטן יאָר — זענט איר געווען דער ייִנגסטער, דער „מיזיניק". גראָד דעמלט, ווען אײַער יונגע מוזע האָט ערשט געניטיקט זיך אין לערנען זיך פֿליִען, זענט איר איבער געלאָזן געוואָרן זיך אַליין אין די שווערע יאָרן פֿון דער שוידערלעכער מלחמה קעגן נאַציסטישן גוג־ומגוג. דאָס דערמאָן איך, כּדי צו קאָנסטאַטירן, אַז נישט פֿאַרלירנדיק גאָרנישט פֿונעם ייִדיש־רומענישן פּאָעטישן נוסח, האָט איר ווונדערלעך אַסימילירט פֿון דער גרויסער סאָוויעטישער ייִדישער דיכטונג דאָס, וואָס ס'איז געווען אייגן־באַשערט פֿאַר אײַך.

אין אָנהייב, דאַכט זיך, איז די סובטעלע און פֿלאַמיקע ליריק פֿון עזרא פֿינינבערג געווען אַ באַפֿרוכפּערנדיקער סטימול פֿאַר אײַער שאַפֿן, ווערנדיק אָבער רײַפֿער און רײַפֿער, האָט איר דערוואָרבן אײַער אייגענע אינטאָנאַציע, אייגענעם אינהאַלט, אייגענע פֿאָרם — אײַער בולט צום אויסדרוק געקומענעם אייגנאַרט.

מיט אײַך, מאיר כאַראַץ, איז צוגעקומען אין אונדזער פּאָעזיע נאָך אַ פֿאַרליבטער ריטער פֿון דער „גאָלדענער פּאַווע", נאָך אַ „גאָלדגרעבער" אין פֿאָלקס־געמיט, וואָס בלײַבט פּאָעטיש אומדערשעפּלעך.

איך מיין, אַז די נאָענטסטע באַרירונגס־פּונקטן אין דער הײַנטיקער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג האָט איר מיט מאָטל גרוביאַנען און מיט שיקע דריזן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, וואָס טיילט אײַך שאַרף פֿאַנאַנדער.

נאָר לאָמיר נישט אַריבערשפּרײַזן דעם גדר פֿון באַגריסונג. צום סוף וויל איך נאָך זאָגן, אַז פֿון אייניקע אײַערע פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער זע איך שוין אָנגעזאַמלט אין אײַך אַ נײַעם, פֿרישן פּאָעטישן רעזערוו, וואָס וויל נתגלה ווערן, מאָנט בײַ אײַך זײַן תּיקון. דאָס וועט אַוודאי נאָך מער באַרײַכערן אײַער פּאָליטרע, וואָס אויך הײַנט איז זי שיין און אונדז גענוג טײַער.

בלײַבט מיר נאָר איבער צו ווינטשן אײַך געזונט און צו בענטשן דעם יונגן פֿאַנאַטיזם, מיט וועלכן איר דינט דעם אַלטן אַפּאָלאָן

יעקב שטערנבערג

(פֿאָלקס־שטימע, וואַרשע, 22סטער סעפּטעמבער, 1962)

יאָסל לערנער / טשערנאָוויץ

אַ לויטערער קוואַל

(מאיר כאַראַץ — 50 יאָר אַלט)

אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָבן אויף די שפּאַלטן פֿון די „טשערנאָוויצער בלעטער" (וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען — דער טראַגיש-אומגעקומענער אין האַרעדענקער לאַגער — שמואל אבא סופֿר) זיך באַוויזן די שרײַבער-גרופּע „יונג-רומעניע". צו אָט דער גרופּע איז דער דיכטער מאיר כאַראַץ צוגעקומען דער לעצטער, געקומען מיט אַן אייגענעם וויאָלאָנטשעל און מיט אייגענער פּענדזל-און פּאַליטרע.

געקומען און אַ שפּיל געטאָן — און עס האָט זײַן אינסטרומענט אַרויסגעבראַכט פֿון זיך קלאַנגען דינע, איידעלע, פֿײַנע, גלעטנדיקע. גע-קומען און אַ מאָל געטאָן — און עס האָבן זיך אַ ווײַז געטאָן פֿאַרבן פֿון כּלערליי ניואַנסן — לײַכטע, דורכזיכטיקע, בונטע.

שוין אין זײַן ערשטן אָפּגעדרוקטן ליד „אַ ייִדענע אויפֿן אָסיען-מאַרק" האָט זיך באַלד געלאָזט הערן אַן אַנזאָג אויף אַ קרעפֿטיקן טאַלאַנט, מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו אַלץ, וואָס זײַן אויג, אויער און האַרץ האָבן אויפֿ-געכאַפּט. עס האָט זיך באַלד געלאָזט דערקענען די סבֿיבֿה און דער באָדן אויף וועלכן דער דיכטער איז אויסגעוואַקסן און אײַנגעוואָרצלט געווען און פֿון וואַנען ער הערט נישט אויף צו ציען יניקה און לויטערן זאַפֿט ביז הײַנט צו טאָג:

„מיט אַ בענקשאַפֿט ביז אַהין, ווו דער האָריזאָנט איז דין,
מיט אַ ליבשאַפֿט צו דער וועלט און צו יעדער שטיקל פֿעלד,
מיט אַ שמייכל צו דער גאַס און צו יעדן פֿרישן גאַסט,
וואָס ער קומט פֿון ווײַט צו גיין, שיין און מיט אַ גוטן מיין..."

געטעס אויסדרוק „אויב דו ווילסט דעם דיכטער פֿאַרשטיין, מוזסטו אין זײַן היימלאַנד גיין" איז ווי אָנגעמאָסטן און צום בעסטן צוגעפּאַסט פֿאַר דעם דיכטער מאיר כאַראַץ. וואָלטן מיר זיך אַרײַנגעכאַפּט אין כאַראַצס באַסאַראַבער היימשטעטל מאַרקולעשט און אַ קוק געטאָן ווו האָט ער פֿאַרבראַכט זײַנע קינדער-און ייִנגל-יאָרן, געכאַפּט אַ שמועס מיט זײַן אַל-טינקער מאַמען די סאַרווערן, מיט די שכנות „די ווײַנענדיקע ווײַבער", מיט וועלכע דעם דיכטערס אָנגעהאַרעוועטע מאַמע פֿלעגט זיצן אויף די ליימיקע פּריזבעס און באַוויינען אַלע אומגליקן פֿונעם שטעטל, מיט די „הונדערט קינדער זענען מיר געוועזן אויף דער הינטערגאַס" — וואָרנט אונדז אָבער דער דיכטער אין זײַן פּרעכטיק ליד „מײַן מאַמעס שפּיגעלע"

„מײַן מאַמען האָט אַ היטלער אומגעבראַכט צוזאַמען
מיט קינדער פֿון דער גאַס, וואָס זי האָט ליב געהאַט,
זי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט מײַן חבֿרס מאַמען,
וואָס האָט אַקעגן אונדז איר הײַזעלע געהאַט...

בײַ אַלע, אַלע היטלערס איז געווען פֿאַרשריבן
די שטריכן פֿון מײַן מאַמעס ייִדישן געזיכט;
זיי האָבן אַלע אירע חתונות צונויפֿגעטריבן
און אַלע אירע בריתן געטריבן צום פֿאַרניכט"...

נאָר דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס מאַרקולעשטער בחורל זאָל נישט זײַן צווישן די אומגעבראַכטע, כּדי שפּעטער אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן פֿאַראייביקן זײַן אומגעקומענע היים מיט אַלע, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

ס'איז שווער צו שרײַבן וועגן אַ דיכטער, וואָס האָט, אַלט ווערנדיק 50 יאָר, נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן קיין איין לידער־זאַמלונג, ווו אַלץ איז געאָרדנט אין ציקלען. און הגם כּאַראַץ האָט שוין אָפּגעדרוקט אַ שיינע פּאָר צענדליק לידער פֿון זײַנע היפּשע עטלעכע הונדערט אָנגעשריבענע איז אָבער שווער זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן אין די אַלע צײַטונגען און זשור־נאַלן, ווו זײַנע לידער זענען צעוואָרפֿן.

אַ גרויסן שטײַער צאָלט כּאַראַץ דעם שטעטל און דער עיקר זײַן מוטער. ער האַלט זיך פֿאַר אַ גרויסן בעל־חובֿ און צאָלט אויס דעם חובֿ זײַנעם מיט גרויסער ליבע, כּדי כאָטש אַ ביסל צו לינדערן זײַן בענקשאַפֿט און וויי, וואָס הן דאָס שטעטל זײַנס און הן זײַן מוטער האָבן אים איבער־געלאָזט.

נעמט אונדז כּאַראַץ בײַ דער האַנט און פֿירט אונדז ווי אַ וואַדעמעקום מיט זײַנע לידער איבער מאַרקולעשטער געסלעך און הינטערגעסלעך, איבער אַלע ליקן און ליקעלעך, ווו ער איז אַ באָרוועס ייִנגעלע מיטן סטענדל אין דרויסן אומגעלאָפֿן מיט די איבעריקע קינדערלעך פֿון זײַן אָרעם געסל, ער ווײַזט אונדז די הײַזער, ווו מע איז אומגעגאַנגען קאַמערינע, און ווו ער האָט קליינווײַז אויסגעכאַוועט טויבן. ער דערציילט אונדז ווי אַזוי די הײַזער זענען אויסגעוואַקסן:

„און געשמייכלט אויסגעקאָלעכט צו די פֿעלדער ווײַן און קאָרן
און זיך אָנגעהויבן ליבן און זיך אָנגעהויבן פֿאָרן.

איז אַ הויז געוואָרן חתן. איז אַ הויז געוואָרן כּלה
און צווייזײַטנדיקע הײַזער זענען זיי געוואָרן אַלע

און אין שויבן, ווו דער דרויסן אַנגעקלאַפּט האָט ווי אַ כוואַליע
האָבן זיך באַוויזן יינגלעך, מיידלעך — שמאָלע אין דער טאַליע".

און שפּעטער אין די יאָרן פון אומגליק זענען "די אַלע הײַזער, ווו מיר האָבן אָפּגעווױנט אַזוי פיל יאָרן / אונדז אין שווערע צײַטן נאָך די פאָרלער נאָכגעפאָרן". יאָ. אין אַלע צײַטן — הן אין די ליכטיקע, הן אין די פינצטערע — גייען זיי אים נאָך, די מאַרקולעשטער הײַזער, די מאַרקולעשטער גאַסן, דאָס גאַנצע שטעטל און אַלע מאָנען זיי בײַ אים שכר-ווױנונג, שכר-לעבן, שכר-גידול און שכר-ליבע, און כאַראַץ צאָלט אויס אַלע שכרן פּינקטלעך און ערלעך. ביז גאָר רירן אונדז כאַראַצס לידער וועגן זײַן מאַמען, די יונגע עגונה, ווען דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט, ווײַל:

"מײַן טאַטן האָט געצויגן קיין אַמעריקע נאָך גליקן,
מײַן מאַמע האָט אים אויסגעפּוצט, באַשוכט מיט נײַע שיך"

נאָר דער פאָטער האָט אַלס חתן אַ מתנה געשענקט דער כּלה אַ שפּיגעלע, און ווען דאָס האַרץ האָט געבענקט פאַר ווייטיק און פאַר בושה, פלעגט זי דאָס שפּיגעלע, וואָס איז געלעגן פאַרשלאָסן אין טישקעסטל, אַרויסנעמען און אַרײַנזיפצן אין אים אַלע אירע טענות און באַליידיקונגען. די מוטער. מיט וויפל ליבע און צאַרטקייט מאָלט ער אונדז די פריע קנייטשן אויף איר שיין פּנים. אירע פאַרהאָרעוועטע הענט די האַרטע, וואָס האָבן נישט געגלעטט אים צאַרט און נישט געהעקלט קיין זאָק ווי אַנדערע ווײַבער און מאַמעס, ווײַל:

"מײַן מאַמע קנעט בײַ נאַכט און באַקט בײַ טאָג
און הונגערט בײַ איר אָרנטלעכער וואָג..."

וואָס זשע האָט געטראַכט און ווי אַזוי האָט רעאַגירט דער קליינער מאירל אין יענע יאָרן? אים איז געווען גוט ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס. די מוטער זײַנע, וואָס איז געווען

"— — אַ סאָרווערן בײַ ייִדן
אַ בעקערן פון זיסוואַרג, אַ קאָכערן פון פיש,
אַ בראָטערן פון פליישן, אַ פּרעגלערן פון גריוון,
אַ מײַסטערן בײַם אויוון, אַ טיילערן בײַם טיש..."

פלעגט מיטנעמען דעם בן-יחיד אירן אויף אַלע חתונות און בריתן, ווו זי האָט געפּראַוועט מיט די געסט און ער, מאירל דער סאָרווערנס, "האָט אַלץ גענאַשט, אויף שׂמחות נישט געשלאָפן, זיך אָנגעהערט מיט שפּיל, זיך אָנגעזען מיט טענץ" — און די מינדסטע אַנונג נישט געהאַט, אַז שפּעטער

מיט יאָרן װעלן אָט די שפּיל און טענץ אויף ייִדישע חתונות און שׂמחות, דער מאַמעס קרעכצן, װאָס זי האָט אַרײַנגעקרעכצט אין מולטער „נאָר נישט געװײנט, סע זאָל דאָס ברױט נישט צו געזאָלצן זײַן" — װעלן שפּעטער מיט יאָרן אַרױסזינגען פֿון אים אין זײַנע װוּנדערלעכע לידער: „לידער װעגן מײַן היים", „לידער װעגן מײַן מאַמען", „מײַן מאַמעס שפּיגעלע" און אַנדערע.

אויך דער פֿאָטער, װאָס איז אַװעק קײן אַמעריקע און געלאָזט די מאַמע זײַנע אַן עגונה מיט אַ פּיצל קינד, דעם פֿאָטער, צו װעלכן דאָס קינד האָט געהאָט אַ בענקשאַפֿט װי צו אַ „טאַטן", װעלכן ער האָט קײן מאָל נישט געזען און אים האָט זיך געדאַכט, ער איז װי אליהו הנבֿיא ערגעץ דאָרט אין דער הייך, אין די הימלען, אויך דעם פֿאָטער זײַנעם, אויף װעלכן די מוטער פֿלעגט זאָגן, אַז „זײַן האַרץ איז פֿון אַ טאַטער" האָט ער אָפּגעגעבן נישט װײניק פּלאַץ אין זײַנע שענסטע און געלונגענסטע לידער, װי — „אַ מאָל-אַ מאָל", „מײַן מאַמע גרייט צום טיש", „מײַן פֿעטער שלמה" און אַנדערע.

כאַראַץ איז דורכאױס אַ ליריקער און לירישע פּאָעזיע קען מען פֿאַר-גלײַכן נאָר מיט מוזיק. דערפֿאַר זענען די לידער זײַנע אַזױ מוזיקאַליש און בעטן זיך ממש, מע זאָל זיי זינגען:

„מיטן זומער, אַלע שװאַלבן
זענען פֿאַר דער צײַט
אַפּגעפֿלױגן מיט אַ האַלבן
זומער אין דער װײַט".

(מיטן זומער)

„װאָלקנס אױפֿן הימל זאַמלען זיך צונויף,
כאַפּ מײַן קינד אַ דרימל, ביז דו כאַפּסט זיך אויף".

חוץ מוזיקאַלישקייט פֿאַרמאָגן זײַנע לידער שפּילעװדיקייט פֿון װאָרט און בילד. דאָ מוז מיר שוין דערלויבט זײַן צו ציטירן אַ גאַנץ ליד, װײַל אַרויסװאַרפֿן כאָטש איין שורה איז פּשוט אַן עבֿירה...

„עס ליגט מײַן קינד אין װיגל,
דאָס װיגל מיטן קינד אין שפּיגל.
דאָס קינד אין װיגל װײנט און לאָזט זיך הערן.
דאָס קינד אין שפּיגל שפּיגלט אָפּ די טרערן.
איך װיג דאָס װיגל מיט מײַן קינד און װיל
מײַן קינד זאָל װערן שטיל.
דער שפּיגל װיגט דאָס װיגל אָן אַ ציל,

ער טוט עס אָן אין פֿליגל.
פֿליט דאָס וויגל פֿונעם שפּיגל
און פֿון צימערל אַרויס.
פֿליט דאָס צימערל אַרויס פֿון הויז
פֿליט דאָס הויז אין גאַנצער גרויס
פֿון דער גאַס און דרייט זיך אין אַ ראָד,
פֿליט די גאַס אַרויס דער שטאָט,
פֿליט די שטאָט אַרויס פֿון לאַנד,
פֿליט די ערד מיט ליים און זאַמד
און מע דרייט זיך רונד אַרום
דער לבֿנה און דער זון,
ביז מע קומט צום זעלבן אָרט —
קומט דאָס לאַנד און קומט די שטאָט.
קומט די גאַס און קומט דאָס הויז
מיט די צימערן אין שויס
און אין צימער קומט דער שפּיגל
מיטן קינד און מיטן וויגל״.

דאָ האָבן אַלע דרײַ זיך גליקלעכערווײַז צונויפֿגעגאָסן צוזאַמען, ווו בילד רעדט מיט קלאַנגען, פֿון די קלאַנגען שאַפֿט זיך אַ בילד און די ווערטער בליאַסקען מיט פֿאַרבן, קלינגען האַרמאָניש און דריקן אויס אַ וווּנדערלעכן געדאַנק. איר לייענט דאָס ליד און סע דאַכט זיך אײַך, איר זיצט אין אַ קאַרוזעל. איר צעהוידעט זיך קודם פּאַוואָליענקע אַהין און אַהער און באַלד עפּעס מער, און באַלד עפּעס שטאַרקער. אָט האָט איר זיך שוין צעהוידעט גאַר שטאַרק, איר הייבט זיך שוין אויף אַלץ העכער און העכער און שטאַרקער און שנעלער און באַלד מיט אַזאַ געשווינדקייט, אַז דער קאָפּ פֿאַרדרייט זיך . . . נאָר אָט הייבט אָן ווידער זיך הוידען אַלץ פּאַמעלעכער און פּאַמעלעכער און גאַנץ פּאַמעלעך ביז איר שטעלט זיך אָפּ.

בכלל גענומען איז כאַראַץ אַ מאָלער פֿאַר וועמענס אויג סע גייט גאָרניט נישט פֿאַרלוירן פֿון דער גרויסער און רײַכער שיינקייט פֿון דעם אַרום און דערפֿאַר זענען זײַנע לידער אַזוי אָנגעלאָדן מיט בילדער, וואָס גלעטן דאָס אויג מיט זייער פֿילפֿאַרביקייט, פֿולבלוטיקייט און לעבעדיקייט, אַז סע דאַכט זיך אײַך, זיי ״מאָנען עסן״. אַזוי איז אין ליד ״זומער״, ווו ער מאָלט אונדז אַ זון-פֿאַרגאַנג, גלײַך מיר זעען אים, ווי ער טונקט אײַן זײַן פּענדזל אין די פֿאַרבן און טוט אַ פֿאָר שמיר איבערן הימל און באַלד ווערט:

״דער הימל אין וואָלקנס, די וואָלקנס אין פֿלאַמען,
די פֿלאַמען אין פֿאַרבן, אין רויט און אין ראָז . . .״

און מאַלט ער אונדז אַ פֿרילינג איז ער אַזאַ צעצוויטעטער, אַ ווײַסער, אַז נישט בלויז דיביימער בליען, נאָר:

„עס בליט דער פּאַרקן, וואָס אַרום דעם גאָרטן,
עס בליען שטיינער אונטער מײַנע טריט
און אַלע הײַזער, וואָס מע בויט זיי דאָרטן...“

סע פֿילט זיך ממש דער ריח־ניחוח פֿון כאַראַצס פֿרילינגען, וואָס וועקן אויף „די פֿייגל אין די הימלען און די מענטשן אויף דער ערד“ און סע גלוסט זיך אַרײַנצוזאַטעמען די פֿרישקייט און די מונטערקייט, וואָס זײַנע נאַטור־לידער צעשפּרייטן אַרום זיך. כאַראַץ איז פּאַרפּישופּט פֿון דער אַרומיקער וועלט. אין אַלץ זעט ער וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ:

„אַ וווּנדער איז אַלץ באַזונדער,
אַ יעדער בוים איז אַ נס,
וואָס רוישט מיט זײַן קרוין זײַן רונדער
אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת“.

וואָלט כאַראַץ אין זײַנע לידער אונדז געגעבן די שיינקייט פֿון דעם אַרום און נישט אַרײַנגעלייגט אין זיי אויך זײַן אני־מאמין, זײַן ליבע און גלויבן אין די מענטשן, אין דעם וואַקסנדיקן דור — די קינדער אונדזערע — אין אַ שענערן און ליכטיקערן לעבן, וואָלטן די לידער זײַנע אויך גערייצט מיט זייער דממה־דקהדיקייט, מיט זייער צאַרטקייט און העלקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון יעדער סטראָפֿע און פֿון יעדער שורה. לייגט אָבער כאַראַץ אַרײַן אין יעדן ליד אויך אַן אידעע פֿון הומאַניזם און עס באַקומט זיך, גלײַך אַלץ, וואָס דער דיכטער באַזינגט און מאָלט איז אייגנס טאָקע צוליב דעם, צוליב אָט דער אידעע. ווײַל טאָקע אין דעם זעלבן ליד „פֿרילינג“, וואָס מיר האָבן פֿריער ציטירט, זאָגט ער ווײַטער מיט אַ פּאָר סטראָפֿן:

„די קינדער לויפֿן אַלע זיך צונויף
פֿון זיבן הויפֿן אין דעם הויף דעם גרעסטן“.

און אַז ער וואָלט געוואָלט זוכה זײַן, אַז אַלע קינדער, כאָטש זיי רעדן אויף הונדערט שפּראַכן, זאָלן זיך פֿילן ווי גלײַכע שותּפֿים אין יעדן הויף:

„און נישט ווי יענע בבֿל־בויער דאָרט,
וואָס האָבן זיך בײַם טורעם נישט פֿאַרשטאַנען
און איינער האָט געמאַכט פֿון צווייטנס וואָרט
אַ קנעכט, אַ שטומען אָקס אויף אײַנצושפּאַנען...“

און אַז „דאָס פֿרילינג-ליד זאָל זינגען זיך מיט אַלע הונדערט לידער", וואָס זינגען זיך אויף הונדערט פֿאַרשידענע שפּראַכן. אַזוי אויך אין דעם געדיכט „ליד" דערציילט ער אונדז ווי ער האָט „געקליבן אות צו אות אַ טאָסט דער פֿרייד בײַ טישן גרייטע". און אויב זײַן כּוס וועט אויסטרינקען אַ צווייטער, אַרט אים נישט:

„איך וויל נאָר, אַז פֿון מײַן געזיכט
זאָל ווערן עטוואָס העלער, לינדער
און אויפֿגיין זאָל אַ שײַן, אַ ליכט
פֿאַר אונדזערע קליינע קינדער".

אינטערעסאַנט איז כּאַראַצס צוגאַנג און באַציִונג צו דער שפּראַך, זײַן אַפּשײַ און ליבע צום וואָרט. סע דאַכט זיך, לייענענדיק זײַנע לידער, אַז אַלץ גיט זיך אים אײַן אַזוי גלאַטיק און לײַכט, גלײַך סע שיטן זיך בײַ אים די ווערטער פֿונעם אַרבל אַרויס. ווער סע איז אָבער באַקאַנט מיט כּאַראַצס „לאַבאַראַטאָריע", מיט כּאַראַצס אַרבעטס-טיש, דער ווייסט וויפֿל מי און האָרעוואַניע ער לייגט אַרײַן אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט, ביז סע באַקומט זיך אַזוי פֿײַן און אָפּגעטאָקט ווי מיר זעען עס פֿאַרטיקער-הייט. איבעריקנס דערציילט עס אונדז דער דיכטער אַליין אין זײַנע לידער „דיכטונג" און „ווערטער". ער דערציילט אונדז, אַז:

„און הייבן הייבט עס אָן זיך פֿונעם גיין,
איך גיי אַרום מיט גרויסער־גרויסער לוסט,
איך גיי אַרום און רעד צו זיך אַליין
און זאָג מיר זאַכן, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט".

און אויב סע טרעפֿט זיך אַ מאָל, ער פֿאַרלירט אויפֿן וועג אַ וואָרט, פֿוילט ער זיך נישט און קערט זיך אום צוריק און הערט זיך אײַן, אפֿשר וויינט עס ערגעץ, דאָס פֿאַרלוירענע וואָרט און רופֿט אים — זוכט ער עס אַרום אומעטום, ווי נאָר אָן אָרט, ווי אַ געטרײַער פּאַסטעך זוכט אַרום זײַנס אַ פֿאַרלוירן שעפּעלע:

„און רו נישט אײַן שוין אויף קיין אויגנבליק".

ביז ער געפֿינט דאָס פֿאַרלוירענע וואָרט, נעמט עס אויף די הענט און מיט ליבע טראָגט ער עס און שטעלט צוריק אויף זײַן אָרט. אָפֿט טרעפֿט, אַז פֿיל ווערטער, וועלכע אונדזערע דיכטער האָבן פֿון זייערע לידער אויסגע-מעקט, אַרויסגעוואָרפֿן, ווײַל „זיי טויגן נישט", קומען זיי, די אָפּגעשטויסענע ווערטער, צו כּאַראַצן, קלאַפּן אָן אין זײַן טיר און וויינען און בעטן אים, ער זאָל זיי אַרײַננעמען צו זיך און זיי באַשיצן, ווײַל זיי זענען געבליבן:

„אין דרויסן אָן אַ דאַך
שוואַכע קעגן ווינט און קעגן שטראָם"

האָט דער דיכטער נישט קיין האַרץ זיי צו לאָזן אין דרויסן, לאָזט ער זיי אַרײַן צו זיך אין קליינעם, נאָר היימלעכן צימערל און:

„פֿון די אויסגעמעקטע ווערטער האָב איך באַלד
אויסגעוועבט אַן אויסגעמעקט געזאַנג.
זינגט עס נישט ווי פֿייגל אין אַ וואַלד,
זינגט עס ווי אַ שטיין בײַם זונפֿאַרגאַנג"

אַ פּרעכטיק בילד. אַ וווּנדערלעכער פֿאַרגלײַך. און אַלע דרײַ זענען גליקלעך און צופֿרידן: דער דיכטער, דאָס אויסגעמעקטע וואָרט און דער... לייענער.

דאָס אַרטיקל אונדזערס פּרעטענדירט נישט צו זײַן אַן אויסשעפּלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם דיכטער מאיר כאַראַץ. עס איז נישט מער ווי אַ געלעגנהייט-אַרטיקל געשריבן פֿון אַ חבֿר און אַ גרויסן אָנהענגער פֿון זײַן ליכטיקן טאַלאַנט — צו זײַן 50סטן געבוירנטאָג.

וועגן כאַראַצן קאָן מען שרײַבן זייער פֿיל און, דער עיקר, וואָס מער ציטירן פֿון זײַנע לידער, וואָס ווען זיי קומען אַרײַן אין אַ לידער-בוך וואָלטן זיי מער גערעדט און דערציילט וועגן זיך און וועגן זייער באַשעפֿער, ווי די גרעסטע און בעסטע עסייען.

צום סוף זאָל מיר נאָך דערלויבט זײַן צו ציטירן נאָך איין סטראָפֿע פֿון זײַן געדיכט „פֿאַר אַ נײַ ליד", ווו כאַראַץ זאָגט:

„איך שטיי פֿאַר אַ ליד פֿאַר אַ נײַעם
ווי פֿאַר אַ לויטערן קוואַל"

און ער פֿרעגט:

„צי וועט מיר די לויטערקייט סטײַען?
צי וועט מיר געלינגען בכלל?"

ענטפֿערן מיר אים: יאָ, פֿרײַנד כאַראַץ, די לויטערקייט וועט דיר סטײַען, ווײַל דו פֿאַרמאָגסט אין זיך געלײַטערטקייט און לויטערקייט און דערפֿאַר וועט דיר געלינגען און דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט: אַז

„פֿון ערדישן דרימל וועט אויפֿגיין צוריק דער באַגין"

און:

„מײַנער איז ער דער דרויסן
און איך בין דאָס אייביקע קינד,

וואָס האָט זיך אין דרויסן אין גרויסן
צעשטרעקט אין דער לענג פֿונעם ווינט״.

און אַזוי ווי דו קלאַפּסט אין די שויבן ״לחיים״, אַזוי קלאַפּן מיר צו דײַנע לידער ״לחיים״ און ווינטשן דיר זאָלסט לאַנגע-לאַנגע יאָרן אויסזינגען און אַרויסזינגען דײַנע פּרעכטיקע געזאַנגען און זיי אָנגיסן מיט דײַן לויטער געמיט נישט ערגער ווי ביז איצט און בעסער האָט קיין שיעור נישט!

(״יידישע שריפֿטן״ נומער 10 (185), וואַרשע, אָקטאָבער, 1962)

ישׂראל עמיאָט

האָט זיך גאָרנישט געענדערט?

צופֿעליק איז מיר געקומען אין דער האַנט אַן אוקראַיִנישע צײַטונג (״ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ״ פֿון 4טן מערץ ה.י.), וואָס דערשײַנט אין טשערנאָוויץ. די דאָזיקע שטאָט, ווי באַקאַנט, האָט פֿריער געהערט צו רומעניע און הײַנט איז זי אין סאָוועטיש-אוקראַיִנע.

וואָס אַן אמת, וואָלט די צײַטונג אַרויסגערופֿן ווייניק אינטערעס. זי איז פֿון זעלבן שניט ווי אַלע סאָוועטישע צײַטונגען: איר געפֿינט דאָרט די שאַבלאָנע ״סוואַדקעס״ (באַריכטן) וועגן דער אַרבעט פֿון די סטאַכאַנאָווצעס אויף די פֿעלדער, אין די פֿאַבריקן און זאַוואָדן; עס קומען דאָרט ליסטעס מיט פּראָצענטער וועגן אויסגעפֿולטער אַרבעט; עס ווערן געטאַדלט די היטערשטעליקע און געלויבט די גוטע אַרבעטער. ערגעץ-ווו זאָגט מען אַרײַן אַ ביוראָקראַט — אָבער נאָר פֿון נידעריקן קלאַס. צו גאָרהויך האָט מען נישט קיין מוט צו דערלאַנגען... די אויסלענדישע נײַעס ווערט געגעבן לויט די טעלעגראַמעס פֿון דער איינציק-דערלויבטער ״טאַס״-אַגענטור — די איינציקע מלוכה-אַגענטור פֿאַר גאַנץ סאָוועט-רוסלאַנד. בלויז דורך איר ווערט דער סאָוועטישער בירגער אינפֿאָרמירט און אָריענטירט אין דער וועלט-פּאָליטיק, פֿאַרשטייט זיך — איינזײַטיק.

מיר וואָלטן באַין אופֿן די דאָזיקע צײַטונג נישט דערמאָנט — ווײַל זי איז ווי אַ טראָפּן ענלעך צום גאַנצן ים פֿון סאָוועטישער פּרעסע. מיר האָבן אָבער דאָרט דערזען אַן אַרטיקל וועגן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון סאָוועטישע שרײַבער אין טשערנאָוויץ, געווידמעט די אַנטדעקטע ״נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן״ אין די לידער פֿונעם סאָוועטיש-יידישן פּאָעט — וואָס לעבט אין טשערנאָוויץ — מאיר כאַראַץ.

ווער עס האָט אין ״יענע גוטע יאָרן״ געלעבט אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד,

איבערגעלעבט די "פּראָצעסן" איבער ייִדישע שרײַבער, געהערט די "עבֿרי" פֿון די אויספֿאָרשונגס-ריכטער און געלייענט די צעשמירטע אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער פּרעסע — וואָס האָט געדאַרפֿט צוגרייטן די שטימונג בײַם עולם צו די פּראָצעסן — דער האָט אײנעם אַרטיקל פֿון דער "ראַדי-אַנסקאַ בוקאָווינאַ" געזען אַ סיגנאַל פֿאַר אַ נײַער וואַקכאַנאַליע.

קודם-כּל — וועגן דעם פּאָעט, מאיר כאַראַץ: ער געהערט צו דער ייִנגערער גרופּע מאָלדאַוויש-ייִדישע שרײַבער און ער איז טאַקע דער טאַ-לאַנטפֿולסטער צווישן זיי. צו זײַן גרופּע האָבן געהערט: דער טראַגיש-אומגעקומענער אין די סאָוועטישע לאַגערן, הערץ ריווקין; דער באַקאַנטער דיכטער מאָטל סאַקציער, יאַנקל יאַקיר און נאָך אַנדערע. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אַ נאָכוווקס פֿון דער פֿריערדיקער שרײַבער-פּלעיאַדע, וואָס האָט אַזוי באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור: ד"ר שלמה ביקל, יעקבֿ שטערנבערג, איציק מאַנגער, אליעזר שטיינבאַרג און משה אַלטמאַן.

מאיר כאַראַץ האָט נאָך פֿאַר דער מלחמה פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע ערשטע און גוטע לידער אין די "טשערנאָוויצער בלעטער". ער האָט געצויגן צו זיך אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט. דערנאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ ריי ייִדיש-ליטעראַרישע אויסגאַבעס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

בעת די אַרעסטן פֿון די סאָוועטיש-ייִדישע שרײַבער — אין פּעריאָד 1948-1952 — איז אויך מאיר כאַראַץ נישט געשווינט געוואָרן. צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע שרײַבער, איז אויך ער אַרעסטירט געוואָרן. אַן אויס-נאַם איז בלויז געווען ה. בלאָשטיין. און נאָך עטלעכע, וואָס די סיבה פֿון זייער געשווינט ווערן איז אומבאַקאַנט. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ צופֿאַל, בכל אופֿן האָבן זיי זיך נישט גענומען צום האַרץ די חרפּה פֿון נישט אַרעסטירט ווערן אין יענער צײַט — ווי עס איז געווען דער פֿאַל מיטן טאַלאַנטפֿולן סאָוועטיש-ייִדישן דיכטער, אַהרן קושניראָוו, וואָס איז פֿון גרויס בושה קראַנק געוואָרן.

אָבער מיר האַלטן איצט בײַ 1960. אַלע פֿינצטערנישן, הייסט עס, זענען שוין לאַנג פֿאַרביי. די קאָמוניסטישע פּרעסע אין דער וועלט לייגט אײַן וועלטן צו באַווײַזן, אַז יענע צרות זענען נאָר געווען אַ פּועל-יוצא פֿון סטאַלין-קולט און דעם בעריאַ-רעזשים; און איצט איז שוין אַלץ אין אָר-דענונג... אַפֿילו בײַ אונדז אין אַמעריקע שרײַבן זיי לאַנגע אַרטיקלען, ווי זיי מאַכן אויסצודרייען די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין דער פֿרײַער וועלט, ווײַל "זי האָט נישט וואָס צו זאָגן". דאָס און אַ לײַטיש וואָרט הערט מען בלויז פֿון "דאָרט", פֿון מזרח.

דערפֿאַר איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש דאָס דערמאָנטע אַרטיקל אין דער "ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ", וואָס איז אונטערגעשריבן פֿון צוויי ייִדישע מחברים — דער פֿריער-דערמאָנטער ה. בלאָשטיין און ח. מעלאַמוד. טאַקע זיי שמײַסן עס און טאַדלען מאיר כאַראַץ פֿאַר זײַנע לידער — וואָס ער

האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין די וואַרשעווער ״יידישע שריפֿטן״ און אין דער דאַרטיקער ״פֿאָלקס-שטימע״ צווישן 1957 און 1959 (ובכן: שוין נאָך סטאַלינס טויט!).

ווי מיר זעען, האָט כאַראַץ פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע לידער אין קאָמוניסטישע צײַטונגען פֿון אַ קאָמוניסטיש לאַנד. אָבער דאָס שטערט נישט די צוויי אַנפֿאַלער צו באַוואַרפֿן אים מיט עפּיטעטן, ווי ליגנער, אונטערהעצער, קאַפּיטאַליסטישער אונטערזינגער (״פּאַדפּיעווען קאַפּיטאַליזמאַ״). זיי באַשולדיקן אים אין ״בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם״ און אינעם אַרײַנשטעקן אַ קלין אין דער פֿעלקער-פֿרײַנדשאַפֿט פֿונעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד...

היות ווי מיר האַלטן שוין פֿאַרט נאָך סטאַלינען און זיי מוזן אַ ביסל יוצא זײַן דעם חובֿ צו דער ״כרושטשאָוו-ערא״ — ווערט צוגעגעבן, אַז, ״מעגלעך אַליין נישט-וויסנדיק״ (ס׳הייסט, אַז כאַראַץ האָט אפֿשר אַליין נישט געהאַט די כּוונה דערצו) האָט מאיר כאַראַץ געגומען זינגען אַדעס צום קאַפּיטאַל און געוואָרן אַ שותּף צום ״בורזשואַזן יידישן נאַציאָנאַליזם״. דאָס פֿאַרווייכט אַ ביסל דעם פּאַראַגראַף 58 פּונקט 10 — לויט וועלכן מ׳וואָלט געקענט פֿאַרמשפּטן דעם פּאָעט, לויט די אַרײַנטײַטשונגען אין זײַנע לידער מצד די סאָוועטישע שרײַבער — וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בכדי צו באַטראַכטן זײַנע חטאים — און לויט די פֿאָרמולירונגען פֿון די מחברים פֿון אַרטיקל.

*

וואָס אַזוינס האָבן זיי אַנטדעקט אין זײַנע ליריש-אומשולדיקע לידער? עס וואָלט כּדאַי געווען איבערדרוקן דעם גאַנצן ציקל — און זאָל דער לייענער אַליין משפּטן צוליב וואָס מען רופֿט נאָך הײַנט אַ ספּעציעלע שרײַבער-פֿאַרזאַמלונג אין סאָוועט-רוסלאַנד. אָבער היות ווי דאָס איז נישט מעגלעך — וועלן מיר אַרויסנעמען די סאַמע יידישסטע שטעלן, וואָס האָבן מעגלעך אויפֿגערייצט זײַנע אוסטײַטשער אין ליד ״דער וואַנדרער״ (״יידישע שריפֿטן״ פֿון דעצעמבער 1958), זינגט כאַראַץ:

״אַ גוטן-אָוונט, האָט ניט קיין פֿאַראיבל,\
בין אויך אַ בעל-הבית פֿון אַזאַ מין שטיבל,\
איצט קום איך פֿון יאַריד, וואָס מ׳האָט צעטריבן\
און בין אין מיטן וועג, דעם בלאָטיקן פֿאַרבליבן;\
איז לאָזט מיך איבערזיצן אויף דער באַנק,\
דאָ, נעבן אײַער ספֿרים-שראַנק,\
און אויב מען מעג פֿון שראַנק אַ ספֿר נעמען,\
כאָטש מיד בין איך, כ׳וועל שפּעט נישט וואַכן קענען.\
מיר וועלן זיך בײַם ספֿר בלויז באַקענען.

ואלה שמות — אַט זענען אונדזערע נעמען.
זיי גייען איבער, זעט, מדף לדף,
פֿון בראשית אַן, פֿון סאַמע וועלט־באַשאַף . . .״

זאָל דאָס באַקענען זיך ייִדישלעך צום ספֿר האָבן אַרויסגערופֿן זייער צאָרן ? האָבן בלאַשטיין און מעלאַמוד צוליב דעם אַלאַרמירט דעם רוסישן לייענער ? האָט צוליב דעם זיך געמוזט צונויפֿזאַמלען דער גאַנצער שרײַבער־קהל ? אָדער שטעקט דער געפֿערלעכער נאַציאָנאַליזם אין די ווײַטערדיקע שורות :

״די ספֿרים אונדזערע ברענט מען אָפּט אין שײַטער,
די נעמען ברענען נישט, די נעמען גייען ווײַטער.
צוליב די נעמען האָט מען אונדז דערווײַטערט
פֿון אַלע שׂמחות אויף דער וועלט פֿאַרשײַטער.
מיר לעבן שטיל. די קעפּ אַראָפּגעלאָזט.
מיר לעבן פּראָסט.
מען גייט אַרום פֿון איין יאַריד צום צווייטן,
מען טראָגט אויף זיך דאָס שווערע פּלייצע־קלייטל — — —״

ס׳איז אַ מעשׂה פֿון אַ ייִד אויף יאַרידים, מסתּמא פֿון אַמאָליקע צײַטן, ווען עס האָט געהערשט דער פֿאַשיסטישער רעזשים, וואָס ווערט געראַ־טעוועט טיילמאָל קוים מיטן לעבן פֿון גזלנימס הענט און דערשלאָגט זיך מיט די לעצטע כּוחות צו אַ בײַנאַכטיקן שײַן פֿון אַ ייִדיש פֿענצטער. דאָ ווערט ער אויפֿגענומען, ווי אַ גוטער גאַסט ביז —

״דער ייִד איז מיד און בלײַבט בײַם טיש ליגן.
איך מונטער אים און טו אים אויס די שטיוול.
ער דרעמלט אײַן און שרײַבט אין שלאָף אַ בריוול,
אַ בריוול צו זײַן היימישן, שטעטלדיקן גאָט,
געשריבן פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט.
אַז וויל איז אים, וואָס האָט מײַן הויז געטראָפֿן.
אַז וויל איז מיר, וואָס כ׳האָלט די טירן אָפֿן.
נאָר וואָס וועט זײַן, דער גורל וועט אונדז שטראָפֿן
און ביידע וועלן וואַנדערן אָן וואָפֿן ;
און ביידע וועלן וואַנדערן אין אַ וויסטער פֿרעמד,
אַן בינטלעך, און אָן שיך און אָן אַ העמד ?״

אין אַ צווייט ליד (״פֿאָלקס־שטימע״ פֿון 28טן פֿעברואַר 1959) האָט ער געזונגען ״לייענענדיק שלום־עליכמען״ :

"דער טאָג איז שוין אַוועק, די טיר איז שוין פֿאַרמאַכט,
דאָס פֿענצטער איז פֿאַרהאַנגען און שטיל איז אונדזער שפּראַך,
וואָס הערט זיך נישט אַרויס. ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך:
צו לייענען שלום-עליכמען און נישט צו טאָן אַ לאַך..."

בסך-הכּל איז עס אָבער אַן אָפּטימיסטיש באַגעגענען זיך מיט שלום-עליכמס העלדן, אַ שטילע פֿרייד וואָס זײַן, דעם פּאָעטס, טאַטער האָט "נעבטן ערשט טובֿיהן דורכגעלייענט — און בײַם קאַפּיטל וועגן חוהן זיך שטילערהייט צעוויינט". נו, האָט זיך די דערווײַטערטע משומדת פֿון טובֿיהס הויז אומגעקערט אַהיים און דער מחבר איז דערפֿון צופֿרידן ("איך בין דאָך אויך אַ ייִד פֿון שלום-עליכמס ייִדן"). איז דאָס זײַן גרויסע זינד? און אפֿשר האָט ער עפּעס פּוגם געווען אין זײַן ליד "פֿרילינג" ("פֿאָלקס-שטימע" פֿון 30סטן אַפּריל 1957), ווו ער ווינטשט זיך באַשיידן:

"איך וואָלט געוואָלט נאָך זוכה זײַן נאָר איינס:
די קינדער זאָלן רעדן הונדערט שפּראַכן
און אַלע זאָלן פֿילן זיך אַלץ איינס —
ווי גלײַכע שותּפֿים פֿון די שפּילצײַגזאַכן
און נישט ווי יענע בבֿל-בויער דאָרט,
וואָס האָבן זיך בײַם טורעם נישט פֿאַרשטאַנען
און איינער האָט געמאַכט פֿון צווייטנס וואָרט
אַ קנעכט, אַ שטומען אָקס אויף אײַנצושפּאַנען.
די שפּראַכן פֿון די קינדער זאָלן גרינג
פֿאַרשטיין איינס דאָס צווייטע זיך, ווי ברידער
און אַט דאָס פֿרילינג-לידל, וואָס איך זינג,
זאָל זינגען זיך מיט אַלע הונדערט לידער".

ניין, איך וויל דאָ קיין שום קאָמענטאַרן נישט מאַכן. עס איז אָבער אַך און וויי צון אַ רעזשים, וואָס בדקנט אַזוי שטאַרק די ציצות און וויל געפֿינען "קראַמאָלע" אין אַזעלכע שטילע לידער... גאַנצע אַכט יאָר נאָכן אומברענגען אַזוי גרויזאַם די סאָוועטיש-ייִדישע שרײַבער.

("די נײַע צײַט", 16.9.1960)

יעקב גלאַטשטיין

באַמערקונגען

דער פּאָעט מאיר כאַראַץ, וואָס וווינט אין טשערנאָוויץ און זײַנע לידער דערגרייכן אונדז פֿון צײַט צו צײַט, איז פֿאַרגלײַכלעך נאָך אַ יונגער מענטש. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרעפֿנטלעכן זײַנע לידער מיט אַ דרײַסיק יאָר צוריק. ער איז אין די פֿריע פּופּציקער און זײַן טאָן איז אויך אַ מונטערער און אַ פֿרישער, אַפֿילו אין פּרט פֿון טעמאַטיק. צווישן די רומעניש-ייִדישע דיכטער זענען פֿאַראַן עטלעכע, וואָס אין זייערע לידער באַמערקט מען גאָר אַ סך טאַלאַנט. דער טאַלאַנט ווערט אָבער בײַ זיי געצאַמט דורך אָרעמער טע-מאַטיק, וואָס קומט פֿון אומזיכערקייט. מאיר כאַראַץ האָט טאַקע אַרײַנ-געכאַפּט שאַרפֿע קריטיק פֿאַר נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן און טענדענצן, אָבער דער דאָזיקער באַסאַראַביש-געבוירענער פּאָעט קומט תּמיד צוריק צו זײַן רײַכן פֿאַרשידנאַרטיקן טעמע-אויסוואַל.

מיר איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען מאיר כאַראַץ'עס גע-זאַמלטע לידער, אָבער אין "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין דער וואַרשעווער "פֿאָלקסשטימע" ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט גאַנץ אָפּט זײַנע לענגערע לידער-סעריעס, וואָס מאַכן תּמיד אַן אײַנדרוק מיט זייער זעטיקער שפּראַך און מיט זייער פּערז-קאַנטשאַפּט. כאַראַץ איז קודם כּל אַ גוטער באַלמעלאָכע און ס'איז אַ גאַנץ גרויסע מעלה פֿאַר זיך גופֿא. ווען ער לאָזט זיך נישט צו מאָל באַהערשן פֿון צו גרינגער באַלמעלאָכעשאַפּט, ווערט ער אַ מײַסטער פֿון דער מוזיקאַלישער שורה; און די מוזיק איז אַ פֿרײַ-פּליסיקע, אָן שום צוואַנג. דער פּאָעט זיצט נישט אויף זײַנע אייגענע שורות כּדי זיי צוצוגלעטן, אויף אַזאַ פּרימיטיוון אופֿן, ווי עס טרעפֿט מיט פּאָעטן, וואָס ווילן באַהאַלטן דעם טאַנדעט פֿון דעם אומגעראָטענעם צוזאַמענזינג.

מאיר כאַראַץ איז אויסגעוואַקסן אין אַ ייִדישער קאָלאָניע אין באַ-סאַראַביע און ער וווינט איצטער אין דער שכנותדיקער בוקאָווינע, אין טשערנאָוויץ. גוטע רומענישע און באַסאַראַבישע פּאָעטן האָבן זיך תּמיד אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקן ערדישן לשון, וואָס פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע באַטעמטע עולם הזהדיקייט. זייער ראָמאַנטיק איז אויך אַן עולם הזהדיקע און ערגעץ ווו באַרירן זייערע לידער דאָס טעאַטראַלישע, וואָס איז אין דער ייִדיש-רומענישער טראַדיציע.

ס'איז גוט אײַנצובײַסן אין אַ פּערז, וואָס פֿאַרמאָגט דעם דאָזיקן גופֿיקן ייִדיש. גראָטעסק און שפּיל זענען די סימנים פֿון דעם דאָזיקן שטייגער ליד און די געוואַגטקייט צו זאָגן אַ פּראָסט-באַטעמט וואָרט. אַזעלכע לידער לאָזן זיך געוויינלעך נישט אײַנצאַמען אין דעם בלוי-מיראַזשיקן און ענגן לעקסיקאָן פֿון "בלאַסער" ליריק. די סכּנה מיט אַזעלכע

לידער איז נישט אַריבערצופֿאַלן די גרענעץ און נישט צו דערשפּירן, ווען דאָס ליד הייבט אָן ווערן צו עלעמענטאַר פֿאָלקסטימלעך און צו טעאַטער־לידלדיק.

מאיר כאַראַץ איז צײַטנווײַז נישט פֿרײַ פֿון די דאָזיקע חסרונות, אָבער דערפֿאַר זענען זײַנע מעלות קאָנטיק אין זײַנע בעסערע לידער.

אין דעם נײַסטן פֿעברואַר־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" זענען פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע לידער זײַנע, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּאָעט.

די שקיעה שמעקט מיט געבראָטנס,
דאָס פֿעלד ליגט פֿאַרחלשט, פֿאַרשמאַכט,
צען טויזנט פֿיר הונדערט שאָטנס
גיסן צונויף זיך.
נאַכט.
אויף יענער זײַט פֿעלד ליגט דער שונא,
ווער ווייסט צי ער שלאָפֿט, צי ער וואַכט;
די וואָלקנס — געבראָטענע, ברוינע —
זיי רעגן די לופֿט פֿון דער נאַכט.
די וואָלקנס — שוואַרצע, פֿאַרקוילטע —
זיי הילן אין טונקל זיך אײַן
אַ סקירדע מיט שטרויען צעפּוילטע
גלאַנצט אין לבֿנה־שײַן.
און איבער דער גלאַנציקער סקירדע
די וואָלקנס שוין אויסגעקילט
זיך שטעלן צו היטן די ווירדע
דער נאַכטס, וואָס איז ווייך און מילד.

מיט דעם געמיש פֿון „געבראָטנס" מיט נאַטור, געלינגט דעם פּאָעט אַרונטערצונעמען פֿון די נאַטור־לידער דעם אָנגעשטעלטן קאַמער־טאָן פֿון ראָמאַנטיק און פֿון דעסט וועגן איבערלאָזן די „ווירדע פֿון דער נאַכט".

און אָט זענען פֿאָלקס־מאָטיוון אין כאַראַצס שורות פֿון — „דאָס אַלטע שנײַדער־ליד" —

שנײַדערײַ איז נישט קיין לידל פֿון אַ שיכּור אויף דער גאַס,
שנײַדערײַ איז נישט קיין זינגען אין דער אָפּערע פֿון באַס,
ס'איז אַ ניגון, וואָס מע ציט אים, ווען די אויגן זענען נאַס.

די גרויסע השפּעה אויף אַלע רומענישע ייִדישע דיכטער איז — איציק מאַנגער. ער איז זייער יצר טובֿ און יצר הרע. כאַראַץ פֿאַרמאָגט אָבער אַ באַזונדערן, אויסטיילעוודיקן קרעפּטיקן טאָן אין זײַן ליריק:

אַז ס'טוט מיר װײ אַ האַנט
טוט עס װײ דעם גאַנצן לאַנד ;
אַז דער װײטיק גרעסער װערט,
טוט עס װײ דער גאַנצער ערד,
װערט די גאַנצע ערד מײַן גוף.

זײַן ליד ״שטורעמדיק װעל איך קומען״ איז אַ ליד פֿון אונדזער צײַט, װאָס אַנטהאַלט און באַהאַלט אַ סך חשבון מיט דער װעלט און מיט זיך אַליין און איז געװענדט צו די דיכטער :

װאָס װאַרעמט איר װידער די שטולן ?
װאָס דרעמלט איר װידער שױן אײַן ?
און טרוימט פֿון נעכט מיט פֿולע
לבֿנהס מיט גיפֿטיקער שײַן.
איר זעצט זיך שױן װידער צו זױפֿן
מיט אױגן פֿאַרמאַכט אין דער נאַכט,
און זיצנדיק װילט איר אַנטלױפֿן
צו אַלץ, װאָס איז אױסגעטראַכט.

און דאָס ליד פֿאַרענדיקט דער דיכטער מיט די דאָזיקע צװײ פֿערזן —

דאָס ליכט װעט סײַ־װי־סײַ טרעפֿן —
ניטאָ קײן באַהאַלט פֿאַר אײַך,
איר װעט אין די אײגענע העפֿטן
זיך טרינקען װי אין אַ טײַך.
איר װעט אין די אײגענע ביכער
זיך אַנצינדן װי אַ װאַלד,
און שרײַען : ראַטעװעט גיכער,
און שרײַען : געװאַלד ! געװאַלד !

דאָס לעצטע ליד אין לידער-מנין איז אַ בײַשפּיל פֿון כּאַראַצס גוטן באַהעפֿטן די פֿאַלקסטימלעכקײט מיט זײַן אײגענעם אמתדיקן, לעבעדיקן ריטם, די ״פּראָסטקײט״ איז אַ מחיהדיקע און די לעצטע שורה קומט װי אַן ערלעכער און נישט געלידלטער קרעכץ —

אונדזער קלײנעם הײַזל פּונקט אַקעגנאיבער
שטײט אַ קלענערס נאָך אײַנגעבױגן, שפּל,
שיקט עס אַלע מאָל אַן אַנדער קינד אַריבער
נאָך אַ ציבעלע, אַ מערל, אַ קאַרטאָפֿל.
קומט אַ חדר־ייִנגל אין אַ פֿריען מאַנטיק
נאָך אַ שאַרפֿן העקל אָצוהאַקן שפּענער.

קומט אַ בריה אַ מיידל אין אַן ערבֿ יום טובֿ,
וויל זי זען, ביַי וועמען צוגעראַמט אין שענער.
קומט אַ פֿרומע מאַמע פֿון אַ צענדליק קינדער,
קושט זי זיך מיט מיַינער און מע זעצט זיך וויינען.
וויינענדיקע וויַיבער, ווו זיַיט אין אַצינדער —
מאַמע מיַינע טיַיערע מיט איר בעסטער שכנה ?

("אידישער קעמפֿער", ניו-יאָרק, פֿרייטיק, 18טער מערץ, 1966)

יוסף קערלער

דער סאָוועטיש-ייִדישער דיכטער מאיר כאַראַץ

צווישן די פֿיל געשטאַלטן פֿון אַ ייִדישער מוטער, וועלכע זענען פֿאַראייביקט געוואָרן אין אונדזער ייִדישער דיכטונג, וועט זיך געוויס אויס-טיילן די געשטאַלט פֿון איינער אַ פֿאַרדאגהטער עגונה אין באַסאַראַבער שטעטעלע מאַרקולעשט. מיר וועלן זי זען אַ פֿאַרהאָרעוועטע בעתן סאַר-ווערן אויף פֿרעמדע חתונות. עס וועט איבער אונדז ליַיכטן די שיַין פֿון איר צערטלעכער מאַמע-טריַישאַפֿט און אונדז וועלן בריען אירע אויס-באַהאַלטענע טרערן, ווען זי וועט זיצן ביַים פֿענצטער און אומזיסט אַרויס-קוקן אויף אַ בריוול פֿון אַמעריקע. —

"מיַין מאַמעס הענט גלעטן מיך נישט צאַרט; / מיַין מאַמעס הענט — פֿאַרהאָרעוועט און האַרט / און ווי באַקסער יעדער פֿינגער אויסגע-דאַרט. / — — — מיַין מאַמע וואַרעמט זיך די הענט ביַים גלעזל טיי; / מיַין מאַמעס הענט צעגייען ווי דער שניי — / און קלענער, קלענער, קלענער ווערן זיי".

די דאָזיקע געשטאַלט האָט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דער דיכטער מאיר כאַראַץ. זי וועט אים באַגלייטן אויף אַלע עטאַפּן פֿון זיַין דיכטערישן דערנער-וועג. די ערשטע שטריכן צו דעם לירישן פּאָרטרעט פֿון זיַין מאַמען האָט ער שוין אַנגעוואָרפֿן אין די דריַיסיקער יאָרן אין זיַין ערשט ליד אָפּגעדרוקט אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" — "אַ ייִדענע אויפֿן אַסיען-מאַרק" אַזוי הייסט דאָס ליד און נאָך אַ טעמע ווערט באַרירט אין זעלבן ליד — דאָס היימישע שטעטל מאַרקולעשט. קיינער אין דער ייִדישער-סאָוועטישער ליטעראַטור איז נישט פֿאַרבליבן אַזוי געטריַי צום פֿאַר-שוונדענעם היימישן שטעטל, צום ייִדישן אורשטאַם און דורות-באַפֿרוכ-

פּערטן באַדן ווי דער ייִדישער פּראָזע-מײַסטער פֿון אוקראַיִנע — איציק קיפּניס און דער געבענטשטער ייִדישער דיכטער פֿון באַסאַראַביע — מאיר כאַראַץ און מאָדנע, דווקא יענע, וועלכע האָבן זיך איבערגעוואַלד אַרויס-געריסן פֿון שטעטל און אַנגעהויבן אולטראַ-מאָדערניסטיש אַרויסליאַרעמען פֿון זיך אורבאַניסטישע מאָטיוון. דווקא זיי זענען פֿאַרבליבן אין זייער גאַנצן וועזן פּראָווינציעל און קליינשטעטלדיק.

קיפּניס און כאַראַץ זענען נישט קליינשטעטלדיק, זיי זענען פֿאַרבליבן ערדיש, אַקטועל און אינטערעסאַנט, פֿאַרבליבן דאָס וואָס זיי זענען — טרײַ צו זיך אַליין. אַ סך גרויסע דיכטער בײַ אונדז האָבן געזונגען וועגן בעלעם דעם ״נאַראָנים-שטעטל״, אַרויסגעפּישופּט געזאַנגען פֿון דער טי-פֿער אַפּלאַכערישער פֿאָלקס-נשמה. אויך בײַ כאַראַצן בלײַבט בעלעם אַ שטעטל, נאָר אַ שטעטל אין דער מיט פֿון אַלע שטעטלעך:

״ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט / אויף אָפּשפּיגלען בעלעם פֿון ווײַטן / אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט / געשטאַנען אַמאָליקע צײַטן / אויף אָפּשפּיגלען בעלעם פֿון ווײַטן״.

טרײַ צו זײַן היים און קינדהייט זינגט ער מיט אַ צעווייטיקט האַרץ:

״באַסאַראַביע, די היים פֿון מײַנע קינדעריאָרן, / ווי זשע נעמט מען זי אַרויס פֿונעם זכרון / און מע שטעלט זי אויפֿן טיש אַנידער — / מיט די גרויע דערפֿלעך, פֿעלדער, שאָף און רינדער! / ווי זשע שטעלט מען זיי אַנידער / פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער?״

און ערגעץ ווײַטער:

״מאַמע, מאַמע, מאַמעניו געטרײַע! / ווי זשע קען מען דיך פֿון טויט אַרויסבאַפֿרײַען? / ווי זשע קען מען נאָך דער שחיטה פֿון די שעכטער / זעצן דיך אַט דאָ בײַם טיש מיט אַלע, / אַז דיך קענען זאָלן מײַנע טעכטער, / אַז דיך קענען זאָל דײַן אייניקל, די כלה?״

מאיר כאַראַץ באַנוגנט זיך נישט מיט איכה-געזאַנגען צום פֿאַרברענטן און אויסגעקוילעטן שטעטל. ער איז אויך דער עפּיקער פֿון פֿאַרשווונדענעם שטייגער און טיפּאַזש. מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט האַלט ער אין איין אויסהאַקן און פֿורעמען ווי פֿון קופּער און שטיין קאַלירטע און אָריגינעלע שטעטל-געשטאַלטן. אָט זענען בלויז אייניקע נעמען פֿון צאַל-רײַכע לידער און פּאָעמען: ״מײַן פֿעטער שלמה״, ״שײַע שרײַער״, ״מאָטל וועליקי״, ״דער אַלטער שוסטער״ און אַנדערע שאַפֿונגען, וואָס וואָלטן זיך אויסגעטיילט און באַשײַנט יעדע אַנטאָלאָגיע פֿון דעם מין. און ווײַל דער דיכטער איז אַזוי טרײַ און צוגעבונדן צום עבֿר, איז ער אויך טרײַ און פֿילבאַר צו די מינדסטע געשעענישן פֿון דער צעשטורעמטער הײַנטצײַטי-

קייט. ער דיכטעט וועגן אויפֿבוי און אַפֿילו וועגן קאָסמאָנאַוטיק. ער זאָגט אָבער קיין מאָל נישט קיין ליגן, ווײַל ער פֿאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'האָט זיך קיין מאָל נישט געחלומט די קאַזיאָנע שירה-שמירער:

„נישט קיין ליגן זאָגן צוליב ברויט — / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט". — — „נישט קיין ליגן זאָגן צוליב גליק — / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן פֿון דער סאַמע וויג". — — „נישט קיין ליגן זאָגן צוליב פֿאַלשער פֿרייד — / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן טאָנצנדיקערהייט".

נישט קיין ליגן זאָגן! און דערפֿאַר טאַקע האָט כּאַראַץ נאָך ביז איצט נישט זוכה געווען אַרויסצוגעבן כאָטש איין „מאָגער" ביכעלע לידער. ער, איינער פֿון די קרעפֿטיקסטע און אפֿשר בײַם הײַנטיקן טאָג דער קרעפֿטיקס-טער ייִדישער דיכטער פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, ער, וואָס דערנענטערט זיך באַלד צו דעם „זעכציקער", ער, מאיר כּאַראַץ, וועמענס ווונדערלעכע שאַפֿונגען זענען צעזייט אויף דער וועלט אין די הונדערטער איבער פֿאַר-שידענע ייִדישע צײַטשריפֿטן — ער איז געווען און פֿאַרבליבן ביז הײַנט אַ „שלימזל" בײַ זיי. מאיר כּאַראַץ ווייסט זייער גוט דעם טעם פֿון אָרעמקייט, עלנט, נויט און הונגער. ער האָט שווער געהאָרעוועט בײַ פֿאַרשידענע אַרבעטן מפֿרנס צו זײַן ווײַב און קינדער. ער האָט בשעתו אָפּגעפֿינצטערט סאָלדאַטשינע בײַ די רומענער, שפּעטער בײַ די סאָוועטן — עוואַקואַציע און אַרבעטס-באַטאַליאָן. מע האָט אים אין 1949 אָוועקגעריסן פֿון ווײַב און קינד און אַרײַנגעשלײַדערט אין סטאַליניסטישע צוואַנגס-לאַגערן. פֿאַר-וואָס? ער האָט טאַקע דעמלט ווייניק געדרוקט אָבער זייער אַ סך געשריבן און נישט אַרויס קיין צעבראָכענער, קיין באַזיגטער פֿון זײַן טראַגישן גורל. ער שרײַבט לידער פֿול מיט לויב און ליבשאַפֿט צום מענטש, צו נאַטור, היים — „ס'איז אומעטיק" זאָגט ער, „צו זינגען וועגן אומעט" און טאָמער קומט אַ מאָל צו אים הינטערווײַלעכס דער טרויער מיט אַ מעסער צו זײַן רוקן, גיט זיך אים אײַן אָפּצודרוקן אַ ליד דווקא אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אונטער דעם פּיל-זאָגנדיקן קעפּל „אָן אַ נאָמען":

„דער אָוונט שאַרט זיך צו מײַן שוועל / ווי כוואַליעס צו די טײַכל-ברעגעס / און טונקל ווערט מיר אויף דער זעל / די ערשטע אָוונטיקע רגעס. / דערנאָך בײַם אָנקום פֿון דער נאַכט, / ווען דער אָרום ווערט דורכויס פֿינצטער, / ווערט עפּעס ליכטיקס אויפֿגעוואַכט — / אַ פֿונק, אַ שטערן אין מײַן פֿענצטער. / דער שטערן שײַנט און דרינגט אַרײַן / אין טונקעלן רוים פֿון מײַן נשמה. / איך לאָז די טרייסטנדיקע שײַן / דערווײַל נאָך אָן אַ נאָמען".

אַצינד האָט ענדלעך דער דיכטער אָנגערופֿן דעם פֿולן נאָמען פֿון אָט דער „טרייסטנדיקער שײַן". ער האָט אָפֿן געמאָלדן דער סאָוועטישער מאַכט

וועגן זײַן ווילן עולה צו זײַן קיין מדינת ישׂראל. מע האָט אים, ווי מיר האָבן געהערט, אָפּגעזאָגט אין זײַנע רעכט. מיר ווייסן נאָך נישט צי מע האָט אים שוין אויך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן שטיקל שטעלע, מ'שטיינס געזאָגט, מיר ווייסן אָבער איינס, אַז דעם לעבן פֿון אַ ביז גאָר באַדײַטנדיקן דיכטער דראָט אין טשערנאָוויץ אַ געפֿאַר. אין איינער זײַנער אַ ליד פֿון דער סעריע "משל-אַרטיק" שרײַבט באַראַץ:

"דײַן נאָמען איז מיר ליב, / דײַן נאָמען איז מיר טײַער, / דו האָסט אַרויסגעטראָגן מיך פֿון פֿײַער / און דיר אַ דאַנק איך לעב. / דו האָסט פֿון וואַסער מיך אַרויסגעשלעפּט / און ממש בײַ די האָר פֿון קאָפּ, / נאָר איינס פֿאַרשטיי איך נישט, מײַן פֿרײַנד, / פֿאַרוואָס דו האָלטסט זיי מיר ביז הײַנט / און לאָזסט זיי מיר נישט אָפּ".

איז עס טאַקע אַ האַרבע קשיה און מיר וועלן זי נישט אויפֿהערן צו שטעלן סײַ פֿאַר די סאָוועטישע אינסטאַנצן און סײַ פֿאַר דער וועלט: ביז וואַנען וועט איר האַלטן אין געפֿאַנגענשאַפֿט אונדזער דיכטער מאיר באַראַץ?! באַראַץ איז אויך אַ נאַציאָנאַלער דיכטער אונדזערער. אין די לעצטע טעג ערבֿ דער זעקסטאָגיקער מלחמה, ווען דאָס קליינע ישׂראל איז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון גרויסע אַראַבישע אַרמייען און נאָסער מיט דער צושטימונג פֿון רוסלאַנד האָט בלאָקירט דעם אַקאַבאַ-אײַנגוס און זײַנע גיפֿטיקע העצערישע רעדעס זענען געווען פֿול מיט רוף צו טאָטאַלן ייִדן-מאָרד, ווען זייערע האַרמאַטן זענען אָנגעצילט געווען אויף תּל אָבֿיבֿ און נײַ-ירושלים, ווען דער סאָוועטישער אַנטיסעמיט פֿעדאָרענקאָ האָט באַרויִקט די יו-ען מיט אַ טײַוולאָניש שמייכעלע "מע דאַרף נישט דראַמאַ-טיזירן" און או טאַנט האָט צוגעבאַמקעט: "די לאַגע איז דאָרט פּאָטענציעל געפֿערלעך אָבער נישט באַדראָענדיק דעמלט איז מאיר באַראַץ אַרויס מיט אַ ליד (אין דער וואַרשעווער "פֿאָלקס-שטימע"), וואָס וועגט אַריבער לויט איר באַדײַטונג די גאַנצע דיכטונג אין ייִדיש במשך פֿון די צען יאָר "סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס ליד איז וואָגיק און וויכטיק, ווײַל עס איז דאָס איינציקע, וואָס דרוקט אויס די אמתע שטימונג אין יענע טעג בײַם ייִדישן פֿאָלק אין סאָוועטרוסלאַנד. אָט איז דאָס ליד: "ס'איז שטיל" —

"ס'איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז איך הער / ווי ס'ציטערט מײַן האַרץ אין דער שטילקייט. / די ערד איז פֿול מיט געווער, / מיט שאַרפֿער אָנגע-צילטקייט. / ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער לופֿט, / די אויערן ווערן צעריסן / פֿון וואַרטן אויף אַ רוף, / אַ רוף פֿונעם וועלט-געוויסן. / ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער נאַכט, / די וועלט איז אײַנגעשלאָפֿן / און איבערגעלאָזט אַן אַ וואַך / אַזוי פֿיל מערדעריש וואָפֿן".

וויפֿל ייִדישער און מענטשלעכער אומרו, ליבשאַפֿט און ציטערניש

ליגן אין אַט די פּראָסטע שורות. מיר װעלן קיין מאָל נישט לאָזן אויף הפקר דעם מחבר פֿון אַזעלכע שורות. מיר װעלן נישט אויפֿהערן צו װעקן די װעלט־עפֿנטלעכקייט. כּל זמן די סאָװעטן װעלן נישט אַרויסלאָזן, װעלן נישט אַהיימלאָזן אונדזער דיכטער מאיר כאַראַץ װי אויך די משפּחה פֿונעם דיכטער פּרץ מאַרקיש, דעם באַרימטן ייִדישן קינאָ־סצענאַריסט און רעזשי־סער מיכאל קאַליק און אַלע־אַלע, װעלכע שטרעבן זיך צו פֿאַראייניקן מיטן ייִדישן פֿאָלק אין ייִדישן לאַנד.

("פֿאָרװערטס", זונטיק, 21סטער נאָװ. 1971)

מלך ראַװיטש

מאיר חרץ — אַן אייביק פֿאַרבענקטער פּאָעט

אייגנטלעך װאָלטן אַלע פּאָעטן אייביק געדאַרפֿט זײַן פֿאַרבענקט. און נישט סתּם זײַן פֿאַרבענקט, נאָר צעצונדן מיט אַ כּישוף־פֿונק אין זייערע נשמות און אַט דער פֿונק זאָל װערן אַ פֿײַער, אָבער נישט אַ פֿײַער, װאָס ברענט, נאָר אַ פֿײַער, װאָס לײַכט.

אַט דער מאמר איז אַ בינטל מחשבֿות װעגן פּאָעזיע בכלל און װעגן די לידער פֿון מאיר חרץ בפֿרט. אַנדערע לייגן אויס דעם נאָמען פֿון חרצן טראַדיציאָנעל און אַנדערע — פֿאָנעטיש: כאַראַץ.

נישט געקוקט דערויף, װאָס חרץ האָט געדרוקט זײַנע לידער אין אַ היפּש ביסל צײַטשריפֿטן — און דווקא נישט נאָר עקסטרעם לינקע, האָט ער עפּעס נישט באַװיזן אַרויסצוגעבן אַ סאָלידע זאַמלונג פֿון זײַנע פּאָעטישע שאַפֿונגען. און ער איז דווקא אַ גוט פֿאַרשטענדלעכער פּאָעט. מען האָט דערויף אַ װאָרט — לייענבאַר.

חרץ איז געבוירן געװאָרן אין יאָר 1912 אין אַ באַסאַראַבער דאָרף. דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע יאָרן געװוינט אין טשערנאָװיץ, בוקאָװינע חוץ אין די יאָרן פֿון מלחמה און תּפֿיסה.

חרץ האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן זײַנע לידער אין זײַנע פֿריע צװאָנציקער און די לידער האָבן זיך תּיכּף אָנגעזען מיט זייער לירישער פּשטות, אויפֿריכטיקייט — אמתע איבערלעבונג. אויך אויף דער זײַט גבֿול.

אין מערץ 1972 איז חרץ געקומען קיין מדינת ישׂראל. צוערשט געװוינט אין חיפֿה. ער איז אַלט פּונקט אַ העלפֿט פֿון די טראַדיציאָנעלע װוּנטש־יאָרן: זעכציק ביז 120... היות ער האָט אין די שװערסטע יאָרן פֿון זײַן לעבן נישט אַרויסגעלאָזט די פֿעדער פֿון דער האַנט — װעט ער מסתּמא איצט אויך נישט שװײַגן.

דיכטערס האָט אונדזער ייִדישע ליטעראַטור נישט צו פֿאַרזינדיקן. און כן ירבו. און נישט אין רירעוודיקן כּמות בלויז, נאָר אויך אין הימל-גרייכנדיקן איכות.

וואָס עס פֿעלט איר צו מאָל אַ ביסל איז מער אָריגינעלקייט, אַנדערש-טיקייט און נישט קיין קונצים, ווי מע באַצייכנט אין לשון קודש געמאַכטע אָריגינעלקייט, אָבער חרצעס לידער קומען פֿון האַרצן, דעריבער וועל איך דאָ ציטירן מאיר חרצעס ליד "כ׳פֿאַרמאַך די אויגן". עס איז אַ ליד וועגן פֿערד. אויך איך האָב מיט יאָרן-יאָרן צוריק געשריבן אַ ליד וועגן פֿערד, נאָר מײַן ליד איז אַ טראַגיש ליד. חרצעס איז נישט טראַגיש און אויך נישט קאָמיש. עס איז האַרציק מענטשלעך. אָבער לאָמיר נישט צונעמען צײַט און אָרט פֿון חרצעס שיין און אַפֿילו מוטיק ליד. אָט איז עס:

כ׳פֿאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,
ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד,
וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זײַן שיינעם גאַנג,

וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זײַן קלוגן קוק,
פֿאַר דער קלוגער מינע, פֿאַרן שיינעם קאָפּ,
וואָס ער הייבט אים אויף און לאָזט אים אַראָפּ
און שאָקלט דיר צו אַזוי ווויל און קלוג.

אַליין האָב איך אַ מאָל, שוין לאַנג
אויף אַ שיינעם געראָטן פֿערד,
דורכגעריטן אַ גרויס שטיק ערד,
אַ גרויס שטיק וועג און מיטן געדאַנק

אַוועקגעריטן צו יענער צײַט,
ווען דאָס פֿערד איז נאָך געווען די קרוין,
איז געווען דער כּבֿוד, געווען דער לוין,
געווען דער אָנשפּאַר פֿאַר העלדישע לײַט.

געווען די איינציקע פֿערדן-קראַפֿט.
אײַנגעשפּאַנט צו קלוגע פֿערד,
האָט זיך גענומען דרייען די ערד,
געוואָרן איר שטענדיקע אייגנשאַפֿט.

כ׳פֿאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,

ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד,
וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זײַן שיינעם גאַנג.

מיט יאָרן-יאָרן צוריק, נאָך אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה בין איך געווען אַ סאָלדאַט — דרײַ יאָר. איין מאָל צוליב עפּעס אַ טעות — האָט דער אָפֿיציר אַ קאָמאַנדיר געטאָן: "אויפֿשטײַגן!". איך בין געווען צוגעטיילט צו דער לײַכטער אַרטילעריע, האָב איך מיר אַ כאַפּ געטאָן צו מײַן פֿערד און איך זיץ שוין. איך רײַט שוין און נעם אײַן פֿאָניעס לענדער. איך האָב געדינט אין "קירהס" מיליטער, מחמת איך בין אַ גאַליציאַנער און איידער וואָס-ווען רײַסן זיך אַרויס די לייצעס פֿון מײַנע הענט און איך נעם אַרום דעם האַלדז פֿון מײַן פֿערד און מען יאָגט און די אימה יאָגט פֿאָרויס. דאָס פֿערדל מײַנס האָט מיט זײַן דערפֿאָרונג באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ טויג עפּעס נישט און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר געראַטעוועט דאָס לעבן און זינט דעמלט האָב איך ליב פֿערד — אָן אמתע ליבע — אָבער פֿון דער ווײַטנס. און ווער וואָלט זיך געריכט, אַז מיט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, וועל איך דערמאָנען יענעם ערשטן רײַט מײַנעם — און דערצו מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט צו אַ באַשע-פֿעניש, וואָס ברענגט מיך אַרײַן אין אַ התפּעלות. שענצט פֿאַרן אויג, קלוג פֿאַרן האַרץ און דערצו נוצלעך פֿאַר דעם חבֿר מענטש.

און עס פֿאָלט מיר אײַן אַ געדאַנק (עקסטראַוואַגאַנט אַ ביסל) אָבער איך האָב פֿאַר דעם נישט קיין מורא: ווי וואָלט אויסגעזען אונדזער וועלטל, ווען גאָט וואָלט באַשאַפֿן דעם מין מענטש אַזוי שיין און גראַציעז ווי דאָס מין פֿערד — און דאָס מין פֿערד אַזוי קלוג, אַזוי באַדאַכט, אַזוי לאָגיש, אַזוי הילף-גרייט ווי דאָס מין מענטש וואָלט געדאַרפֿט זײַן... דרײַ באַ-שעפֿענישן האָבן אין יענעם ערשטן און לעצטן רײַט מײַנעם געהערט דעם קאָמאַנדאָ פֿון אָפֿיציר. עס איז געווען אַ לעבנס-געפֿערלעכער מאָמענט, אָבער נאָר דאָס פֿערד האָט פֿאַרשטאַנען מײַן אַרומנעמען זײַן האַלדז און האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט אַ זאָג געטאָן: גיי אַראָפּ דו נאַרישער בחור — — און מײַן לעבן איז געווען געראַטעוועט און — ווען דאָס גוטע, קלוגע פֿערד וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען מײַן אַרומנעמען זײַן האַלדז און זיך אָפּשטעלן און מיך אַראָפּלאָזן, ווער ווייסט, ווו איך וואָלט שוין הײַנט געווען. צוויי מאָל דערמאָנט דער אייביק פֿאַרבענקטער פּאָעט מאיר חרץ דאָס אַרומנעמען דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד. נאָר וואָס איז דאָ צו טײַטשן און צו קאָמענטירן — נעמט אײַך די צײַט און די מי און לייענט אָט דאָס ליד נאָך — און נאָך אַ מאָל. לייענט בכלל די לידער פֿון מאיר חרץ. ווי איר געפֿינט זיי. זיי זענען שטיל, קלאָר, האַרציק, פֿול מיט ליבע צו אַלע גאָטס באַשעפֿענישן. — בעיקר מענטשן און דאָס ליד וועגן פֿערד איז אַזאַ מוטיקער חנעוודיקער זיפֿץ פֿון האַרצן, און מײַן אויפֿמערקזאַמקייט האָט

עס באַזונדערס צוגעצויגן, ווײַל אויך איך האָב אַ מאָל געשריבן אַ ליד וועגן פֿערד און ווײַל איך בין אַ וועגעטאַריער במעט דאָס גאַנצע לעבן מײַנס.

("לעצטע נײַעס", 18.8.1972)

דוד ספֿאַרד

די דיכטונג פֿון מאיר חרץ

יעדער דיכטער, ווי יעדער קינסטלער בכלל, איז פֿון דער נאַטור אַן אינדיווידואַליסט. ער קאָן נישט דאַווענען בציבור, נאָר ער שאַפֿט זיך זײַן אייגענע תּפֿילה און זײַן אייגענעם נוסח, וועלכע דריקן אויס זײַן געמיט, זײַן געשמאַק און זײַנע זעונגען. איבערטראָגן דעם אינהאַלט פֿון דיכטונג, אָדער פֿון וועלכער ס׳איז אַנדערער קונסט, דורך איבערדערציילן איז פּונקט אַזוי מעגלעך, ווי איבערצוטראָגן אַ פּונק פֿון אַ פֿלאַם. ווי פֿאַרזיכטיק און פֿאַכמענעריש מען זאָל דאָס מאַכן, וועט ער גאָר אין גיכן זיך אויסלעשן. קונסט דאַרף מען אויפֿנעמען מיט די אייגענע חושים, אָן שום פֿאַרמיטלער. העכסטנס קאָן אַ פֿאַרמיטלער זײַן בײַהילפֿיק אין אָנווײַזן טיילווײַז אויפֿן אייגנאַרטיקן סטיל פֿונעם דיכטער. מיר וועלן פּרובירן.

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער אייגנאַרטיקער סטיל פֿון מאיר חרץ?

על רגל אחת וואָלט איך געזאָגט, אַז חרצ׳ס דיכטונג איז אין דער בחינה פֿון אַ קלאָר קוואַליק וואַסער אין פּשוטע ערדענע קרוגן, און ער דערלאַנגט זי אונדז מיט אַ וואָכעדיק היימיש לשון, וואָס פֿאַרמאָגט אָבער אין דער טיף אַ באַזונדער עמאָציאָנעלן און געדאַנקלעכן אונטערטעקסט, וועלכער איז פֿון אַן אַלגעמיין-מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן באַדײַט.

דאָס אָריגינעל-פֿאָלקסטימלעכע ליד פֿאַרמאָגט געוויינלעך אַ האַר-מאָנישע גאַנצקייט צווישן אינהאַלט און פֿאָרעם. ביידע אַנטפּלעקן זיך מיט גרויס פּשטות און תּמימות אָן דעם מינדסטן אָנשטעל זיך צו פֿאַרהוילן. דער אַנאָנימער, אָדער נישט-אַנאָנימער פֿאָלקס-דיכטער דערציילט אויס אין ליד זײַן גאַנץ האַרץ, אָן שום רעשט און אָן שום אונטערשיד, צי דאָס איז טרויער, צי דאָס איז פֿרייד. ער באַנוצט זיך דערבײַ מיט ווערטער גענומענע פֿון אַלגעמיינעם פֿאָלקס-לשון, ווערטער היימישע, נאָענטע און אַלעמען באַקאַנטע, וואָס באַווירקן אונדז מיט זייער האַרציקייט און אויפֿריכטיקייט. דאָס פֿאָלקסליד פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע אַטמאָספֿער פֿון אינטימקייט,

פֿאָדערט נישט קיין שום גײַסטיקן אָנשטרענג. מען איז אין דעם, ווי בײַ זיך אין דער היים.

דאָס ליד פֿון מאיר חרץ פֿאַרמאָגט אין זיך זייער פֿיל פֿון דעם פֿאָלקס-ליד, סײַ אין לשון, סײַ אין דער אַטמאָספֿער און סײַ אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון אויסדרוק. עס איז אונדז אויך אַזוי היימיש נאָענט און באַקאַנט. אָבער גלײַכצײַטיק דערמיט פֿילן מיר, אַז ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש. כּדי דער אונטערשיד זאָל אונדז זײַן בולטער, וועלן מיר דאָס פֿאָלקסליד און דאָס חרצישע ליד פֿאַרגלײַכן צו צוויי הײַזער, וועלכע האָבן די זעלבע גרייס, די זעלבע פֿאָרם, דעם זעלבן קאָליר, די זעלבע בלומען אַרום און דאָס זעלבע מעבל אינעווייניק, נישט מער — איין הויז געפֿינט זיך אין טאָל און זײַן אויסבליק-קרײַז איז זייער באַגרענעצט, און דאָס צווייטע הויז געפֿינט זיך אויף אַ באַרג און זײַן פּאַנאָראַמע נעמט אַרום אַ ווײַטן און ברייטן שטח. פֿון חרצ'ס ליד, וואָס דערציילט, לויטן דיכטערס אויסדרוק, "מיט פּראָסטע ריידנדיקע רייד" וועגן זײַן שטעטעלע אין באַסאַראַביע, וועגן די מענטשן אין דעם שטעטעלע און זייערע טוּונגען, וועגן פֿאַרשיידענע געוויינלעכע פּאַסירונגען, וועגן דער נאַטור און וועגן זײַנע אייגענע קינדערישע יאָרן — גייט אויף אַזאַ באַרגיקע שײַן, וועלכע ווײַזנדיק די אַלע קאָנקרעטע ענינים זייער בולט און בילדלעך אין זייער רעאַלע געשטאַלטן, גיט זיי צו גלײַכצײַטיק נאָך עפּעס אַ באַזונדערע באַלויכטונג, אַ טרויעריק-דערהויבענע, ווי פֿון אַ לעגענדע פֿון פֿאַרצײַטנס. די האַרציקע בילדערישע שילדערונגען פֿון די באַסאַראַבער שטעטלעך, געסלעך, פֿעלדער און מענטשן, פֿול מיט ווייטיקלעכער בענקשאַפֿט און טיף-לירישע געמעלן, פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ זכּרון-און טרויער-ליד נאָך אַלע ייִדישע שטעטעלער, נאָך דער גאַנצער "ייִדישער מלוכה מאַרקולעשט". דאָס חרצישע ליד וואַקסט אַריבער דאָס איינצלנע, דאָס איינדײַטיקע, דערהייבנדיק זיך צו אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל. ווי אַ בולטער בײַשפּיל קאָן דינען דאָס ליד "ישעיה שרײַער" אין דער לידער-זאַמלונג "אין פֿרעמדן גן-עדן" (ז. 48), וואָס שרײַט אויס אויסטערליש און אומהיימלעך דעם בראָך פֿון אַלע אומגעקומענע.

דאָס איז איין כאַראַקטעריסטישער צייכן פֿון חרצ'ס דיכטונג, דער צווייטער באַשטייט אין דעם באַוווּנדער, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען חרצ'ס ליד לגבי יעדער דערשײַנונג אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס סאַמע פּשוטע, נאַטירלעכע, טאָג-טעגלעכע און געוויינלעכע רופֿט אַרויס בײַ חרצ'ן פֿאַרוווּנדערונג און באַוווּנדערונג. חרץ זעט די וועלט מיט די אויגן פֿון אַ קינד, פֿאַר וועלכן אַלץ איז פֿריש און בראשית-דיק: — "די וואָלקנס, ערשט געבוירן, ווי שפּעלער ווי קליינע, וואָס מ'האָט נאָך נישט געשווירן"; "עס שמעקט מיט פֿרילינגדיקן רעגן און מיט ערבֿ לעבן"! "דאָס טײַכל לעבן שטעטל רינט און רינט אַלע יאָרן און סע

רינט נישט אויס״; דער אַלטער, וואָס דערציילט אַ מעשׂה, געדענקט שוין נישט ״צי די מעשׂה האָט ער געהערט, צי ער אַליין האָט אַ מאָל אין אַ פּאַרנאַכט זי אויסגעקלערט״; די מידקייט אין מאַרק זאָגט צו איינעם אַ ייִדן: ״זע נאָר, ווי דער מאַרק זיך דרייט אַרום דיר און אַרום מיר, און ער מיינט גאָר אַז ער שטייט״. און אַז ער אַליין, דער דיכטער, דערציילט וועגן די אָרעמע גאַסן און זייערע אײַנוווינער, זעט ער, ווי ״זײַן געדיכט טרויערט און שײַנט אויף זייער געזיכט״.

דאָס אַלץ שילדערט חרץ פּלאַסטיש-רעאַל און אין דער זעלבער צײַט אויך ווי אירעאַל, ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה, נישט-דאָיִק, ווי אין דעם שיינעם און אָריגינעלן ליד —

״ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט / אויף אָפּשפּיגלען כעלעם פֿון ווײַטן, / אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט געשטאַנען אַמאָליקע צײַטן. ווען כעלעם איז געוואָרן פֿאַרברענט, / איז פּוסט אין די שפּיגלען געוואָרן״.

דאָס ליד און פֿיל ענלעכע דערצו פֿאַרמאָגן אין זיך גלײַכצײַטיק פֿיל טראַגיק, אײַנגעפּאַסט אין אַ ווייַנענדיקן שמייכל, און פֿיל פּאָעטישן חן און שפּיל.

דער דריטער כאַראַקטעריסטישער צייכן פֿון חרצ׳ס פּאָעזיע, איז די גרויסע פֿרייד פֿון דער עצם עקזיסטענץ. דער גאַנצער וועלט-באַשאַף אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען רופֿט אַרויס בײַם דיכטער נישט בלויז באַוווּנדער, נאָר אויך פֿרייד, ווי ער זאָגט דאָס אַליין אין זײַן ליד ״אונדזער דאַך״:

״איך קוק און איך קוק אויפֿן בוים, אויפֿן דאַך
און כ׳האָב נישט מיט וואָס צו פֿאַרגלײַכן די פֿרייד
פֿון קוקן בײַ טאָג אויף אַ פּשוטער זאַך,
פֿון פּשוטן קוקן שטילערהייט״.

די דאָזיקע דרײַ כאַראַקטעריסטישע צייכנס פֿון חרצ׳ס ליד — די אוממיטלבאַרע פּשטות, דער שטענדיקער באַוווּנדער פֿון באַשאַף און די דערהויבענע פֿרייד פֿון דער עצם עקזיסטענץ — און דאָס אַלץ אײַנגעפּאַסט אין אַ לויטערער געמיטלעכקייט — דערנענטערן אונדז צו דער אַטמאָספֿער פֿון יענער וווּנדערלעכער באַוועגונג בײַ ייִדן אין 18טן י.ה., וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן ״חסידיזם״. אין איר ליטעראַטור האָט די דאָזיקע באַוועגונג געשאַפֿן נישט בלויז אַ מין נאַטירלעכן איבערגאַנג פֿון רעאַלן, וואָכעדיקן און מאַטעריעלן צום אירעאַלן, יום-טובֿדיקן און רוחניותדיקן, נאָר האָט אין יעדער דערשײַנונג געזען די ביידע אַספּעקטן

גלײַכצײַטיק, ווי צוויי מדרגות, און געלערנט, אַז בלויז פֿון אונדז גופֿא איז אָפּהענגיק דער איבערגאַנג פֿון איינער צו דער צווייטער, דורך אַן עבט און אויפֿריכטיק געפֿיל, פֿריידיקער התרוממות און באַשיידנקייט.

אָבער נישט דער אָדער יענער מקור פֿון השפּעות, וועלכע יעדער דיכטער אַן אויסנאַם באַקומט פֿון פֿאַרשיידענע פּאָעטישע גײַסטער דירעקט, אָדער אומדירעקט דורך סעקונדאַרע קאַנאַלן, אין דערצידירנדיק פֿאַר דעם אָריגינעלן נוסח פֿון דעם, אָדער יענעם דיכטער, נאָר די מדרגה פֿון קאָנען די השפּעות אַסימילירן אין אייגענעם שאַפֿערישן קוואַל, אַז זיי זאָלן אָננעמען אַ זעלבשטענדיקע אייגענע געשטאַלטיקונג. די דיכטונג פֿון מאיר חרץ שטעלט מיט זיך פֿאַר אַזאַ זעלבשטענדיק אייגן געשטאַלט. דער פֿאַקט, וואָס אַזאַ קוואַליקער פּאָעט האָט אין ראַטנפֿאַרבאַנד ביז איצט נישט פֿאַר-עפֿנטלעכט זײַנע שאַפֿונגען, לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס די פֿאָלקס-טימלעכקייט פֿון זײַן דיכטונג איז נישט בלויז נישט געווען ענלעך צו דעם אַזוי פֿאַרשפּרייטן רעזשים-פֿאָלקלאָר, וועלכער איז בלויז אויסערלעך דע-קאָראַטיוו און דעמאָנסטראַטיוו, אָבער אין תּוך אויסגעהוילט פֿון יעדן עכטן נאַציאָנאַלן געפֿיל, נאָר ער איז טיף פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישקייט פֿון אַלע דורות, איז אמתער המשך.

אוממיטלבאַר, פֿאַרחלומט און פּאָעטיש-שפּילעוודיק האָט דאָס חרצ׳ישע ליד אַרויסגעהויבן די איבערלעבונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק, אין פֿולער דער-קענטעניש פֿון זייער גרויליקער טראַגיק אין אַלע דורות, אָנהייבנדיק פֿון די צײַטן פֿון מלכות-ישראל און נאָך פֿריער, ביז דעם קאָשמאַרן-סוף פֿון מלכות-מאַרקולעשט. קיין אַנדערע קעניגרײַכן האָט דער דיכטער קיין מאָל נישט אָנערקענט, וואָס עס איז צו זען באַשײַנפּערלעך פֿון אַ גאַנצער ריי לידער, ווי "פֿרעמדס", מיט וועלכן חרץ עפֿנט זײַן לידער-זאַמלונג "הימל און ערד", "דער בושל", "קבֿרים", "איך זינג און איך וואָרג זיך" ("אין פֿרעמדן גן-עדן", ז. 262) און אַנדערע.

קומענדיק קיין ישׂראל, האָט מאיר חרץ באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי לידער-זאַמלונגען, ביז איצט, אין וועלכער ער קאָן זינגען פֿריי, אַז

"איצט ווילן מיר פּראַוון שבתים
איר קאָנט אונדזער שבת-ליד הערן,
איז ווער קאָן אונדז זינגען נישט לאָזן
איז ווער וועט דעם פֿרידן אונדז שטערן ?"

לאָמיר האָפֿן, אַז דער פֿרידן און דאָס שאַפֿן וועט נישט פֿאַרשטערט ווערן.

("ישׂראל-שטימע", נומער 17(744), 4.9.1974; איבערגעדרוקט אין בוך "מיט זיך און מיט אַנדערע", ירושלים, 1984)

ש. רוויטמאַן און מ. חרץ — יובּילאַרן

(אַ באַריכט פֿון „ישׂראל שטימע" 1976)

אין קלוב פֿון די יִדישע ליטעראַטן אין תל־אביב, בית־לייוויק, איז פֿאָרגעקומען אַ גוט־באַזוכטער אָוונט לכּבֿוד דאָס צוטיילן די אַטראַן־פּרעמיע פֿונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס צו צוויי חשובֿע יִדיש־דיכטערס, עולים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד: שלמה רוויטמאַן און מאיר חרץ. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט זייער לאַנדסמאַן, דער דיכטער ה. אָשעראָ־וויטש האָט דערבײַ געהאַלטן אַ באַלערנדיקן אַרײַנפֿיר, וועלכן מיר ברענגען אים דאָ מיט קליינע קיצורים:

אינעם דאָזיקן אָוונט קומען צום אויסדרוק צוויי פֿאַקטאָרן: איינער — דער דירעקטער — היינו די עובֿדה, וואָס קאַלעגעס און לאַנגיאָריקע פֿרײַנד מײַנע זענען געפּרײַזט געוואָרן מיט אַ חשובֿער פּרעמיע פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, די אַטראַן-פּרעמיע, און דער צווייטער פֿאַקטאָר: וואָס מיר זענען איבערגעקומען אלע שלעק פֿון די טרויעריקע רדיפֿות-יאָרן, און זיצן איצט צוזאַמען אין אַ פֿײַערלעכער מסיבה בײַם דאָזיקן קליינ-פֿאַרנעמיקן, אָבער גלײַכצײַטיק גרויסווערטיקן, גוט באַקאַנטן טיש.

אין פֿאַרשיידענע קאַנטן פֿונעם אייראָפּעיִשן טייל סאָוויעטן-פֿאַרבאַנד — אין די שטעט ווילנע, טשערנאָוויץ, יאָשקאַר-אָלאַ, זענען מיר געווען ווי די שפּיצן פֿון אַ דרייעק, און די וועגן, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אונדזערע בריוו פֿון איינעם צום אַנדערן, זענען עס געווען די זײַטן פֿונעם דאָזיקן אין דמיון-עקזיסטירנדיקן דרײַעק. איצט איז, צו אונדזער פֿרייד, יענער „דרײַעק" בטל-ומבֿוטל פֿאַר אונדז, ווײַל מיר די דרײַ עקן זײַנע — זענען זיך צונויפֿגעקומען אין איין פּינטל — אין תל-אביב און צוזאַמען מיט אַ פֿערטן — אַ קאַלעגע און לאַנגיאָריקן פֿרײַנד — אַ געקומענעם פֿון בוענאָס-אײַרעס — זיצן מיר אינעם ליטעראַטור-מישכּן, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון דעם אונדז אַלעמען טײַערן גרויסן לייוויק.

מיר פֿײַערן דאָ הײַנט אַ יום-טובֿ פֿון דיכטונג. ס'איז דאָך מחוץ יעדן ספֿק, אַז ליטעראַטור איז אַ פֿונקציע פֿון מענטשלעכער דערהויבנקייט. דעם מענטשס פֿאַראינטערעסירטקייט אין אַלץ וואָס עס געשעט אַרום אים, געבווירט אין אים די נטיה צו הערן — הערן וועגן אַלץ, וואָס עס פֿאַרלויפֿט זיך ערגעץ. פֿון דעם קומען אויף די דערציילונגען וועגן פֿאַרשידענע פּאַסי-רונגען. מיט דער צײַט אָבער ווערן די דערציילונגען וועגן ווירקלעכע גע-שעענישן וואָס אַ מאָל ווייניקער און זייער אָרט פֿאַרנעמען אויסגעטראַכטע דערציילונגען — לעגענדעס און מעשׂהלעך — פֿאָלקס-שאַפֿונג. שפּעטער — מיטן וווּקס פֿון דער מענטשלעכער קולטור — ווערט די פֿאָלקס-יצירה דורכגעלאָזן דורכן ראַפֿינירט געוואָרענעם מענטשלעכן גײַסט און עס קומט

אויך דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט „ליטעראַטור" — „פּראָזע". זײַט בײַ זײַט מיט דער פּראָזע וואַקסט אויס אַן אַנדער ליטעראַטור-צווײַג — אַ מער עמאָציאָנעלער, אַ מער אַנגעגליטער — די דיכטונג.

סע זיצן דאָ איצט לעבן מיר דרײַ גוט באַקאַנטע, טאַלאַנטירטע דיכטערס. איטלעכער מיט זײַן אייגנקייט, מיט זײַן ספּעציפֿיש שאַפֿעריש פּנים. וועגן איינעם פֿון זיי — וועגן יצחק יאַנאַסאָוויטשן — איז נישט שײַך איצט צו רעדן. יאַנאַסאָוויטש און איך זענען נישט חתנים פֿון דער הײַנטיקער שׂמחה, נײַערט, אַזוי צו זאָגן „אונטערפֿירערס". אויף די צוויי אַנדערע (לויטן אלף-בית: מאיר חרץ און שלמה רויטמאַן) דאַרף מען הײַנט זיך אָפּשטעלן, אויף וויפֿל עס איז מעגלעך אין אַזאַ אָוונט — ברייטער.

סײַ מאיר חרץ, סײַ שלמה רויטמאַן האָבן אין סאָוויעטן-פֿאַרבאַנד געהאַט נישט קיין גאַר וואַזשנע מערכה. שלמה רויטמאַנס ליטעראַרישער סטאַרט, מיט אַן ערך פֿערציק יאָר צוריק, איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ סקאַנדאַליעזן בריוו, אין וועלכן זײַן געבענטשטע שאַפֿערישע אייגנקייט איז קוואַליפֿיצירט געוואָרן ווי „פֿרעמד דעם סאָוויעטישן מענטש".

מאיר חרץ, וואָס איז געווען דווקא פֿון די פּראָדוקטיווסטע יידישע דיכטערס אין סאָוויעטן-פֿאַרבאַנד, און וואָס האָט אַזוי פֿיל אָנגעשריבן, אַז ער האָט פֿאַר די דרײַ יאָר, וואָס ער געפֿינט זיך אין ישׂראל אַרויסגעגעבן שוין דרײַ ביכער, האָט געמוזט זוכן פֿאַר זײַנע לידער דרוק-אכסניות אין וואַרשעווער „פֿאָלקס-שטימע", „יידישע שריפֿטן" וכיוצא בהם.

איך דערמאָן זיך הײַנט זייער קלאָר, ווי ווערגעליס איז נאָך זײַנעם אַ באַזוך אין טשערנאָוויץ געקומען אין ווילנע און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „חרץ האָט בעת אונדזער זײַן אין טשערנאָוויץ געהאַט אַ בפֿירוש ציוניסטישן אַרויסטריט!"...

נישט בעסער, הגם אַנדערש, איז געווען די באַציִונג צו שלמה רויט-מאַנען. נאָכן טויט פֿון דיכטער משה טייף, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן פּאָעזיע-אָפּטייל אין „סאָוויעטיש היימלאַנד", האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ פּאָעזיע-רעדאַקטאָר.

משמעות, אָננעמענדיק אַז שלמה רויטמאַן, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן אין יאַשקאַר-אָלאַ, וועט געוויס וועלן אויסבײַטן דעם העק אויף מאָסקווע, האָט ווערגעליס אים אָנגעבאָטן איבערנעמען דעם פּאָעזיע-אָפּטייל אין רעדאַקציע. ער האָט אָבער איבערגעגעבן סײַ די פּראָזע, סײַ די פּאָעזיע דעם אים נענטערן אברהם גאָנטאַר...

זענען דאָס צוויי דיכטערס, יעדערער מיט זײַן אייגן פּנים און דרך, און דאָך פֿאַראייניקט זיי, נישט נאָר די הײַנטיקע „טראַנסאַטלאַנטישע" אַטראַן-פּרעמיע, נײַערט אַזוינס, וואָס נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פֿאַרשיידנ-קייט פֿון זייערע מוזעס, איז אייגן פֿאַר זייביידן.

ווען איר בלעטערט רויטמאַנס ביכער „ווײַנגאָרטנער", „דער מאַמעס

ניגון", א"אַ און חרצס ביכער "אין פּרעמדן גן-עדן", "הימל און ערד", "לידער צו אייגענע", קענט איר נישט נישט-באַמערקן אַז בײַ זיי ביידן פֿאַרנעמט אַן אויסערגעווייִנטלעך וויכטיק אָרט דאָס צוגעבונדן זײַן צום שטאָם, וואָס עס קומט בײַ זיי באַזונדערש צום אויסדרוק אין אַרויסהייבן ווי העלדן פֿון זייערע לידער די פּשוטע מענטשן פֿון זייערע פֿאַרלענדטע היימען. **בײַ רויטמאַנען**: "דער גוטער גלעזער", "דער פּליטן-טרײַבער", "דאָס וואָרט פֿון אַ בעקערל", "דער מײַסטער פֿון פֿײַפֿלער", "דער דימענט-שלייפֿער"; **בײַ חרצן**: "הערשל בערשטלמאַכער", "נתן שנײַדער", "טביה סטאָליער", "לייבל שטריקלדרייער", "דער אַלטער שוסטער" און אַנדערע. נישט וויכטיק וואָס בײַ איטלעכן פֿון זיי האָט דאָס ליד אַן אַנדער אויס-קלאַנג. מעג די שאַפֿונג זײַן בײַ איינעם פֿאָלקסטימלעך-ליריש, בײַם אַנדערן — עפּיש-אינטעלעקטועל. הצד השווה שבהם, אַז ביידע דיכטערס זענען צוגעגנאָפּלט צו זייער שטאָם, געהערן מיט דער גאַנצער נשמה צו זייער פֿאָלק, און יעדערנס דיכטונג האָט איר פֿאַרדינט אָרט אין אונדזער ליטע-ראַטור.

וועגן מאיר חרץ האָט רעפֿערירט שלמה רויטמאַן און וועגן שלמה רויטמאַנען — יצחק יאַנאַסאָוויטש. ביידע געפּרײַזטע האָבן געלייענט פֿון זייערע נײַעסטע שאַפֿונגען.

אליהו ליפּינער

אליעזר שטיינבאַרג

צווישן די "שטערן אויפֿן הימל"

אין דעם אַפּטייל "אַנפֿאַס און פּראָפֿיל" פֿון זײַן נײַ בוך לידער "שטערן אויפֿן הימל", גיט דער פּאָעט מאיר חרץ אַן עליה עטלעכע ייִדישע דיכטערס, בתוכם אליעזר שטיינבאַרג. אַ ביאָגראַפֿישער קוק פֿון פֿאָרנט, גלײַך אין דעם קײַלעכדיקן, פֿולן פּנים מיט דעם ריזיקן שטערן פֿון דעם באַרימטן טשערנאָוויצער פֿאַבוליסט, אַקוראַט ווי אַ דערמאָנונג פֿון זײַן ליטעראַרישן פּראָפֿיל אין דער ייִדישער קולטור-וועלט, איז גראַד ווי אַנגעמאָסטן הײַ-יאָר, ווען עס פֿאַלט אויס דער 45-סטער יאָרצײַט זײַנער.

תּוך כּדי נסיון אויפֿצוריכטן אַנפֿאַס און אין פּראָפֿיל שטיינבאַרגס געשטאַלט, זאָגט מאיר חרץ:

וויפֿל לאַנדסלײַט זענען נאָך פֿאַרבליבן,
וואָס געדענקען שטיינבאַרגס אויסזען און זײַן שטים ?

כ׳האָב די שטריכן פֿון זײַן פּנים אויפֿגעקליבן
בײַ די אויגן וואָס געדענקען אים.
כ׳האָב אין קאָלניקס האָלצשניט זיך געגריבלט,
וואָס ער הענגט בײַ סורקיסן אין הויז,
עד, ווען שטיינבאַרג וואָלט מיט זײַנע ברילן
אויף אַ רגע פֿון דער ראָם אַרויס!
וואָלט איך אויך געהאַט די גרויסע זכיה
זאָגן, אַז כ׳האָב שטיינבאַרגן געקענט — —

די דאָזיקע פּרעגערישע, גריבלערישע און שפּורן־זוכערישע פֿערזן האָבן מיר געבראַכט אויפֿן זכּרון אַ לאַנג־פֿאַרגעסענע זאַך. שטיינבאַרגן אַליין האָב איך אויך טאַקע ניט געקענט, אָבער מיט כּמה יאָרן צוריק, אין דער עלטער נאָך פֿון אַ דרדקי־ייִנגל, האָב איך געהאַט די זכיה אַרײַנצוקוקן אין זײַנע כּתבֿ־ידן: דיקע העפֿטן, געדיכט־באַשריבענע מיט גרויסע ניט־קאַליגראַפֿישע אותיות, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויף אַ שלעכטן "פּאַטשעראַק" — ווי מע פֿלעגט זיך דעמלט אויסדריקן אין די באַסאַראַבער שטעטלעך. די העפֿטן האָב איך געזען אין רשות פֿון מײַן עלטסטן ברודער יוסף ע״ה, וועלכער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געאַרבעט ווי עפּעס אַ מין סעקרעטאַר אין טשערנאָוויצער יודישן קולטור־פֿאַריין, און איז געווען באַקאַנט ווי אַ כּתבא רבא מיט זײַן שיינער קאַליגראַפֿיע. דאָס האָט טאַקע שטיינבאַרג אים געגעבן די אָריגינאַלן, אַז ער זאָל זיי אים איבערקאָפּירן מיט אַ בעסערן כּתבֿ, מסתּמא צום דרוק.

אָבער אויב דער פּאַטשעראַק שטיינבאַרגס איז געווען, ווײַזט אויס, ניט אַזאַ געראָטענער, האָט דער סטיל זײַנער פֿאַרבישופֿט מיט זײַן שפּראַכלעכער אײַנפֿאַלערישקייט, שוין אָפּגערעדט פֿון דער שאַרפֿער, מאַגנעטישער טעמאַטיק און פֿון דער לומדישער און אײנציײַטיק פֿאָלקסטימלעכער חכמה וואָס האָט געשטעקט אין נמשל, ווי חרץ רעגיסטרירט טאַקע:

אליעזר שטיינבאַרג, זאָל זיך מיען
נעמט זײַן פּאַק משלים אין די הענט
און ער זעצט זיך נעבן טיש אַנידער
שטילט זיך אײַן דער עולם מיט אַ מאָל
און מע הערט, סע זינגען זײַנע גלידער
מיט אַ מאָדנעם שטיינבאַרגישן קול.
עולם הערט, די בלעטלעך גיבן לשון,
ביידע ברידער מאַנגער זיצן מיט,
נטע שלינגט פֿון שטיינבאַרגס מויל אַ משל
און פֿאַרגעסט אַ רגע אין איציקס ליד.

חרץ'ס דערפֿרישונג און אויפֿלעבונג פֿון שטיינבאַרגס געשטאַלט, איז אַ דערמאָנונג, אַז דער פֿאַבוליסט וועלכער איז שוין קאַנאָניזירט ווי אַ קלאַסיקער מיט כּמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אומשטערבלעכקייט, דאַרף דערפֿאַר ניט בלײַבן אויף די אַלטע פּאָליצעס פֿון די ביבליאָטעקן לזכּרון, וואָרעם דער מאָדערנער לייענער האָט נאָך אַ סך פֿון אים צו לערנען.

אין אַן אַנדערן ליד זײַנעם "וואָס וועט זײַן", גייט חרץ אַ טריט ווײַטער אין זײַן דערמאָנונג: ווען דער פֿאַבוליסט זאָל געווען לעבן לענגער, וואָלט ער נאָך אַ סך געהאַט וואָס צו זאָגן! שטיינבאַרג איז, כּידוע, געשטאָרבן פּריצײַטיק אין יאָר 1932, און ביאַליק האָט דעמלט שטאַרק באַדויערט די פּרי-פֿאַרשניטענע בליפֿאָטענץ פֿון דעם גאונישן משלים-שרײַבער. ווער ווייסט — האָט ער געזאָגט מיט צער — וואָס דער מענטש איז נאָך בכּוח געווען צו געבן? ביאַליק — וועלכער האָט אין זײַן באַרימטן געדיכט **אחרי מותי**, אַזוי עלעגיש פֿאַרגעזען דאָס אייגענע ליד וואָס וועט איבערגעהאַקט און ניט דערזונגען בלײַבן נאָך זײַן טויט... מאיר חרץ איז אַ שותּף צו דעם דאָזיקן ביאַליקשן צער פֿון וועגן שטיינבאַרגס ניט דערענדיקטן משל:

וואָס וועט זײַן מיט יענעם האַלבן משל,
וואָס דער טויט האָט ניט געלאָזט דערשרײַבן?
ס'וועט אַ דאָך פֿאַרבלײַבן דאָך אַן לשון
און אַ פּלויט וועט דאָך אַ שטומער בלײַבן.
וויפֿל קלעצער וועלן בלײַבן ליגן,
נישט דערוואַרטן זיך צום וואָרט צו קומען,
ווײַל אַ משל איז געבליבן ניט דערשריבן,
ווײַל דער טויט האָט דעם ממשל צוגענומען.

חרץ באַגנוגנט זיך ניט מיט זײַן ראָל פֿון אַ קשיה-פֿרעגער, און אַפֿילו ניט מיט דער גראַבעניש זײַנער דורך אַ צוריק-בליק אין דער פֿאַרגאַנגענער ביאָגראַפֿיע שטיינבאַרגס; נאָר ער פּרוּווט אויך דעם אייגענעם פֿאַר-שטעלונג-כּוח דורך אַ ווײַטן פֿאַרויסבליק צו די לעתיד לבוא-מיראַזשן פֿון דעם שטיינבאַרגישן ניט-דערשריבענעם משל. דערויף טראַכט ער צו אַ נײַעם פֿיקטיוון עפּילאָג פֿאַרן לעבן פֿון דעם געאַכפּערטן פֿאַבוליסט:

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער איז ניט געשטאָרבן,
אַז ער האָט דערלעבט די היטלער-גרוילן
און ער האָט דערלעבט צו זײַן אַ קרבן
אין די קרעמאַטאָריעס פֿון פּוילן.
שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער איז לעבעדיק געבליבן,
גאַנץ אַרויס פֿון גיהנום אָסוויענצימער

און אין מיטן משל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן,
קלאַפּט מען אָן בײַ נאַכט צו אים אין צימער.

משמע, די בעלי הצענזור, די אַנטי-פּאַבל מענטשן, קומען מיט זייער אַנקעטע און מיט זייער אינספּעקציע. זיי קומען בוחן ובודק זײַן בחוט השׂערה די קאָנספּיראַטיווע מוסר-השׂכּל און אַפּילו די אומשולדיקע פּיגורן — די בהמה וואָס איז פּגירה און גיט מער ניט קיין מילך, דעם חלף און די זעג — וואָס באַוועגן זיך עפּעס פּאַרדעכטיק בעת זיי שפּילן זייערע ראָלן אין משל:

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אויך פֿון יענע ווײַטן
איז ער לעבעדיק צוריקגעקערט געוואָרן
מיט אַ האָפֿענונג אויף נײַע פֿרײַע צײַטן,
מיט אַ האָפֿענונג אויף נײַע פֿרײַע יאָרן.
שטעלט אײַך פֿאָר, אַז ער האָט גאַנץ געטראָפֿן
ס'האַלבע משל אויף זײַן טיש פּאַפּירן
און איז גאַנצע נעכט שוין ניט געשלאָפֿן
פֿון נישט קענען, וואוהין ער וויל, עס פֿירן,
פֿון נישט טאָרן, וואָס ער וויל, אונדז זאָגן,
אַ צענזור אויף אַלע חיות זאַכן
זײַנע לעמער טאָרן זיך ניט קלאָגן
אויף די וועלף, זיי דאַרפֿן זינגען, לאַכן.

מיט אָט-די ווערטער זײַנע, האָט חרץ דעם ממשל משלים אַליין פֿאַר-וואַנדלט אין אַ משל.

דער מחבר פֿון "שטערן אויפֿן הימל", איז איינער פֿון די פּראָדוק-טיוווסטע צווישן די עולים-דיכטערס פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אין ישׂראל עטלעכע לידער-זאַמלונגען. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אויך אין אַ פֿריערדיקן בוך זײַנעם, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ליד "ווי אַזוי אליעזר שטיינבאַרג האָט געשריבן", און אין דעם פּרווו זײַנעם דאָרטן צו דערגראָבן זיך צו די מקורות פֿון שטיינבאַרגס שאַפֿונג, צו די אורמאָדעלן פֿון די פּיגורן וואָס באַוועגן זיך אין זײַנע משלים, איז חרץ דערגאַנגען צו דעם ליפּקאַנער מאַרק:

אליעזר שטיינבאַרג, פֿון משלים דער מחבר
שטאַמט, ווי אַלע וויסן, פֿון אַ שטעטל פֿון אַ בעסאַראַבער,
וווּ די ייִדן אויפֿן מאַרק דאָרט פֿלעגן האַנדלען
ניט מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי סע זינגט זיך,
נאָר גאָר ווי אויף יעדן מאַרק, אויף וועלכן מע דינגט זיך,

האָבן זיי געהאַנדלט דאָרט מיט שאָף און רינדער,
און מיט פרישן קעז־און־פּוטער פאַר די קינדער,
פרישע אייער, הינער און מיט עפּל, באַרן, פלוימען
און מיט שפּילעכלעך פאַר קינדערישע טרוימען.

טאַקע צוליב אים, צוליב שטיינבאַרגן — האָב איך מיט יאָרן צוריק שוין געשריבן — איז דאָס געאָגראַפיש-פאַרוואָרפענע ליפּקאַן, האַלב בדרך-ערנסט און האַלב בדרך-הלצה, אָנגערופן געוואָרן דער **באַסאַראַבער אָלימפּ**, וואָרעם דאָס אָרט וואָס ער, שטיינבאַרג, האָט זיך אײַנגעקויפט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט באַלויכטן מיט אָלימפּישער שײַן די ערב-פסחדיקע בלאָטעס פון דעם קליינעם שטעטעלע, וואָס איז, דערפאַר, שיעור ניט אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַסאַראַבער מאַפּע, כּדי אויפצוטרעטן מאַיעסטעטיש אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

אויף דעם עקספּערימענט, מאיר חרצס, מחייה-מתים צו זײַן פאַר דעם יידישן לייענער "אַנפּאָס און אין פּראָפּיל" אַ באַרימטן לאַנדסמאַן זײַנעם, קאָן מען בכן בענטשן: ברוך מזכּיר נשכּחות.

("די אידישע פּרעסע", ריאַ, 28.10.77)

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

"שטערן אויפן הימל" — אַ פאַרנעמיקע לידער-זאַמלונג *

דו קלאָגסט זיך, ביסט שוין מיד אַזוי פיל לידער הערן.
פאַראַנען, זאָגסטו, לידער מערער שוין פון שטערן,
איך ווייס, אַז וואָס אונדז פעלט און וועט אונדז אייביק פעלן
איז נאָך אַ ליד, וואָס זאָל אויף ס'נײַ געפעלן.
— — — — — — — — — — — — —
און זאָל כאָטש איינער, קיין חילוק נישט ווער,
נישט איך און נישט דו, איז אַ דריטער,
זאָל זײַן כאָטש איינער, וואָס האָט דערהערט
דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער.
(מאיר חרץ "שטערן אויפן הימל")

מאיר חרץ האָט אין דעם לידערבוך באַזונגען, געזאָגט און דערציילט

* מאיר חרץ, "שטערן אויפן הימל", פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים, תשל"ז-1977.

וועגן אַלץ, דוכט זיך, וואָס געפֿינט זיך אונטער די שטערן אין הימל. די לידער און קורצע פּאָעמעס שאַפֿן אַ מאָזאַיִק פֿון אַן אַ שיעור קאָלירן מאָטיוון, וועלכע מ'האָט שוין אַזוי פֿיל באַשריבן און באַזונגען אָבער אין זײַן ליד אַנטפּלעקט זיך אַנדערשקייט, מעג עס זײַן אין אַ ניואַנס פֿון פֿאַרב און קלאַנג, וואָס שאַפֿט זיך דורך אַן אייגנאַרטיקן מעטאַפֿער, אַ פֿײַנעם ערשטמאָליק-געהערטן פֿאַרגלײַך.

האָב איך טאַקע בײַם לייענען זײַן בוך געמאַכט אויפֿן מאַרגינעס פֿיל באַמערקונגען און אויף וויפֿל פּלאַץ וועט מיר דערלויבן, וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף זיי. אָבער קודם וויל איך באַהאַנדלען די צוויי אויבן-ציטירטע פֿערזן, וואָס האָבן מיך אַנגערעגט איך זאָל דאָ דעם תּמצית זייערן אַוועקשטעלן נישט אין שײַכות מיט דעם בוך, נאָר בכלל מיט דער נישט-געוווּנטשענער דערשײַנונג, וואָס קענטיקט זיך אויף אונדזער ביכער-מאַרק, וועלכע איך וועל באַצייכענען: לידער-אינפֿלאַציע. כּידוע, אינ-פֿלאַציע מיינט דאָס פֿאַלן פֿון ווערטן. איז דאָס חל נישט נאָר לגבי געלט-באַנקנאָטן, נאָר אויך אין דער ספֿערע פֿון ליטעראַטור. איצט וועל איך אָבער נעמען בלויז דעם באַדײַטנדיקסטן אָפּצווײַג אירן — די פּאָעזיע.

יעדעס מאָל ווען איך לייען אַ נײַ-דערשינענעם ייִדישן לידערבוך מיט דער כּוונה צו שרײַבן וועגן אים, שטעל איך פֿאַר זיך אַליין אַוועק די פֿראַגע: צי האָט דאָס בוך עפּעס מחדש און מוסיף געווען צו דעם, וואָס איז שוין פֿאַר אים געזאָגט און באַזונגען געוואָרן? איך זוך דאָס אָריגינעלע פֿון דער פּאָעטישער דיקציע, דעם דיכטערס עמאָציאָנעל-עסטעטישע אַנ-לאָדונגען פֿון אַנונגען, פֿון שפּירונגען און געדאַנקלעכקייט מיט אַן אינ-דיווידועלן זיגל און: כ'געפֿין עס נישט, שוין אָפּגערעדט דאָס, וואָס מאיר חרץ גאַרט: "דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער".

קענטיקט זיך טאַקע בײַ אונדזער אומגעהייערער לידער-אינפֿלאַציע, אַז דאָס

> "וואָס אונדז פֿעלט און וועט אונדז אייביק פֿעלן / איז נאָך אַ ליד,
> וואָס זאָל אויף ס'נײַ געפֿעלן" (מ. חרץ).

ווי תּמיד, בײַ יעדן כּלל, זענען דאָ פֿאַראַן אויסנאַמען פֿון וווּנדערלעכע ייִדישע לידער-ביכער — כ'האָב פֿיל געשריבן וועגן זיי, לײַדער נישט וועגן אַלע — פֿון פּאָעטן, וואָס זענען געבענטשט געוואָרן בחסד עליון און די ברכה ליגט אויף זייער שאַפֿן. בײַם לייענען זייערע לידער און פּאָעמעס שטוינט מען. ווי אַזוי זיי האָבן פֿון דעם געוויינלעכן רעד-לשון צונויפֿ-געשטעלט ווערטער, זאַצן אויף אַן אופֿן, אַז זיי הייבן אַן פֿאַר אונדז זינגען און מאָלן.

און ס'טרעפֿט, כ'האָב שוין לאַנג אַוועקגעלייגט דאָס לידערבוך און עפּעס גייט מיר נאָך אַן עכאָ פֿון אַ מוזיקאַלישער פֿאַרזירונג; אַן עמאָציע

פון אַן איבערלעבעניש, אַ דאַכטעניש פון אַ וויזיע, אויסגעזונגען אַזוי ריטמיש. פאַראַן שטימונג און אַ געמיט-צושטאַנד, וואָס אַ ליד, אַ פּערז, אַפילו אַ שורה נאָר, האָט סוגערירט בײַם לייענען און דאָס איז דאָך דער כּוח פון פּאָעזיע.

אייגנטלעך, פון יעדער קונסט-פאָרם: ווען דער סקולפּטאָר נעמט אַ שטיין און טשיזלט אים אויס אין אַ קונסטווערק; אַ פיגור, אַ זאַך מיט אַ לעבעדיקן אָטעם, מיט אַ וויזיאָנערישן אויסבליק, וואָס זאָגט אונדז זייער פיל .. און אַזוי דער קונסט-מאָלער — מיט זײַנע מכשירים: לײַוונט, פּענדזל, פאַרבן — און עס באַווײַזט זיך פאַר אונדזערע אויגן, וואָס אָט דער קינסטלער האָט באַוויזן אַרויסצובאַקומען מיט זײַן טעכניק און סטיל, וויזיע, שטימונג און אייגנאַרטיקער פאַרבן-פראַזירונג. און אַזוי אויך — דער גאָט-געבענטשטער קאָמפּאָזיטאָר אין זײַן מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע פון אַן-ווערטערדיקע קלאַנגען, טענער, פאַרבן.

קומען מיר צוריק צום פּאָעט מיט זײַן וואָרט-מוזיק און ריטמישן ניגון, און — די ווערטער צום ניגון. אָבער ער שפּירט דאָך אין זײַן פינגער-באַריר דעם ריטעם פון טאַקטן און טראַפן, פון באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע קלאַנגען, געמאָסטענע און געציילטע בײַם וואָרט און קלאַנג, וואָס נאָר זיי זענען טאַקע בכּוח אַרויסצורופן אין אונדז די שפּירונג, דעם ציטער פון דאָס גרויסע געזאַנג, וואָס חרץ האָט דערמאָנט.

האָב איך אויבן דערמאָנט אונדזער אינפלאַציע פון לידערביכער, צווישן וועלכע מ׳געפינט אַזוי פיל לידער, ווי זיי וואָלטן געוועז אַ זיפּ מיט וואַסער... טאָ וואָס קען מען פון זיי פאַרלאַנגען ?! נישט קיין קליינע שולד האָט צו מאָל אונדזער פּרעסע, וואָס דרוקט זיי און טראָגט זיי אונטער צום לייענער אונטערן קעפּל פּאָעזיע... ווי אַן אילוסטראַציע, וועגן דעם אַלעם, וואָס כ׳האָב דאָ באַרירט, וועל איך נישט ברענגען קיין איין ליד פון וואָסערדיקן מין, נאָר גראָד דעם היפּוך, פון אַ שטימונגספולן אומפאַר-געסלעכן ליד, וואָס איז בשעתו בײַם לייענען, פון מיר נישט אָפּגעטראָטן אַ לאַנגע צײַט פון מײַן זכרון און געמיט; ווי אַזוי אַ גרויסער פּאָעט — משה לייב האַלפּערן — האָט אויסגעפורעמט אַ ליד און זעט פון וואָס פאַר שטאָף:

אַ, ליולקע מײַנע / צווינג מיך נישט צו ריידן פּוסטע רייד, / נישט ווײַל איך האָב דיך פײַנט, האָב איך פאַרדרייט / אַ פּאַפּיראָס — מיר פון ציגאַר־פּאַפּיר פאַרדרייט. // נאָר ווײַל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאַרך אין זיך, / וואָס קען דערמאָנען שווײַגנדיק אַן רייד / דעם אָטעם פון אַ פרוי אין שוואַרצן זײַדנקלייד, / וואָס איך האָב אויסגעטראַכט — אין שוואַרצן זײַדנקלייד. // און ווײַל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאַרך אין זיך, / וואָס קען דערמאָנען שווײַגנדיק אַן רייד / אַן ווײַטע יום־טוב־טעג

פֿאַרגאַנגענע פֿול פֿרייד, / וואָס איך האָב אויסגעטראַכט — פֿאַרגאַנגענע פֿול פֿרייד. // און ווײַל ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאַרף אין זיך, / וואָס קען דערמאָנען שווײַגנדיק אַן רייד / דעם רויש פֿון האַרבסט אין גאָרטן, ווען די זון פֿאַרגייט — / ווען די זון פֿאַרגייט.

דערמאָנט האָב איך זיך אין אָט דעם ליד בײַם לייענען אין מאיר חרצעס בוך זײַן ליד וועגן משה לייב האַלפּערן, אַז

„ער האָט מיט אַ בליץ אַרומגעכאַפּט / די וועלטן פֿון דער ווײַטן /
און מיט די נאָזלעכער האָט ער דערשנאַפּט / די ריחות פֿון אַלע צײַטן".

הערט מען אַפֿילו דורך שאַרף פֿון ציגאַר־פּאַפּיר, וואָס פּאָעזיע איז... און דאָס פֿירט אונדז צום לידערבוך „שטערן אויפֿן הימל". מאיר חרץ זעט אויס צו זײַן איינער פֿון די פֿרוכטיקסטע ייִדיש־פּאָעטן, וואָס זענען אין די לעצטע עטלעכע יאָר אָנגעקומען קײַן ישׂראל פֿון יענער זײַט „סמבטיון". דורך דער קורצער צײַט, דרײַ ביכער — און איצט דער פֿערטער — מיט אַזאַ היפּשער צאָל לידער און פּאָעמעס — איז דאָס זיכער אַ באַווײַז פֿון פּראָדוקטיוויטעט.

אויפֿן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען דאָס בוך האָט דערגרייכט די ליכטיקע שײַן. ווילט זיך באַמערקן, אַז ווי שווער עס קומט בכלל הײַנט אַן אַרויסצוגעבן אַ ייִדיש בוך, און דאָס ווייסט דאָך יעדער ייִדישער שרײַבער אומעטום. אויב עס געפֿינען זיך נאָך אָבער די, וואָס ווילן העלפֿן פֿינאַנציעל דאָס בוך זאָל דערשײַנען, איז עס דאָך אַלץ לײַכטער, ווי לגבי די, וואָס האָבן גאָרנישט אָט די מיטהילף. אָבער דער שווערסטער פּראָבלעם איז דאָך מיט קריגן די קויפֿערס און לייענערס. איז דאָ אָבער נישט דער פּלאַץ מיט דעם זיך צו פֿאַרנעמען.

מ. חרץ האָט אין זײַן לעצטן בוך געגעבן אַ בכּבֿודיקע אַכסניה איבער 300 לידער און קורצע פּאָעמעס, וועלכע ער האָט אײַנגעטיילט אין פֿאַר־שידענע גרופּעס. אַז כ'האָב איבערגעלייענט אָט די אײַנזאַמלונג, איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק די כּל־בו־סידורים פֿון דער אַלטער היים, אין וועלכע עס זענען אַלע תּפֿילות פּיוטים פֿון אַ קײַלעכדיק יאָר מיט נאָך אַ גוטן צולאָג פֿון פֿיל אַנדערע זאַכן צו זינגען און צו זאָגן פֿאַרן חזן און קהל. אויך חרץ איז אַ זינגער און זאָגער אין זײַנע לידער. און מיר גלייבן אים זיכער, ווי שווער עס איז געווען פֿאַר אים אין די באַדינגונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט דאָרטן, דעם שווערן גורל „צו שלעפּן אַרויף צו די שטערן". דעם כּוח עס בײַצוקומען האָט ער געצויגן פֿון דעם גלויבן און פֿון דער האָפֿענונג. „אַז דאָס ליד, וואָס כ'זינג אַ מאָל פֿאַר קיינעם ניט, / וועט אויך אַ מאָל דערגרייכן צון אַן אויער".

און ווען כ'האָב געלייענט בײַ אים דאָס ליד „מײַן טאָגבוך", האָב איך

בײַ דער לעצטער סטראָפֿע געפֿונען, אַז מע טאָר בעת אַ זונפֿאַרגאַנג זיך נישט פֿאַרגעסן, אַז "מיט שפּילן מיט שײַן פֿון פֿאַרנאַכטן, / הייסט בלײַבן אָן שיר און אָן עסן". אָט די, אין תּוך עכט פּראָזאַיִשע שורות דערציילן נישט בלויז וועגן דעם עבֿר דאָרטן, נאָר אויך וועגן דאָס שטעלן זיך אין דער ריי נאָך הײַנט, אָבער קומענדיק פֿון דאָרטן קיין ישׂראל "איצטער שלאָף איך רויִק אויף די ווײַסע קישנס / און אָן מורא פֿאַר אַ גיפֿטביס פֿון אַ שלאַנג"...

קומען אָבער אים צו חלום די עכאָס פֿון יענע צײַטן און צווישן זיי די דערמאָנונגען פֿון די אייגענע יוגנט-טעג, ווען "איך האָב געשפּאַנט אויף מזרח מיט אַ לויב-געזאַנג" און פֿון אַזאַ יוגנט-טאָג "אומגעקערט זיך מיט אַ שווערן זאַק מיט קלאָג".. מסתּמא איז פֿון יענער צײַט בײַ אים פֿאַר-בליבן "אַז דאָס גליק, וואָס קומט צו מיר איז צוגעזיסט מיט טרויער". דאָס דאָזיקע געפֿיל לעבן דאָך דורך פֿיל עולים פֿון רוסלאַנד, וואָס זײַענדיק שוין אַפֿילו ווי ווײַט פֿון "דאָרטן" איז דאָך פֿאַרבליבן פֿון דעם אינעווייניק אין דער נשמה און ס'איז זייער ווײַט נאָך פֿון דעם ווערטערשפּיל וועגן ווײַטקייט און ווײַטן און "מיר בלײַבן צעשיידטע אויף אַלע צײַטן". טאָקע גענומען פֿון זיי אַ גט כּדת, אָבער די עכאָס קומען צו גאַסט דורך קאָש-מאַרנעכט און דורך האַלוצינאַציעס אין מיטן טאָג און ווי ריכטיק עס איז געזאָגט אין דעם ליד "רײַפֿקייט", "מע קען דאָך נישט אויסטאָן פֿון זיך / די הויטן אַזוי ווי אַ העמדל, די יאָרן אַזוי ווי די שיך".

איך וויל דאָ, בײַ דער געלעגנהייט, אַרויספֿירן דעם לייענער פֿון אַרײַנפֿאַלן אין אַ טעות לגבי דעם פֿאַרגלײַך צווישן די יאָרן, מיט אויסטאָן אַ העמדל און שיך. אמת, דאָס קלינגט טאָקע אַ ביסל פֿון אַ באַקאַנטן טראַפֿאַרעט, וואָס ווערט גענוצט גראָד אין דער פּובליציסטישער פּראָזע, אָבער מאיר חרץ איז אַ מײַסטער אויף געבן אָריגינעלע פֿאַרגלײַכונגען, אַרויסקומען מיט אַן אומגעריכטן גראַם, וואָס איבערראַשט טייל מאָל מיט זײַן דערפֿינדערישקייט.

אונטערן קעפּל "אַנפֿאַס און אין פּראָפֿיל" גיט חרץ אַ סעריע פֿײַנע אימפּרעסיאָניסטיש-געצייכנטע געשטאַלטן פֿון ייִדישע דיכטער, פֿון וועלכע אַ טייל געהערן צו קאָריפֿייען פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. אויך פֿון מאָלערס און פֿון אַנדערע זשאַנערן אין דער קונסט.

די שטאַרקסטע צייכענונג האָב איך געזען אין דעם פּאָרטרעט פֿון אליעזר שטיינבאַרג, וועלכער, ווי אַ פֿאַבוליסט, לויט זײַן שכמו וגבוה, איז פֿאַרבליבן אוניקאַל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די אימפּרעסיע פֿונעם קינסטלער און רבי, אַרומגערינגלט פֿון זײַנע חסידים, וואָס קוקן ווי פֿאַרגאַפֿט אויף זייערס אַ וווּנדערקינד, בעת ער לייענט פֿאַר פֿאַרן עולם זײַנע משלים

"און מע הערט סע זינגען זייַנע גלידער / מיט אַ מאָדנעם שטיינבאַרגישן קול. / עולם הערט, די בלעטלעך גיבן לשון / ביידע ברידער מאַנגער זיצן מיט, / נטע שלינגט פֿון שטיינבאַרגס מויל אַ משל / און פֿאַרגעסט אַ רגע אין איציקס ליד" (ז' 149).

חרץ שטעלט אַוועק אין אַ שכנותדיק ליד ("וואָס וועט זייַן") אַזאַ האַרבע קשיה:

"שטעלט איַיך פֿאַר, אַז ער (שטיינבאַרג) איז נישט געשטאָרבן, / אַז ער האָט דערלעבט די היטלער־גרוילן / און ער האָט דערלעבט צו זייַן אַ קרבן / אין די קרעמאַטאָריעס פֿון פּוילן".

חרץ גייט נאָך ווייַטער אין פֿאַרשטעלן זיך, ווען שטיינבאַרג וואָלט יאָ ניצול געוואָרן פֿונעם היטלער־גיהנום און וואָלט געקומען דאָרטן און אָנשטאָט די האָפֿענונג אויף נייַע פֿרייַע צייַטן, וואָלט אָנגעטראָפֿן

"פֿון נישט טאָרן, וואָס ער וויל, אונדז זאָגן, / אַ צענזור אויף אַלע חיות, זאַכן, / זייַנע לעמער טאָרן זיך נישט קלאָגן אויף די וועלף, זיי דאַרפֿן זינגען, לאַכן" (זז' 150־151).

בכלל גענומען זענען די אַלע געצייכנטע פּאָרטרעטן פֿון דעם ציקל, אַ קאָלעגיאַלע שרייַבערישע דערמאָנונג פֿון אַ גאַנצער פּלעיאַדע ייִדישע קינסטלער, פֿון אַ פֿאַרשידענעם קאַליבער, בכדי אַרויסצונעמען זיי פֿון שכחה.

בייַ אַנדערע געלעגנהייטן האָב איך שוין נישט איין מאָל אונטער־געשטראָכן, וואָס פֿאַר אַ גרויסע מצווה עס איז טאַקע מזכיר צו זייַן, אַרויסהייבן פֿון דעם פֿאַרגעסנקייט־שטויב אונדזערע ראשונים און אחרונים אין דער ליטעראַטור און קונסט. קומט טאַקע חרצן אַ ישר־כּוח פֿאַר דער באַמיִונג. ס'איז נישט מעגלעך אין אַן אָפּשאַצונג וועגן אַ בוך זיך אָפּ־צושטעלן אויף פּרטים און דאָ, נישט אַפֿילו אויף אַלע ציקלען פֿונעם בוך, אין וועלכע עס קענטיקט זיך בולט חרצעס פּאָעטישער סיגנון. אָן אויסנאַם וועל איך מאַכן לגבי זייַנע ישׂראל־לידער, וועלכע גייען אַרייַן אין דעם ציקל אונטערן קעפּל, וואָס איז אויך דער טיטל פֿונעם בוך.

ווי אין אַנדערע קאַפּיטלען, קענטיקט זיך אויך אין דעם די אָפֿנקייט פֿון אַ וואָרט אין ליד; פֿון זייַנע דערפֿאַרונגען און פֿון זייער דיכטערישער עקספּרעסיע. די ציון־לידער זענען, אין אַלגעמיין, געלונגען. די פֿייַנע פּאָעטישע דיקציע אַרום זייַנע חזיונות און רעיונות וועגן ירושלים, וועגן לוד, חיפֿה, און וועגן די הייליקע ערטער, וואָס רעדן צו אים, ווי אייביקע עדות פֿון דעם, וואָס דאָ איז אַלץ געשען. דערבייַ דערקלערט ער:

„איך שטיי בײַם כותל נישט קיין פֿרומער, / איך שטיי בײַם כותל אין גאַנצן אַ שטומער, / איך דאַוון נישט, איך בין נאָר אַ הערער, / איך הער זיך צו צום כותל, מײַן לערער".

בײַם לייענען זײַן ליד „אין ירושלים", ווו ער זעט נישט קיין אָרט פֿאַר אַ יונג פּאָרל, ווו זיך צו קושן, אויסער אויף דער גאַס:

„בלאַנדזשעט אָרום און זוכט אַ דרויסן, / בלאַנדזשעט אָרום און זוכט אַ הויז. / קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן בײַם כותל, / ווו מע וויינט די אויגן זיך אויס? / קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן אין קלויז?" —

האָט דאָס מיר דערמאָנט אין אַן אַנדער ייִדישן שרײַבער (דוכט זיך באַשעוויס), וואָס האָט געהאַט באַמערקט, אַז בעת דעם ערשטן מאָל זײַנעם אין ירושלים, האָט ער מורא געהאַט, אין אָט דער הייליקער שטאָט, אַרײַנצוגיין אין אַ בית שימוש... יאָ, וועגן די יונגע פּאָרלעך. זיי געפֿינען פּלאַץ שוין אויך אין אָט דער הייליקער שטאָט.

אין דער גאַנצער אײַנזאַמלונג איז פֿאַרשפּיגלט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע, אַ געוועב פֿון אַזוי פֿיל פֿאַרבן און מאָטיוון, און דער פּאָעט אַליין גיט פֿון זיך גופֿא אַ טרעפֿלעכע כאַראַקטעריסטיק: „אָט בין איך — איך, אַ דיכטער, אַ ייִד, וואָס שפּילט מיט פֿאַרגלײַכן אין ייִדישן ליד".

אָבער אין זײַן דיכטונג איז אַחוץ „שפּיל מיט פֿאַרגלײַכן", דאָ אויך אַ טיפֿערע אַליין-אַנטפּלעקונג פֿון געפֿילס-שטימונגען און געמיט-צושטאַנדן און פֿון סימבאָליק, ווי, לדוגמא, „דער בוים, וואָס פֿילט", בעת ער איז נאָך יונג און פֿול מיט לעבן, און שפּעטער, ווען ער איז שוין אַלט און קראַנק, און „ער בענקט צום העקער פֿונעם וואַלד, / וואָס זאָל דאָס קרענקען אים פֿאַרשפּאָרן". די לאַנדשאַפֿט, דער בוים און דאָס יונגינקע ביימל פֿיגורירן טעמאַטיש אין פֿיל לידער פֿון די ציקלען. ער ווייסט וואָס ס'איז די שפּראַך פֿון צמחים און דומם,

„ביימער רעדן נאָר דורך זייער בליִען, / שטיינער דורכן אייביק האַרטן קיום / און מע דאַרף פֿאַרשטיין די ביימער, / און מע דאַרף פֿאַרשטיין די שטיינער".

פֿאַראַן דאָ לידער וועגן די סעזאָנען, פֿון טאָג און פֿון נאַכט, פֿון דעם פֿאַרטאָג און פֿון דער שקיעה, און — וועגן וואָס נישט? דאָס מערקווירדיקע איז ווי אַזוי ער ווענדט אָן דעם מעטאַפֿאָר, וואָס קען פֿאַרוואַנדלען די פּשוטע זאַכן אין סימבאָלן פֿון טיפֿער באַדײַטונג.

פֿאַראַן אויך ניט ווייניק זיך גריבלענדיקע און פֿרעגנדיקע קשיות און לידער, וואָס זענען פֿול מיט סאַרקאַזם, שפּאָט און סאַטירע; אויך לידער מיט סענסיטיווער בענקשאַפֿט, געשריבן מיט אַ דינער פען. דורך זיי אַלע פֿאַרשפּיגלט דער דיכטער מיט אַלע זײַנע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן. סע

געפֿעלט מיר וואָס ער זאָגט אין איינס פֿון זײַנע ישׂראל-לידער צו די פֿראַגע-שטעלערס אין לאַנד:

„טומלט נישט און שטעלט מיר נישט קיין פֿראַגן, / איידער נאָך איך האָב מײַן האַרץ דערהערט — / צי איך בין צופֿרידן מיט מײַן לאַגע / אויף דער אויסגעבענקטער ערד"

און ער זאָגט צו זיי ווײַטער:

„לאָזט אַליין מיך אומגיין, לאָזט מיך שווײַגן / גיט דעם רעדנער, וואָס אים קומט — אַ וואָרט, / מיר — אַ ביסל פֿרײַהײַט אויף צו שווײַגן, / שווײַגן היט די הייליקייט פֿון אָרט".

נישט נאָר אין ישׂראל, אויך דאָ אין אויסטראַליע איז מען צום נײַ-געקומענעם אַזוי זלידנע צוגעשטאַנען ער זאָל גלײַך זאָגן...

אָבער טענות וועט מען מסתּמא האָבן צו חרצן פֿאַר זײַן ליד „אין שפּיטאָל". איך ווייס, בײַ אונדז האָט מען זיך אויך באַקלאָגט אויף געוויסע דאָקטוירים און קראַנקן-שוועסטערס ווי אַזוי זיי האָבן באַהאַנדלט די קראַנקע. אויך איך פּערזענלעך האָב שטאַרקע און ווייטיקדיקע תּרעומות צו היגע דאָקטוירים און עס געשעען אומעטום די זעלבע באַדויערנדיקע האַנדלונגען, אָבער מע שרײַבט נישט וועגן זיי קיין לידער, נאָר געוויינטלעך קומט עס צום אויסדרוק אין „בריוו אין רעדאַקציע". באַמערק איך דאָס איצט אין שײַכות מיט אַזעלכע שורות פֿון חרצס ליד:

„אין דרויסן איז הייס, די שוועסטער איז אײַז / און ווײַט פֿון דער קראַנקערס טרערן... — — — אין דרויסן איז הייס און דער קראַנקער איז הייס, / זי קאָן מיט קיין האַנט נישט רירן / אויף אָפּצווישן פֿון שטערן דעם שוויס, / וואָס זידט אויף די הייסע געהירן".

און נאָך דעם:

„אין דרויסן איז הייס, נאָר דאָס עסן ווערט קאַלט, / די קראַנקע קאָן נישט נעמען / דעם לעפֿל אין האַנט, די שוועסטער באַפֿאַלט / די קראַנקע און טוט זי פֿאַרשעמען".

איך מיין, אַז אָט די שורות האָבן געקענט זײַן מחוץ די לידער (זיי פּאַסן, אַגבֿ, זיך אויך מער אַרײַן אין דער פּובליציסטישער פּראָזע), און נאָך מער די צוויי שורות פֿון דער לעצטער סטראָפֿע:

„אין דרויסן איז הייס, ס'איז קאַלט דער טויט, / ווי דאָקטוירים און קראַנקן-שוועסטערס".

האָב איך אָן רעזערוואַן מײַן פּירוש צום אָפּגעדרוקטן ליד, ווויסנדיק, אַז

דער מחבר האָט אויך, מסתּמא, געהאַט זײַנע מאָטיוון, וואָס האָבן אים באַוויגן צו שרײַבן אַזוי ווי ער האָט געשריבן... (אַגבֿ, באַוואָרנט זיך חרץ אַליין אין אַ ליד ווײַטער — "קלאָג")

"און קלאָג איך זיך אַ מאָל אויף טרויער, / איז ווייס, אַז ס'האָט אין גאַנצן לאַנד / נאָך קיינער נישט פֿאַרמאַכט זײַן טויער, / בשעת מע הערט, דער טרויער שפּאַנט".

און וועגן זיך גופֿא:

"...גלייב איר נישט מײַן קלאָג" (ז' 112).

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן מער וועגן אַ פּאָר אַנדערע לידער, ווו דער מחבר "זאָגט אַרײַן" די וואָס האָבן אים, מסתּמא, קריטיקירט, למשל אין ליד "אַהין" —

"ווײַל יענע מעסטן נישט מײַן ליד לויט מײַנע אויגן / און יענע וועגן נישט מײַן וואָרט לויט מײַן גוט־מאָרגן, / ווי ס'האָבן עס באַקאַנטע שוין געוויגן / נישט האָבנדיק קיין וויכטיקערע זאָרגן" (ז' 132).

אין אַן אײַנזאַמלונג פֿון איבער 300 לידער, אויב עס געפֿינען זיך עטלעכע, וואָס זענען געמישט מיט "שעטנז" מינערן זיי אָבער אַבסאָלוט נישט די וואָגיקייט, דעם פֿאַרנעם און קוואַליטעט פֿון דעם גאַנצן לידערבוך, וואָס איז, לפֿי דעתי, אַ בײַשטײַער צו דער ייִדישער פּאָעזיע, מיט זײַן שטאַרקער בלוט-צירקולאַציע אין אַ ריי לידער.

דער מאַטעריאַל פֿון בוך איז ווי בכלל וועגן: געבורט און טויט, פֿרייד און פּײַן, און וועגן נאַטור און נשמה-פּייסאַזשן. און די ווערטן פֿונעם לידערבוך, ווי פֿון יעדן קינסטלערישן שאַפֿן, ליגן דאָך נישט אין "וואָס", נאָר אין דעם "ווי אַזוי", אין דער פּראָזאָדיע, און אין די פֿינגער-צייכנס פֿונעם דיכטער אויף זײַנע לידער.

איך האָב בײַם לייענען, דאָ און דאָרט, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ליד, צי אויף שורות, וואָס האָבן מיך אויפֿגערודערט, אײַנגעשניטן זיך טיף אין מײַן געמיט: אין שורות פֿון שטילקייט האָב איך דערשפּירט אײַנגעוויקלטע געשרייען.

אין געוויסע לידער פֿון חרצן האָב איך אויך דערהערט אַן איבערררוף מיט אַן אויסטראַלישן פּאָעט, בערנאַרד פּעטריק אָ'דאָוד, וואָס האָט גע-שריבן — בײַ טאָג — און ס'איז נישטאָ קיין טאָג-ליכט; נישטאָ קיין וויסן — אין דעם וויסן. "דאָס לעבן — מיר זענען; די תּפֿילה — מיר זאָגן פֿון טיף צו שיף, און טויט טוט בלאָזן".

מאיר חרץ איז אָבער אַ ייִדישער דיכטער, וועלכער וואַרט אויף אַ באַשייד "וואָס באַטײַטן אָט די ווערטער, וואָס איך רייד?" און ער פֿרעגט

זיך און אונדז אַלע, וועלכע ראַנגלען זיך פֿאַר ייִדיש-קיום "צי קאָן מען זינגען אַ פֿרעמד געזאַנג. — — — צי קאָן מען גיין מיט אַ פֿרעמדן גאַנג ?".

דערמאָנט ער אונדז דעם אָנדענק פֿון אַ וואַנדערנדיקן ייִדישן דיכטער פֿון באַסאַראַביע (צבֿי כאַלאַדענקאַ), וועמען עס האָט געפֿעלט אַ פּאָר הויזן און אַ העמד און געזאָגט האָט ער :

— נאָר דו איינער, / איך בין רײַך ווי קיינער־קיינער, / כ'האָב אַ סאָלאָוויי פֿאַרשלונגען / ווען ער האָט אין וואַלד געזונגען" (ז' 65).

און אַזוי גייט אָן שטיל "דער אייביקער טאַנץ פֿון שטערן" און "אין פֿענצטער אַ נאַכט מיט אַ הימל אַ גרויסן, — — — די נאַכט האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אָן אַ שײַן — — — אַ קול האָט זיך דערהערט אין שטוב אַרײַן".

דאָס זענען אַרויסגעבאַפּטע שורות פֿון חרצעס לידער אַרומגעהאַלדזט מיט אַסאָציאַציעס פֿון רעפֿלעקטיווער ליריק, פֿון איבערלעבונגען, יחידישע, און פֿון זײַן דור.

וויל איך לסוף דאָ נאָר מסיים זײַן מיט אַ זאָג צום לייענער וועגן די עטלעכע הונדערט לידער פֿון דער אײַנזאַמלונג ; אַז טיפֿער גענומען איז אַ ליד — אַ לעבנסווערק, וואָס אַ פּאָעט שאַפֿט זײַן גאַנץ לעבן דורך די פֿאַרשידענע וואַריאַציעס פֿון זײַן נגינה. עס איז ווי אַ לעבנס-פּראָצעס, וואָס קען נישט זײַן סטאַטיש. עס וואַקסט, אַנטוויקלט זיך מיט די וואַלאַרן און אייגנשאַפֿטן, וואָס גיבן אין דעם לעבנסליד אַרײַן אַ טיפֿערן זין, און טייל מאָל — אויך מער ווי איין זין.

("די צוקונפֿט", ניו-יאָרק, אַפּריל, 1978)

יוסף אַקרוטני

"שטערן אויפֿן הימל"

(אַרום דעם נײַעם לידערבוך פֿון מאיר חרץ)

די דיכטערס, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פֿון יענער זײַט קאָרדאָן, האָבן בדרך נס אַרויסגעראַטעוועט פֿון דאָרט אויך עפּעס פֿון זייער שאַפֿע-רישן רכוש. געוווּס אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן אויך דאָס נישט געקענט טון און האָבן אַ סך דערפֿון אַרויסגעפֿירט אין זייער יסורימדיק אָנגעדראָ-לענעם זכּרון. מיר דערמאָנען זיך, אַז דער אומרחמנותדיק פֿאַרפֿײַניקטער נפֿתּלי-הערץ קאָן ז"ל האָט בפֿירוש אַלץ וואָס ער'ט געשאַפֿן אין די סאָ-

װעטישע תּפֿיסות, װוּ ר׳איז געװען לאַנגע יאָרן פֿאַרשפּאַרט, עקשנותדיק פֿאַרצײכנט אין זכּרון, און ערשט שפּעטער װען ר׳האָט גענומען אָטעמען פֿרײַ, האָט ער זײַנע לידער רעסטאַװרירט פֿון זכּרון און אונטער אַן ענלעכן טיטל אַרױסגעלאָזט אַ לידערבוך. מאיר חרץ װי זײַנע קאָלעגן האָבן אַפּנים מער ריזיקירט בײַם פֿאַרלאָזן ס׳גן-עדן, װאָס שרעקט מיט אימת-מוות אַלע שׂכלדיק-טראַכטנדיקע און ס׳איז זײ געראָטן מער אַרױסצוראַטעװען פֿון זײער שאַפֿערישן פֿאַרמעג.

מיטן דיכטער מאיר חרץ איז אױך געשען דער נס. אים איז געלונגען אַרױסצושמוגלען זײַנע כּתבֿים און דערפֿאַר איז מעגלעך געװאָרן, ער זאָל אין פּולן ליכט זיך קענען באַװײַזן מיט זײַן שאַפֿערישן אימאַזש. אין זײַנע ערשטע ביכער, װאָס זענען אַרױס אין דער ייִדישער מדינה האָט מען דער-קענט מאיר חרצן װי דעם זינגעװדיקן זון פֿון מאַרקולעשט, װאָס איז פֿאַרלענדט געװאָרן בײַנאַנד מיט דער גאַרער ייִדישער װעלט. מ׳האָט אים דערקענט װי דעם צעװײטיקטן אָבֿל נאָך זײַן פֿאַרטיליקטער היים מיט אַלע זײַנע ליבע און טײַערע.

אַפֿילו אין די אַ טריבע מאָטיװן האָט ער זיך פּרעזענטירט װי דער טאַלאַנטפֿולער פּאָעט מיטן צעבלוטיקטן געמיט, אָבער זײַן װײ איז ער מסוגל אַרױסצוברענגען אױף אַ שפּילעװדיקן אופֿן און דאָס װאָרט אַ לױטערס, אַן אָנגעזעטיקטס פֿון זײַן ראַציאָנאַלן זעען און באַנעמען די אומשטאַנדן, װאָס קומען צוהאַנדן אַ ייִדן אין דער צײַט פֿון דורכאױסיקן עלנט. יאָ, זײַן באַסאַראַביע, דאָס דערװאָרגן ייִדיש שטעטל האָט פֿאַר-װונדיקט זײַן האַרץ, געװעקט דעם רעיון און װי נישט װילנדיק עס באַלעבט מיט קלוגן בילדערישן פּענדזל, װאָס ער טונקט אױך אין פּסיכאָלאָגישן פֿאַרבן-געמיש פֿון זײַן פּאַליטרע. אָבער חרץ איז מער װי דער צעװײטיקטער עדות פֿונעם גרױסן ייִדישן חורבן. דאָס אַ אָנטפּלעקט ער טאָקע מיטן ברײט צעעפֿנטן שײַער, װוּ ער האָט אײַנגעהיטן די פּרוכט פֿון זײַן קינסטלערישער מי, בעת זײַן סאָװיעטישן גלות. צו מאָל זאָגט עדות דערױף זײַן נײַסטער לידערבוך ״שטערן אױפֿן הימל״ (ירושלים, 1977), װאָס איז גענערט מיט דער גאָב פֿון זײַן חנװדיקער אײגנטימלעכקײט, כאָטש אױסגעטובֿלט אין אומעט, ליכטיקט אַן זײַן ליד אונדזער געמיט, כאָטש זײַן װעלט צײכנט זיך אױס באַזונדערס מיט אַ שפּע פֿון... פּעסימיסטישע מעדיטאַציעס און טריבע בילדער.

אַװדאי איז עס אַן אָנגעשפּײַכלעטער אומעט זינט יאָרן פֿון נסיונות, פֿון דעסט װעגן גיט אָפּ זײַן פּאָעזיע מיט אַ מאָדנער װײכקײט. דער אַ שטריך פֿון מאיר חרצעס סטיל געהערט שױן צו דער יחידישער באַזונדערקײט, װעלכע גיט זיך אױס װי אַ שאַפֿערישע ברכה פֿונעם דיכטער. אים איז אומעטיק אױף דער גרױסער, װילד אַרומגעריסענער װעלט און דאָך גרענעצט זי זיך נישט מיט ייאוש. פֿון אים שפּרודלט מיט אַ שלל מאָטיװן,

וואָס דערציילן פֿון אַ קרעפּטיקער וויטאַליטעט, הגם דער אַרום איז וויַיט נישט קיין פֿריילעכער. פֿאַרקערט, אומעטום שטאַרצט אַרויס די שרעקיקע צורה פֿונעם קטיגור אָדער ס׳פּילט זיך דער אומריח פֿון טכויר און דאָס חרציִשע ליד לאָזט אונדז נישט גלײַכגילטיק. אַדרבא, מ׳וויל עס לייענען און ווידער אַ מאָל זיך אומקערן דערצו. ס׳שלאָגט דערפֿון אַן אומגעזעענע היימישקייט, כאָטש אַן אַרעמלעכע, ווי ס׳איז אָרעם דער אָסיענדיקער דרויסן, וואָס פּאַטש מיט זײַנע נאַקעטע צווײַגן אין פֿענצטער און דער ווינט וואָיעט אַ הונגעריקער. אונדז ווערט נאָענט דאָס געמעל פֿון דיכטער מאיר חרץ, נישט געקוקט, וואָס זײַן מעדיום שמעקט מיט דורכאוויסיקן עלנט:

ס׳איז אומעטיק צו זינגען וועגן אומעט,
ס׳איז פֿיַינלעך שווער צו זינגען וועגן פּיַין.
אַ ראָד מיט טענצער דרייען זיך אַרומעט
און נעמען מיך אין זייער ראָד אַריַין.

נישט טאַנצן הייסט דאָך אָפּשטעלן די טענצער,
נישט דרייען זיך, הייסט אָפּשטעלן די ראָד;
איך שעם זיך פֿאַר די אויגן אין די פֿענצטער,
איך שעם זיך פֿאַר די פֿענצטער פֿון דער שטאָט — — — (ז׳ 48)

אין זײַן מצודה שפּירט זיך דער דיכטער אומבאַהאָלפֿן ווי אַ פֿאַר-בלאָנדזשעט קינד. דערפֿאַר באַפֿאַלט אים אַ דאַכטעניש, אַז ס׳איז גרינגלעך מעגלעך אָפּצושנײַדן אַ שטיק פֿונעם וועג "וואָס צווישן פֿעלדער ליגט ווי ליַיוונט אויסגעשפּרייט (און דאָס) אַנטון ווי אַ קלייד. און אויב אַ וואָגן באַרג-אַרויף פֿאַרלירן וועט אַ ראָד, וועל איך אים נעמען אויף מיַין גוף און ברענגען גליַיך אין שטאָט"... (פּ׳ 49). ס׳איז אַ באַלאַדישער נימשל, פֿון וועלכן ס׳לאָזט זיך דרינגען, אַז מיט כּל הכּוחות וויל דער דיכטער בײַקומען דעם גריזשנדיקן אומעט, וואָס אַנגעלעבט זיַין לעבן-לאַנג. ער האָט זיך אַפֿילו איַינגעלעבט מיטן דלות, וואָס רופֿט אים צוריק אַהיים. דעם דלות האָט דער דיכטער שוין אַפֿילו "פֿאַרמענטשלעכט", אַז ער קען שוין נישט אויסקומען אָן אים, אָן מאיר חרץ; ער וואַרט בײַנײַס אויף אים, דעם זון פֿון פֿאַרטיליקטן שטעטל. סע רעדט צון אים דער דלות ווי אַ האַרטנעקיקער פֿאַרשוין, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן. אין ממשות איז דער דיכטער געווען פֿאַן-בראַט מיטן דלות שוין בנעריו, אָבער אַצינד איז אים נישט ניחא זיך אויסצודרייען צו אים: כּעסט ער זיך, דער פֿאַרשײַטער דלות און דער דיכטער נעמט אויף זײַן גריזאָטע מיט אַ ביטערן שמייכל. צו מאָל ווערט ער שטיפֿעריש איז זײַן אומאָפּטרעטלעכן עלנט. ער רעדט מיט בילדער, מיט רעליעפֿער פּלאַסטישקייט, וואָס איז אַן עיקר-מעלה אין דער נאַראַטיווער קונסט פֿון חרצעס פּאָעזיע אַפֿילו, ווען איר קעגנשטאַנד איז

די באַגעגעניש צווישן דעם לעבעדיקן מענטש און דער טויטער נאַטור אָדער מיט זאַכענישן, וואָס זענען אָן אַ צונג. דערפֿון, אַז עס איז מעגלעך דאָס אוממעגלעכע אין דער אַ קונסט, זאָגט טאַקע עדות מאיר חרץ, וואָס דערציילט, אַז ר׳האָט געפּרוווט פֿאַרפּאַקן דאָס פֿעלד און דעם וואַלד און זיי ברענגען אין שטאָט אַרײַן

״נאָר דערזען — דאָס פֿעלד איז נאַקעט / און אַ דאַך אויף ביימער הענגען. / האָב איך צו די ווײַטע פֿעלדער אָפּגעלאָזט דאָס פֿעלד אַהיימ־גיין, / האָב איך צו די ווילדע וועלדער / היימגעלאָזט דעם וואַלד מיט ביימער. / און געבליבן בײַ די שטיינער / בײַ די טירן, ווענט און שויבן / און נישט נאָכגעגאַן די ביימער, / ס׳האָט צום וואַלד מיך נישט געצויגן״ (ז׳ 39).

צו דער אומהיימלעכקייט פֿון דער וואַלדישער טונקלעניש שפּירט ער אַן אינסטינקטיווע מורא, קאָן מען אָננעמען, אָבער אַ שטיפֿעריש אָדערל פּולסירט אין דעם דיכטער, ווען דער אומעט האַלט בײַם גרגרת. גלוסט זיך אים גאַסן־מוזיק הערן בײַ נאַכט, וויגט ער זיך אין שאָטן פֿון אַ לאַמטערן:

״מאַך איך גרימאַסן, און זשעסטן — — — — / אַ שוחט, וואָס קוילעט אַ לעמל, אַ קעלבל, / וויגט זיך אַ שילד אויף אַ קאַלבאַס־געוועלבל / וויגט זיך אַ שילד גאָר און איך אין דער מיטן / כ׳פֿיל ווי אַ חלף וואָלט מיך עס צעשניטן״ (ז׳ 36).

אמת, פֿון דעם דיכטער רעדט שווערער אומעט, אָבער איינצײַטיק גייט אויף אין אים ווי אַ קעגנבאַלאַנס אַ בײַסיקער סאַרקאַזם און צו מאָל — אַ שאַרזש, וואָס צייכנט שאַרפֿן קידער־ווידער צווישן דעם פּאָעט און דער האַרבער וואָר.

אין דעם רוב לידער און באַלאַדעס חרצעס שפּירט זיך ביטערקייט פֿון די גרויליקע איבערלעבענישן, וואָס האָבן זיך טיף אַרײַנגעשניטן אין מהות. דערפֿון די פֿאַרשידנקייט פֿון די מאָטיוון, וואָס לייענען זיך אָפּטלעך ווי אַ וואָרהאַפּטיקער דאָקומענט, כאָטש ער איז געהאַלטן אין די געצאַמטע נאָרמעס פֿון פּאָעטיק, באַזונדערס שיין, אין פּלאַסטישן געמעל, זענען זײַנע מיניאַטורע סילועטן, וואָס שימערן אַרויס פֿון עטלעכע פֿערזן, למשל:

אַ קאָפּ פֿון אַ זקן אַ גרויער,
אַ בלאָנדער קאָפּ פֿון אַ קינד,
אַ לויטערער הימל אַ בלויער,
אַ לינדער, אַ וואַרעמער ווינט.

צוויי שורות מיט הויכע הײַזער,
אַ ברייטע געשטיינערטע גאַס,
אַ שטאָטישער זייגער מיט ווײַזערס,
מיטן ציפערבלאַט אַנפאַס. — — (ז׳ 54).

דער דיכטער קאָן אָבער אויך זײַן שטורעמדיק און שטורעם וועקט זיך אויף אין אים מחמת ווידערווילן צו מאָראַלישער אָדער עטישער חזיקות, וואָס עס איז גורם דער אָדער יענער. ער איז באַשײַמפּערלעך אויסגעקנאַטן פון פאַלקישער עניוות, אלא עוולות, קליינלעכקייטן, בכיוונדיקע שאָדוינעס פאַר וועמען עס איז, קענען אים ווי טאָן, פונקט ווי אים קאָן פרייען יענעמס פרייד. דערפאַר זײַן „בירגערלעכער מוט״ זיך צו בעסן, וואָס ער באַגרינדעט מיט דער פשטות פון דעם וואָרצל, וואָס זייגט די זאַפטן פון דער מאַמע-ערד. זײַן ליד „מײַן אוצר״ דערציילט דערפון אַלעגאָריש:

— איצט מאָנט איר אײַער רעכט אויפן פאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון.
דעם אוצר, וואָס איך האָב אַליין אין וועג
געטראָגן אין די סאַמע שווערסטע יאָרן,
האָב איך געבראַכט פאַר מײַנע לעצטע טעג
און כ׳וויל אים אויך פאַר מײַנע קינדער שפּאָרן.
אומזיסט איז איצט נאָך מיר אײַער געיעג,
איר וועט שוין ווײַט אַצינדערט נישט פאַרפאָרן.
ס׳איז מערער שוין נישט אײַער דער פאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון — —
איך האַלט נישט מײַן פאַרמעגן אויף קיין שלאָס,
איך וויל פאַר קיינעם גאָרנישט נישט באַהאַלטן. (ז׳ 76)

קלאָר, דער דיכטער האָט אויף וועמען צו טראָגן אַ שווער האַרץ, אים זענען געשען מוראדיקע עוולות. ווי סע זענען אָפּגעטאָן געוואָרן רשעותן זײַנע נאָענטע און ליבע. מיט זײַן געבייזער קען ער אויסן זײַן הן דער ממשלת זדון, וואָס האָט חיהש געשניטן זײַן לעבעדיק לײַב, והן אַ מענטשן-גרופּע, מיט וועלכער ער איז געצווונגען צו הויזן. ער קען זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַרויסקומען מיט תּרעומות קעגן זײַן אייגענעם שרײַבערישן צעך... ס׳איז געווען איבערצולייענען זײַן ליד „שטורעמדיק וועל איך קומען״ (זז׳ 77-78) בכדי זיך איבערצײַגן, אַז ס׳איז פאַראַן ערנסט אין זײַן הייסן וואָרט, וואָס ער איז גרייט צו ברענגען אין הויז פון אייניקע דיכטער...

און קלאַפּן אין טיש וועל איך קלאַפּן / און שרײַען דאָס גרעסטע געשריי
— — / איר הערט? די וואָרצלען וויינען. / די וואָרצלען פון בוים,

וואָס בליט / צי מיינט איר, מע קען אַלץ פֿאַרניינען / דערפֿאַר וואָס מע זעט זיי ניט? — — / ווּהין? איר ווילט אַנטרינען. / באַרימטע, באַוווּסטע לײַט, אַ שאָטן ווילט איר געפֿינען / אויף איבער דער זונען־צײַט.

ווילט איר נעמט עס ווי אַן אַלעגאָריע, פֿאַר יעדן פֿאַל איז עס אַן אַנקלאַג־אַקט פֿון מאָראַלישער וואָג, אַן אַנקלאַג, וואָס רעדט מיט באַקציינער.

מערקווירדיק און אָריגינעל, חוץ דעם וואָס דאָס איז אַ נײַער זשאַנער אין חרצעס לידערשאַפֿט, איז די סעריע אָריגינעל־געצייכנטע כאַראַקטע־ריסטיקעס פֿון אַ גרעסערער גאַלעריע שרײַבערס. דאָס זענען פּאָרטרעטן אין רעאַליסטיש־דמיונותדיקן געמעלן פֿון אַ פּאָעט אַ מעדיטאַטיוון ליריקער פֿון רײַנסטער פּראָבע. טייל פֿון די עטיודן זענען געגעבן נאָר אין פּראָפֿיל פֿון די שרײַבערס, וועמען ער צייכנט מיט קוילן־ליניעס אָדער מיט דינע פּענדזל־שטריכן. אָט איז אַ הרף־עינדיקער געמעל פֿון משה־לייב האַלפּערן, אַ פּאָרטרעט, וואָס איז אי פּסיכאָלאָגיש דורכדרינגלעך אי פּלאַסטיש בולט:

„משה־לייב, דער ריטער פֿון גראָבע רייד, / איז קיין מאָל נישט געזעסן אין זאָטל, / זײַן פֿערד איז געשלאָפֿן שטייענדיקערהייט / און ער האָט געריטן אויף זײַן שאָטן. / נאָר צו וואָס באַדאַרף מען האָבן פֿערד / אין שטעט מיט אײַזערנע מאַשינען? / משה־לייב האָט געגאָרט נאָך אַ גרין שטיק ערד, / ער איז שיער נישט אַראָפּ פֿון זינען — — — / ער האָט אין זיך ווי אין אַ טאָפּ / אָרײַנגעשיט די געשיכטע, / זי אָפּגעקאָכט אין זײַן הייסן קאָפּ / ווי אַ קאַשע פֿון רײַז אַ געדיכטע, / דאָס מאכל דערנאָך צווישן דיכטערס צעטיילט, / פֿאַר יעדן דיכטער אַ ביסל / און זיך אַליין האָט ער אויסדערוויילט / און געקריינט מיט דער ליידיקער שיסל“ — — — — —

ס'איז אַ טרעפֿלעך, שטאַרק בילד פֿון משה־לייבן דעם פּרינץ פֿון דער פֿלעיאַדע אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן. געוויס, מיט די אַ פֿערזן גיט דער מחבר אַנצוהערעניש אויף דער ביטערער מערכה פֿונעם יידישן דיכטער, וואָס אים בלײַבט נאָר צו קלאַפּן זיך קאָפּ אין וואַנט, בפֿועל ממש צו שלאָגן זיך מיט די פֿויסטן אין אייגענעם קאָפּ כּדי נישט אומצוקומען שעפֿעריש מיט אַטראָפֿירטע חושים, צוליבן גלײַכגילט מצד דעם גרויסן יידישן ציבור צום גורל פֿון זײַנע גײַסטיקע שאַפֿערס. חרץ ענדיקט טאַקע משה־לייבס פּאָרטרעט ווי ער קלאַפּט זיך מיט די פֿויסטן אין סאַמע מיטן גאַס אין דער ראָל פֿון אַ גאַסנפּויקער, וואָס פֿאַלט סוף כּל סוף צו צו אַ שטיין און גיסט זיך מיט אים צונויף. פּראַכטיקע פּאָרטרעטן און עטיודן כאַראַקטעריסטיקעס ברענגט ער פֿון לייוויקן, פֿון אליעזר שטיינבאַרג, יעקבֿ שטערנבערג, איציק מאַנגערן, דוד האָפֿשטיינען, שמואל האַלקינען, רייזל זשיכלינסקין. אויך

פֿון דיכטערס ניצול-געוואָרענע פֿון סאָוועטישן גן-עדן, ווי שלמה רויטמאַן, יוסף קערלער, יאָסל לערנער ווי אויך פֿון מאיר חרץ.

די אונטערשטע שורה: מאיר חרץ, דאָס לעבעדיקע בילד ווערט שלימותדיקער מיט זײַן יעדן בוך.

(״ישראל-שטימע״, 14טער מערץ, 1979)

זלמן שלאָסער

״דאָס פֿינפֿטע ראָד״

אַ באַנד לידער פֿון מאיר חרץ, ירושלים, 1978

די לידער און געזאַנגען אין דעם באַנד ״דאָס פֿינפֿטע ראָד״ זענען מערסטנס קורצע און גלײַכצײַטיק אויך דערציילעריש. נאָר טייל לידער זײַנע, די טיף יחידישע, צאַרטע, די פֿון בענקשאַפֿט און פֿון ליבשאַפֿט געפֿורעמט, האָב איך לאַנג, זייער לאַנג געלייענט. נישט מחמת כ׳האָב זיי נישט געקענט פֿאַרשטיין, נאָר גאָר פּשוט, כ׳האָב זיך נישט געקענט באַפֿרײַען פֿון זייער ווירקונג, פֿון זייער מאַגיק. די ווערטער זענען פּשוטע ייִדישע ווערטער און דאָך מעלאָדיש; די בילדער זענען מערסטנס אָפֿענע, נישט פֿאַרהוילן מיט זיבן שלייערן און דאָך פֿאַנטאַסטיש און קאָלירפֿול. און דאָס געמיט איז לײַכט און שפּילעוודיק.

״אָט קלײַב איך מיר אויס אַ פּאָר פֿליגל,
די פֿאַרביקסטע קלײַב איך מיר אויס
און מעסט זיי מיר אָן קעגן שפּיגל
און פֿלי מיר אַוועק פֿון מײַן הויז.

אָט יאָג איך אַריבער די פֿייגל,
און טו זיך אַ דריי און אַ בויג,
סע ווינקט מיר די ערד מיט אַן אייגל,
איך ווינק איר צוריק מיט אַן אויג״.

און אַפֿילו אין אַ שווערער ליד פֿון דעם ״פֿרעמדן גן-עדן״, וווּ דער פּאָעט דערציילט וועגן דער ריזיקער אַרבעט צוריק אויפֿצובויען דאָס פֿון מלחמה-פֿאַרוויסטע לאַנד, דערציילט ער דאָס לײַכט און שפּילעוודיק:

״מיר בויען אַ פֿאַרביקן גאָרטן לויט אַ געמאָלטן פּלאַן,
מיר מעסטן דעם וועג צו די שטערן און בויען אַהינצו אַ באַן.

מיר שיקן אַ שיף צו דעם אינדזל, וואָס וויַיזט זיך ביַי נאַכט מיט שיַין
און ברעגנגען פֿון דאָרטן שטיינער און מויערן דאָ זיי אַריַין.״

אָט די לידער, הגם זיי איבעררּאַשן אונדז ניט מיט עפּעס אויסערגע־וויינלעכעס, ניַיעס, זענען גוטע ייִדישע לידער ווי אַנדערע גוטע ייִדישע לידער. אין בוך געפֿינען מיר אָבער פֿיל צאַרטע, טיף־לירישע לידער ווו דער פּאָעט דערציילט וועגן זיַין פּערזענלעכן אומעט, בענקשאַפֿט און פֿרייד און וואָס מען דאַרף לייענען פּאַמעלעך מיט אַ רויִק געמיט און אָפֿן האַרץ, ווי למשל דאָס ליד ״פֿון דיַין בענקשאַפֿט באַגלייט״: —

״מיַין טיר איז צוגעשלאָסן,
אין פֿענצטער איז לאַנג שוין נאַכט,
דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן,
די אויגן ווערן פֿאַרמאַכט.
דער פֿידלער אויף יענער זיַיט פֿענצטער
איך פֿיל אים אויף מיַין געזיכט,
איך פֿיל אים דורך די פֿענצטער,
איך הער ווי ער רעדט צו זיך:
אַז איך וועל די סטרונעס אַ ריר טאָן
און טאָן מיטן סמיק אַ פֿיר,
אַז איך מיטן סמיק וועל אַ פֿיר טאָן
און גרייכן ביז צו דער טיר,
וועסטו שוין ליכטיק מאַכן,
די אויגן אַן עפֿן טאָן
און ס׳וועט זיך מיַין פֿידל צעלאַכן
פֿון דעם וואָס אַ פֿידל קאָן
און דו וועסט דיַין טיר אַ צעפּראַל טאָן
מיט שיַין אין דער גאָרער ברייט
און איך וועל נאָך איין מאָל אַ שטראַל טאָן
און אַוועק פֿון דיַין בענקשאַפֿט באַגלייט.״

אָדער דאָס ליד ״11 טער דעצעמבער 1940״; ״און איך בין אַריבער־געשפּרונגען״; ״דער אָטעם אין אויער״ און נאָך אַנדערע.

אַ סאָפֿיסטיצירטער לייענער קען אפֿשר זאָגן, אַז אַזעלכע לידער זענען נישט קיין אויסנאָם אין דער ייִדישער פּאָעזיע. זיי זענען בלויז אין טאָן פֿון אונדזער ליריק. אויף דעם קען מען ענטפֿערן, אַז שוין דאָס אַליין איז אַ הויכע מדרגה צו דערגרייכן. אין אָט דער ליריק אַנטפּלעקט זיך מאיר חרץ, דער עולה פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד, אין זיַין פֿילגעשטאַלטיקייט ווי אַ מייסטער זינגער. ער איז מעלאָדיש, שפּילעוודיק און בילדלעך אין גראַם און אין

פּרײַען פּערז. דאָס איז זײַן פֿינפֿטער לידער-בוך געדרוקט אין ישׂראל במשך די עטלעכע יאָר וואָס ער וווינט דאָרט און שאַפֿט ווײַטער זײַנע פּאָעטישע פּערזן.

פֿאַר דער ייִדיש-שאַפֿונג אין ישׂראל איז אפֿשר כאַראַקטעריסטיש וואָס דאָס בוך הייבט זיך אָן מיטן ליד "אין פֿרעמדן גן-עדן" און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַן אַכט שורהדיק ליד: "אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש". צי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער לופֿט פֿון מדינת ישׂראל צי פֿאַרן פּאָעטס געמיט, ווייס איך נישט גענוי נאָר איך פֿיל אַז ערגעץ-וווּ, צווישן די צוויי הונדערט און זעכציק לידער קען מען דעם סוד געפֿינען און אויפֿקלערן. אויף זײַט 39 לייענען מיר דאָס ליד: "איך בין צו דעם גליק געפֿלויגן":

"איך בין צו דעם גליק געפֿלויגן
און קראַנק געוואָרן פֿון פֿליִען,
איצט קום איך מיט נאַסע אויגן
אויף טרוקענע שטיינער צו קניִען."

און ער דערציילט ווי אין די פֿרעמדע הייכן האָט ער געזוכט דעם שפּיץ פֿונעם בבֿל-טורעם, אָבער איצט איז ער געקומען בעטן בײַ די זאַמדן אין מדבר אַ בעט פֿאַר זײַנע אַלטע ביינער. איצט רוט ער אין דעם ווייכן זאַמד פֿון מדבר און געניסט פֿונעם הבֿל הבֿל. דאָס איז מסתּמא אַ צייכן פֿון פּאָעטס געמיט און אפֿשר אויך אַן אַנצוהערעניש אויף דער אילוזיע פֿון קיבוץ גלויות. וואָרעם זײַן אייגנאַרטיקע נייגונג צו שפּיל און שפּאַס און סאַטירע איז דאָ שטאַרק קענטיק. אמת, נישט אַלע מאָל איז דאָס לעבן אַ שפּילעכל. צו אָפֿט האָט דאָס לעבן אויך אַ טראַגישע אויסווירקונג. די גוטע חלומות רינען אויס און מען בלײַבט מיטן טרויער:

"די נאַכט האָט אַ גאַנצע נאַכט געגלעט מיך,
דער טאָג האָט געשניטן מיט מעסערס"

— איז ער אונדז מגלה. דאָך צווישן טאָג און נאַכט, צווישן אַ גלעט און אַ שניט באַווײַזט ער נאָך זיך אַ שפּיל צו טאָן מיטן לעבן אויף קידער-ווידער:

"קער איך איבער אַ כמאַרע
אויף דער לינקער זײַט,
בײַט זיך איבער די מראה
פֿון דער וועלט אין דער ווײַט."

פֿון צײַט צו צײַט גייט זײַן ווייטיק איבער אין בײַסיקער סאַטירע אויף קאַלעגן-פּאָעטן. פֿון זײַנע לידער קריג איך דעם אײַנדרוק, אַז ווען ער איז לכתּחילה געוואָרן אַ בירגער אין סאָוועטישן גן-עדן איז ער בטבֿע מסתּמא

געווען אַ גוטמוטיקער, האַפֿנונגספֿולער מענטש און אַפֿשר אויף געהאַט געוויסע גן-עדן אילוזיעס. ס׳איז באַקאַנט אַז גרויסע טיילן ייִדן פֿון די דורך-די-רוסן-פֿאַרנומענע טעריטאָריעס זענען מיט פֿרייד געלאָפֿן זיך ראַ-טעווען אין ״רויטן גן-עדן״. עס האָט זיי ניט גענומען לאַנג אויסצוגעפֿינען זייער ביטערן טעות:

״פֿון גן־עדן־קנעכט די היטער
און די סטאַלינישע ריטער
וואַרפֿן אָן אַ שרעק, אַ ציטער —
אוי איז ביטער, אוי איז ביטער!״

ס׳איז קודם מלחמה-צײַט, גלײַך נאָכן פֿאַלשן שלום צווישן היטלער-סטאַלין. רוסלאַנד בלוטיקט און פֿאַרלירט. ס׳גאַנצע לאַנד איז אײַנגעשפּאַנט אין בלוטיקן יאָך. און אויך דער פּאָעט גייט אין שפּאַן, טראָגט דעם יאָך צו שטאַרקן און מונטערן מיט זײַן וואָרט. ייִדן בכלל רײַסן זיך צום קאַמף קעגן נאַצי-שׂונא. ייִדישע פּאָעטן שרײַבן קאַמפּס-לידער, מאיר חרץ שרײַבט אַ ליד:

״און שטאַרק איז דער שטראָם פֿון די רויטע אַרמייער
וואָס טרענקען די קריגער אין אייגענעם קריג״ אאַ״וו.

סוף כּל סוף, נאָך אַלע קרבנות, ווען דער טאָג האָט זיך דערנענטערט, האָט דער פּאָעט געקענט זינגען מיט אמתע פֿרייד:

״דער לעצטער עכאָ פֿונעם לעצטן שאָס
האָט אָפּגעקלונגען איבער חורבות, קבֿרים
און ס׳האָט נצחון־שײַן געטאָן זיך אַ צעגאָס
פֿון מזרח־זײַט, פֿון מערבֿ און פֿון דרום.״

און עס הייבט זיך אָן די סטאַלין-קרעמל-שפּיל. אַ סוף צו אַלע ייִדישע קאָמוניסטישע אילוזיעס:

״די קאָ־גע־בע־לײַט לייענען נישט קיין לידער
און קענען נישט דעם דיכטער פֿון זײַן בוך.
זיי קענען בלויז דעם גוף זײַנעם, די גלידער,
צעשלאָגענע פֿון זיי בעת אַ נאַכט־באַזוך.״

מאיר חרץ איז איצט אַן אָנגעזעענער ייִדישער פּאָעט צווישן די ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל.

(״חשבון״ נומ׳ 94, לאָס אַנדזשעלעס, סעפּטעמבער 1979)

מאָטל סאַקציער / יפו

מיט די פּשוטסטע ווערטער

(וועגן מאיר חרץ)

כּמעט איינציַיטיק מיט דער מערקווערדיקער גרופּע יונג-ווילנע, פֿון וועמעס אויפֿקום עס ווערט איצט אַ האַלבער יאָרהונדערט, האָט זיך אַ רודער געטאָן אויך אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס די וועלט האָט געקענט ווי דאָס ווײַגעלע פֿון ייִדישן טעאַטער און נאָך זייער ווייניק געוווּסט וועגן דער קליינער שרײַבער-גרופּע, וועלכע איז אינטעלעקטועל און קינסטלעריש ניט געווען הינטערשטעליק לגבי די מאָדערנע דערגרייכונגען פֿון די גרויסע קולטור-צענטערס. אויך אין דעם לאַנד האָט זיך גענומען אויסשיילן, זיך געשטאַלטיקן, אַ שאַפֿערישע גרופּע וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען יונג-רומעניע.

דאָס איז געווען איין יאָרצענדליק פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה. פֿאַרן ייִדישן שאַפֿן אין דעם גרויס-רומענישן מלכות איז דאָס געווען אַ גאָלדענע, ראָמאַנטיש-דערהויבענע דעקאַדע. פּלוצעם איז געשען אַן אינוואַזיע פֿון יונגע זינגערס און דערציילער-טאַלאַנטן. פֿון די וואָכעדיק-גראָע, פֿאַראָרעמטע שטעטלעך צווישן דניעסטער און פּרוט האָבן זיך געטראָגן איבעררופֿן מיט די יונגע זינגערס און טרוימערס פֿון מאָל-דאָווע און בוקאָווינע און אַפֿילו מיט דעם אַ סך ווײַטערן פֿאַרפֿרומטן, אָבער אין שירה זיך פֿאַרגייענדיקן יונגוואַרג פֿון סיגעט, וואָס האָט שוין אום-זיכער אַרונטערגעשאָרט די פּאות הינטער די אויערן און פֿאַרשטעקט אין גאַרטל די זיך טעלעבענדיקע אַרבע-כּנפֿות.

דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער פֿענאָמען פֿון אַ שטורמישן ליטע-ראַרישן צעבלי. שרײַבערישע שפּראָצונגען האָבן זיך אויסגעפּיקט ווי נאָך אַ שפּעדיקן שוואָמרעגן. יונגוואַרג האָט געשפּאָנט פֿון אומעטום. דאָס איז געווען אַ דראַנג, אַ ברענען פֿון אומגעדולד צו געבן אַ קינסטלערישן אויס-דרוק אירע שטרעבונגען, אַ ווילן צו פֿאַרשטענדיקן זיך.

„די דריטע אַשמורה” — האָט יעקבֿ שטערנבערג געקריינט די דאָזיקע יונגע, צעזונגענע כאַליאַסטרע.

אין יענער צײַט איז אויך געקומען מאיר חרץ קיין טשערנאָוויץ, אליעזר שטיינבאַרגס רעזידענץ און שוין ניט געהאַט די זכיה צו זאָגן: „כ'האָב שטיינבאַרגן געקענט”. ער איז געקומען אַ מאָגער, שלאַנק ייִנגל, וואָס האָט אין זײַנע פֿאַרוווּנדערטע, שיקלדיקע אויגן געטראָגן די גאַנצע טאָפּאָגראַפֿישע און סאָציאַלע פּאַנאָראַמע פֿון זײַן שטעטל. נאָך אומזיכער האָט ער אָפּגעדעקט אַ מאָל פֿאַר איינעם, אַ מאָל פֿאַר אַ צווייטן אַן אימפּרעסיאָניסטיש-געצייכנטן דעטאַל פֿון דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע.

אין די דאָזיקע לידער איז געווען אַזאַ פּשוטקייט, אוממיטלבאַרקייט און אַ פֿאָלקסטימלעך-לויטערער ריטמישער שטראָם, וואָס האָט דערמאָנט די נאַיִווע מאָלערײַ. אַ סך יאָרן האָט זיך געדאַכט אַז דאָס שטעטל האָט אַזוי טיף זיך באַזעצט אין זײַן נשמה, אַז ער וועט עס שוין קיין מאָל ניט אַרויסטרייסלען פֿון זיך. פֿאַראַנען שרײַבערס וואָס זענען אַ גאַנץ לעבן באַהערשט פֿון איין טעמע. זי האַלט זיי בײַ דער גרגרת און זיי חזרן זיך איבער אָן אַ סוף אין די פֿאַרשיידנסטע וואַריאַציעס. אויך הײַנט, בלעטערנ־דיק די פֿינף לידערביכער אַרויסגעגעבן אין ישׂראל, פֿילט מען באַשײַמ־פּערלעך אַז די זכרונות וועגן שטעטל שטייען תּמיד מאיר חרצן אין וועג: די שמאָלע און קרום-געדרייטע געסלעך, די לאָמע, שאַגאַלישע שטיבלעך מיט דעכלעך פֿון סטו צי פֿון שינדל, די פּריזבעס אויף וועלכע מאַמעס האָבן אויסגעקרעכצט זייערע זאָרגן און צרות, די סקריפּענדיקע גאַניקלעך, וואָס האָבן אויסגעהערט אַזוי פֿיל מיידלשע סודות און דער עיקר — די פֿאַרהאָרעוועטע, פֿאַרוואָגלטע, פּשוטע און האַרציקע ייִדן, וועמען ער האָט אָפּגעשריבן פֿון דער נאַטור, אַ מאָל בלויז פּונקטירט, אַ מאָל מיט ברייטע, פֿעטע שטריכן — אַ בונטע גאַלעריע געשטאַלטן, מיט זייער הולך, מיט זייער טרויער, מיט זייער הומאָר און אופֿן-הדיבור. פֿון וואָס ער זאָל ניט שרײַבן, אין וועלכע וועלטן פֿון מחשבֿות און שטימונגען ער זאָל ניט זײַן פֿאַרטראָגן, ברענגט אים עפּעס אַ געהיימער מאַגנעטישער כּוח צוריק צו יענע ייִדן, צוריק צו יענע געסלעך ווו ער האָט ״קינדווײַז קיין חבֿרים ניט געהאַט״, ווען ער איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט פֿאַרווונדערטע אויגן און אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן העכסטן דאַך ״כּדי צו זײַן נעענטער צו גאָט״. ער זינגט. דאָס איז ניט קיין ראָמאַנטיש-נאָסטאַלגיש באַזינגען יענעם פּאַסטאָ־ראַלן אידילישן עבֿר, ניט קיין אידעאַליזאַציע פֿון יענעם לעבנס-שטייגער. ס'איז ניט געווען וואָס צו אידעאַליזירן. דאָס סאָציאַל צעטיילטע שטעטל, צעריסן פֿון שאַרפֿע קעגנזאַצן האָט פֿאַרמאָגט אויך גענוג מיאוסקייט נאָך וועלכע עס קען זיך ניט בענקען. און מאיר חרץ אַוודאי ניט. ער האָט געקענט אין זײַן קינדהייט די פֿולע מאָס אָרעמקייט. זי האָט אַרײַנגעטריפֿט אומעט, גראָקייט, ביטערקייט און אויך פֿאַרביטערטקייט אין זײַנע סטראָ־פֿעס. אָבער דאָס אַלץ האָט ער באַלויכטן מיט אַ שמייכל וואָס טראָגט אין זיך אַ היפּשע דאָזע פֿון האַרבער איראָניע.

פֿאַר חרצעס מוזע איז כאַראַקטעריסטיש דאָס זאַכלעכע, דאָס פֿאָלקס־טימלעך-מעשׂהדיקע, וואָס וויגט זיך צווישן פֿאַנטאַסטיק און ממשותדיקייט. בולט אין זײַן דיכטונג איז דער זיווג, דער סימביאָז פֿונעם עפּישן מיטן לירישן. זיי גייען בײַ אים צוזאַמען און מישן זיך אָפּט מאָל איבער איינס מיטן צווייטן. ווען דער ליריקער איז גובֿר, לאָזט ער אים ניט בלײַבן צוגעבונדן צו דער איינציקער שטעטל-טעמע און דאָס איז צו זען אין אַלע זײַנע ביכער אין וועלכע עס וויגן זיך צווישן עפּיש-קאָנקרעטן, נאַראַטיוון,

זייער-זייער קלאָרן אויך ליריש-סימבאָלישע, אָפּט מאָל פֿאַרנעפּלטע אומ-קלאָרקייטן. אַ שלל מיט מאָטיוון בײַטן זיך ליד נאָך ליד — אַ מאָל דין-דין שפּינוועבסדיק, ליריש-אימפּרעסיאָניסטיש און אַ מאָל סאַרקאַסטיש-ביטער מיט אַ מין אײַנגעהאַלטענעם כּעס און להכעיס. די מאָטיוון שאַרט אים צו טאָג-טעגלעך דאָס לעבן. מעגן זיי זײַן פּראָזאַיִשע. גראַמט ער זיי אַרײַן אין ליד, ניט מורא האָבנדיק פֿאַר פּראָזאַיִזמען, ווײַל —

> מײַן ליד איז פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן גראַם,
> אָן ייִדישן גראַם האָט מײַן ליד ניט קיין טעם,
> איז עס ווערטער סתּם.

און סתּם ווערטער, הגם ער איז אָפּט אַ גרויסער פֿאַרשווענדער פֿון ווערטער, האָט ער ניט ליב. ווערטער זענען דאָך געגעבן עפּעס צו זאָגן, ווײַל "טרעפּט אַ וואָרט זיך אָן דעם מינדסטן זין / איז האָב איך עס אויף אייביק שוין אין זינען". דערפֿאַר רעזאָנירט ער ניט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פֿון אַ דענקער. ער מעדיטירט זינגענדיק, אויפֿנעמענדיק דעם קאַליידאָסקאָפּ פֿון קאָלירן, פּראָבלעמען, געשעענישן מיט וועלכע ס׳איז פֿול דאָס לעבן וואָס האָט אים צוגעשפּאָרט אַ סך ביטערע נסיונות.

אָוודאי איז חרץ ניט געוואָרן מיט אַ מאָל אַזעלכער וואָס שטייט שוין פֿון לאַנג ברשות עצמו. דער וועג צום אייגענעם פּנים, צו זײַן אייגענער אינטאָנאַציע איז געווען אַ לאַנגער. ער האָט געדאַרפֿט גובֿר זײַן אין זיך פֿאַרשיידענע נאָכקלאַנגען און השפּעות, אַ מאָל פֿאַרנעפּלט-ווײַטע, אומקלאָרע און אַ מאָל — בולטע, פֿון וואָס קיין שום קינסטלער איז ניט פֿרײַ. האָט עמעצן זיך געדאַכט אַז ער האָט זיך אָפּגעבריט די ליפּן טרינקענדיק פֿון עזרא פּינינבערגס קוואַל, אַנדערע האָבן דערפֿילט דעם איראָניש-פֿלאַמיקן צאַרנדיקן אָטעם פֿון משה-לייבן. נו און אַז מען לעבט אין יענער רומענישער אַטמאָספֿער ווו מאַנגער האָט געקיניגט, איז שוין קיין ספֿק ניט, אַז ער איז געטראָפֿן געוואָרן פֿון דער ראַדיאַציע פֿון זײַן בלאָען שטערן. ווי עס זאָל ניט זײַן איז דאָס געווען אַ פֿרײַער קאָנטאַקט פֿון אַ דיכטער מיט זײַן אייגן קול, וואָס איז געגאַנגען פֿון זײַנע אייגענע טיפֿקייטן. און דאָס קול איז געווען בײַ אים אַ געשטעלטס שוין אין די פֿריִע יאָרן ווען ער האָט אַרויפֿגעשפּרײַזט אויפֿן דרך-המלך, רעדנדיק מיט אַ פּשוטער שפּראַך, ניט פֿאַרכאַפּט פֿון די סאַלטאָ-מאָרטאַלעס אין אונדזער דיכטונג, רײַפֿער ווערנדיק אין דער פֿאָרעם און אידעיִש פֿאַרטיפֿטער.

געווען איז חרץ תּמיד פּראָדוקטיוו, ווי ער איז עס אויך הײַנט. זײַן מוזע איז קיין מאָל ניט מיד געוואָרן, ניט אײַנגעדרעמלט, ניט גענומען זיך קיין אורלויב. זײַן פּען האָט ניט געזשאַוועט אָן אַ שטאָך אַרבעט אין טינטערל. סײַדן אפֿשר די הפֿסקה, וואָס ער האָט געהאַט ווען דער אַחיתופֿל פֿונעם קרעמל האָט צוגעפּסקנט דער ייִדישער קולטור אַ שמיטה-פּעריאָד

און אויך ער, חרץ, איז זוכה געווען צו אַן אומזיסטן אַפּרוהויז אין די ווײַטע מקומות ווו דער רוח זאָגט אַ גוטע נאַכט.

די אַנטווישונג אין זײַן יוגנט-חלום, וואָס איז געווען דער חלום פֿון אַ גאַנצן דור, איז געקומען פֿריִער, פֿאַר די געשעענישן, אָבער אַרויסקומענדיק אַ גאַנצער נאָך דער עקדה האָט ער געקענט אַ זאָג טאָן:

> איך בין אַרײַנגעצויגן אין אַ בייזער שפּיל.
> כ'האָב איין מאָל אין מײַן לעבן נאָכגעגעבן בלויז,
> אין נאָמען פֿון אַ שווינדלערישן ציל —
> איצט וויל איך פֿון דער שפּיל אַרויס.

מיט אַזעלכע שטימונגען האָט ער ניט געקענט שרײַבן קאָנפֿאָרמיסטיש, צום געשמאַק פֿון די ממונה איבער פּאָעזיע און לויט די תּקנות. יענע האָבן תּיכּף דערקענט, אַפֿילו ווען ער האָט זײַנע שטימונגען און זײַן כּפֿירה-רעיון קאָמופֿלירט מיט אַ ווערטער-און מעטאַפֿאָרן-געצווײַג. זיי האָבן דערפֿילט דעם פֿרעמדקייט-עלעמענט, זײַן שטעכיקע איראָניע, די קאַפּוליער אַנצוהערענישן און געפּסקנט: דאָס איז דאָס קול פֿון אַ פֿרעמדן, אַן אינערווייניקסטער עמיגראַנט.

דאָס איז זייער אַ בכּבֿודיקער טיטל, אָבער ער האָט אים געמאַכט ניט ראוי פֿאַר אַ בוך לידער, ווי עס זענען ניט ראוי געווען אויך אַנדערע פּאָעטן פֿון די ראַנד-רעפּובליקן, ווו די אידעאָלאָגישע אינפֿוזיעס האָבן ניט געביטן זייער גײַסטיקן באַשטאַנד.

דער דאָזיקער טיטל איז ניט דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט געבראַכט אין 1972, ווען ער איז עולה געווען. וויכטיק איז דאָס פּאָעטישע האָב-און-גוטס, וואָס ער האָט אויף אַלע געקליגלטע אופֿנים אַריבערגעפּעקלט אַהער. פֿאַר די עטלעכע יאָר האָט ער באַוויזן עס אַרויסצוגעבן אין גאַנצן אָדער כּמעט אין גאַנצן אין פֿינף גרויסע ביכער, וואָגיקע אין איכות, שווערע אין כּמות, ביכער ווי די פֿאָליאַנטן, ווי די שטיינער פֿון די בערג פֿון יהודה אין וועמעס נאָענטקייט ער לעבט. שטיינער האָב איך געזאָגט? — ניין, ניט פּשוטע שטיינער, נאָר ווינקלשטיינער, אויף וועלכע ער האָט אויפֿגעטורעמט אַ פּאָעטישן מצבֿה-היכל זײַן פֿאַרשניטענעם שטעטל, אַ מין יד-ושם למאַרקולעשט.

די מעלה פֿון די ערשטע זאַמלונגען איז אין דעם, וואָס דאָס זענען ביכער כּמעט פֿאַרגאַנצטע, די ציקלען פֿאַראייניקט צווישן זיך דורך איין אידעע, מיט אַן אינהאַלטלעכער אַנטוויקלונג און נאָכאַנאַנדיקייט, ניט קוקנדיק אויף אייניקע צופֿעליקע דאָ און דאָרט אַרײַנגעשטעלטע לידער, וואָס אַמפּליפֿיצירן ניט דעם קינסטלערישן רושם, נאָר פֿאַרקערט...

דער עיקר: דער דיכטער איז דאָ. ער איז פּראָדוקטיוו און ער איז פֿרײַ. ער דאַרף זײַן מוזע ניט צווינגען און ער קען זײַן פֿאַרדראָס, זײַן כּעס און

סאַרביטערונג אַרויסברענגען אַן געצווימטקייטן. ער האָט געקינדיקט דעם אייגענעם אינעווייניקסטן צענזאָר, וועלכן ער האָט פֿריִער אויך געהערט ווי טראַטלען און דערפֿאַר האָט ער געקענט תּפֿילה טאָן ווען ער איז געקומען אין לאַנד:

ניט ווי שמשון בין איך שטאַרק געווען,
ניט ווי שמשון בין איך איצטער בלינד.
כ'האָב זיך פֿון די פֿײַנד אַרויסגעריסן
און ווי שמשון בעט איך זיך אַצינד:
גיב אַ ביסל כּוח צו דעם פֿרײַ זײַן
שענק אַ ביסל קראַפֿט מיר אויף געניטס.

זאָגן אַלץ וועגן מאיר חרץ אין איין אַרטיקל איז אוממעגלעך. נאָר לייענענדיק די פֿינף ביכער וואָס זענען מלא וגדוש מיט לידער, אַ מאָל אַ ביסל צעפֿלאָסענע, אָבער שטענדיק קלוגע, איראָניש-שאַרפֿע, באַהערשנ-דיקע מיט זייער ליריזם און מוזיקאַלישקייט, קען מען מיטמאַכן דעם וועג פֿונעם דיכטער, זיך דורכדרינגען מיט די אינספּיראַציע-שטראָמען, וואָס האָבן ווען בלעזלדיק-זוניק, ווען ברויזנדיק-רוישנדיק, מרה-שחורהדיק, זיך אַרײַנגעגאָסן אין די פֿינף ביכער-אַנטלען מיט דעם אויסגעשפּילטן געזאַנג, מיט די פֿײַנלעכע מחשבֿות, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן אַ לעבן-לאַנג און זיי אַרויסגעבראַכט מיט די פּשוטסטע ווערטער.

("די גאָלדענע קייט", נומער 101, 1980)

אליהו שולמאַן

לידער און פּאָעמע פֿון מאיר חרץ

גרינער ווינטער (לידער), **מאַרקולעשט** (פּאָעמע), אַרויסגעגעבן דורך דעם דר. שמואל און רבקה הורוויץ-פֿאָנד בײַ דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפֿט אין ירושלים, תשמ"ג-1982.

(צוליב די ביאָ-ביבליאָגראַפֿישע פּרטים, וועלכע ווערן איבערגעחזרט אין די אָנהייבן פֿון אַלע אַרבעטן, וואָס אליהו שולמאַן האָט געשריבן וועגן מיר און מײַן דיכטונג, האָב איך זיי דאָס מאָל אַרויסגענומען).

— — — — ביז איצט האָט חרץ אַרויסגעגעבן אין ישׂראל פֿינף לידער-זאַמלונגען, און אַצינד, לכּבוד זײַן זיבעציקסטן געבוירנטאָג, איז אַרויס זײַן נײַסטע, זעקסטע לידערזאַמלונג. דאָס בוך שליסט אײַן אַ גרעסערע צאָל

לידער און די לענגערע פּאָעמע ״מאַרקולעשט״ פֿאַר וועלכער, ווי ער שרײַבט אין פֿאָרוואָרט, ער האָט ״זוכה געווען צו דער סובווענץ פֿון הורוויץ-פֿאָנד״.

כּמעט אַלע לידער אין בוך זענען געשריבן געוואָרן אין ירושלים — און מע פֿילט אין זיי די ירושלימער אַטמאָספֿערע און סבֿיבֿה. עס זענען דאָ דערמאָנונגען פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט, ביבלישע אַלוזיעס און עס זענען דאָ אויך בילדער פֿון דער ביבלישער תּקופֿה — אָבער אין דער זעלביקער צײַט פֿילט מען די קעגנוואַרט, דאָס דערשפּירט מען אין אַזעלכע סטראָפֿעס ווי:

און די הײַזער דאָ, אויך די וואָלקנקראַצערס
זעען ווי געצעלטן גרויסע אויס
און די פֿאָסטעכער פֿאַרפּוצט אין דודס פּאַנצערס
טרײַבן זייערע שאָף צום זאַמד אַרויס.

שעפּעלעך, אוי שעפּעלעך געטרײַע,
אייניקלעך פֿון יעקבֿס שאָף געשטרײַפּטע און געפּלעקט,
פּאַשעט איר זיך הײַנט בשפֿע מיט די קלײַען
פֿון די בלומען, וואָס מע שיקט אַוועק.

אָט די בילדער מיט זייער קלאָרקייט, פּשטות — ווירקן אוממיטלבאַר מיט זייער חן. עס זענען דאָ לידער אין בוך וועגן ירושלים — ווו דער פּאָעט רעדט טאַקע ווי גוט ער פֿילט זיך דאָרטן — הגם אויך אין דער אויסגעבענקטער שטאָט פֿעלן אים נישט קיין דאגות. אַזוי שרײַבט ער:

״אָט לעב איך אין דער אויסגעבענקטער שטאָט / און דאַכט זיך, איך בין גליקלעך עס צו וויסן, / נאָר עפּעס דרייט זיך אין מײַן קאָפּ אַ ראָד / די דאגות לאָזן נישט פֿונעם גליק געניסן״ (דאגות).

אין אַ צווייט ליד שרײַבט דער דיכטער:

און דאַנקען גאָט די דאגות וועקן אויף,
און דאַנקען גאָט מע קען פֿון זיי אַנטלויפֿן,
נאָר אָפֿט מאָל פֿאַלט מען אום אין מיטן לויף
און דווקא, ווען מע לויפֿט דורך פֿרעמדע הויפֿן.
(און דאַנקען גאָט)

איינע פֿון די בעסטע לידער וועגן ירושלים איז ״און גאָט אַליין״ — עס איז געשריבן אין אַ קלאַסישער פֿאָרעם, עס איז געגראַמט און איז בילדעריש און עס איז דאָ אַ האַרמאָניע צווישן דער פֿאָרם און תּוכן:

און גאָט אַליין איז קיין ירושלים עולה,
פֿון הימל הייבט ער אויף זיך צו דער שטאָט,
באַלוינט דאָרט די ייִדן זייַנע די ווילע,
מיט אָרעמקייט, מיט ענגשאַפֿט ווי מיט גנאָד.

און גאָט אַליין דרייט זיך אין די געסלעך,
און הערט זיך אין די זיסע תּפֿילות איַין,
ער זאַמלט זיי אין געעפֿנטע פֿעסלעך
און לאָזט זיי שפּילן, אויסשפּילן ווי וויַין.

דערנאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ זיך צום הימל
און קוקט אַראָפּ אויף דער איבעריקער וועלט
און איבערן גאַנצן הימל בליט אַן איינציק בלימל,
וואָס קוקט דורכן הימל ווי אַ שטערן אויף אַ פֿעלד.

חרץ שרייַבט מיט איבערגעגעבנקייט וועגן ישׂראל. ער גיט צו, אַז בשעת מען האָט געבויט דאָס לאַנד האָט ער "געקרעמערט אין ראַטנפֿאַר-באַנד" (ז' 14). ער שרייַבט אין אַ פּאַטריאָטישן גייַסט, אַז "אונדזער לאַנד איז שענער" (ז' 27) און ער רעדט מיט ביטערער איראָניע וועגן די, וואָס פֿאַרלאָזן ישׂראל — "גלייך דאָרט אין חוץ לארץ הייבט זיך אָן די וועלט" (ז' 24), — און ער דערציילט, אַז ער האָט אַלץ געטאָן, כּדי גיכער צו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, "אַבי וואָס גיכער שוין אַרויס פֿון פּאַניעס הענט" (ז' 16). ער שרייַבט, אַז "אַ האַק איז איבער אונדזער קאָפּ געהאַנגען מיט דער שאַרף אַראָפּ" און פּלוצעם האָט זיך דערהערט דער רוף "שלח את עמי!" (ז' 36). ער דערציילט וועגן די רוסישע אינסטרוקטאָרן, וואָס, "לערנען די סירישע זעלנער שיסן / און ווי צו צילן אין די ייִדן". דאָס זענען אַלץ לידער אויף הייַנטצייַטיקע טעמעס, ווי מע שרייַבט אין רוסלאַנד — נאָר דאָ נוצט ער אויס די הייַנטצייַטיקייט-טעמאַטיק קעגן די סאָוועטישע הערשערס, אָבער די דאָזיקע פּאָליטישע לידער זענען נישט כאַראַקטעריס-טיש פֿאַרן בוך — און ווי אַ קאָנטראַסט לייענען מיר אַנדערע לידער, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט ליריזם און פֿול מיט בילדערישקייט.

מאיר חרץ שרייַבט אויף פֿאַרשיידענע מאָטיוון. ער שרייַבט וועגן חורבן. רופֿט אַרויס זכרונות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן אומקום — וועגן גורל פֿון ייִדיש. ער באַרירט אייביקע פּראָבלעמען — און דערקלערט, אַז:

געבנוג צו וויסן, אַז דאָס ליכט
אַ מאַסקע איז וואָס פֿאַרדעקט דאָס געזיכט
און אַז די פֿינצטערניש פֿאַרלעשט

דעם גלאַנץ צוזאַמען מיטן מעש,
איז לאָמיר זיך, ברידער, זעצן צום טיש
און לאָמיר זיך מאַכן, אַז סע אַרט אונדז נישט.

עס זענען דאָ לידער געשריבן אין אַ פֿאָלקסטימלעך־ראַפֿינירטן טאָן, ווי, למשל, דאָס ליד „אויפֿן וועג שטייט אַ בוים”, ווו דער פּאָעט מאָלט „ערגעץ וואַקסט אַן אַנדער בוים, אַזאַ גרויסער, שיינער, / אפֿשר שענער נאָך פֿון דעם, נאָר סע זעט אים קיינער”. אָדער „קומען וועט אַ גוטע צײַט אין אַ מזלדיקער שעה. נישט פֿון נאָענט, נישט פֿון ווײַט קומט די צײַט, זי איז שוין דאָ, אין אַ מזלדיקער שעה”. אין די לידער פֿילט מען די השפּעה פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, אָבער עס איז דאָ אָריגינאַליטעט און שעפֿעריש אייגנס. מיר האָבן שוין פֿריער דערמאָנט די קלאַסישע פֿאָרמען, וואָס ער באַנוצט, דאָ וויל איך צוגעבן, אַז אין גאָר פֿיל פֿון די לידער פֿילט מען אַ נאַטירלעכקייט, אַז די בילדער און די געדאַנקען זענען ניט געצאַמט דורך די געמאָסטענע שורות — און אַז סע קומט אַרויס בולט דאָס וואָס דער פּאָעט האָט געוואָלט זאָגן. צו זײַן שבֿח דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז ער באַנוצט זיך ניט מיט קיין אינווערסיעס — ווי עס באַנוצן זיך די סאָוויעטישע און אַ טייל געוועזענע סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן.

מ. חרץ שרײַבט אַ צאָל לידער וועגן ייִדישע פּאָעטן — עס איז דאָ אַן עלעמענט פֿון פֿאַרהוילנקייט, אַנוווּנק, ניט דערזאָגטקייט און אַפֿילו, דאַכט זיך מיר, בייזקייט אין די דאָזיקע לידער. צו וואָס? עס זענען דאָ לידער געשריבן מיט אַ סך פֿרײַנדשאַפֿט צו ייִדישע פּאָעטן, ווי דאָס ליד „לייוויק פֿילט נישט”. דאָס ליד ענדיקט זיך מיט אַן אײַנדרוקפֿולער סטראָפֿע:

„און בײַ אָט דעם פֿײַער לייען איך לייוויקס לידער / און בײַ אָט דעם פֿײַער זע איך ווי דער שניי / פֿון די ווײַטע־ווײַטע וועגן די סיבירער / ווערט צעגאַנגען אין די לידער, נו, איז לייען איך זיי”.

חרץ האָט בלי ספֿק אַ סך איבערגעלעבט, ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט — און דאָס דריקט ער אויס אין זײַנע לידער, דורך בילד, געפֿיל און לשון.

ב

„מאַרקולעשט” איז אַן עפּישע פּאָעמע, וואָס פֿאַרנעמט כּמעט ווי נײַנציק זײַטן. עס איז אַ פּאָעמע וועגן שטעטל, וועגן די ייִדן פֿון שטעטל, וועגן דעם לעבנס־שטייגער — וועגן די נײַע טענדענצן אין דעם ייִדישן לעבן, וועגן די ראַנגלענישן און וועגן די האָפֿענונגען און אַנטוישונגען. עס איז אויך אַן אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע — ווו דער העלד סיאָמע איז, ווײַזט אויס, אונדזער מחבר. די פּאָעמע הייבט זיך אָן אין אַן עפּישן טאָן

מיט אַ ספּעציפֿישן ריטם — וואָס פֿירט אונדז אַרײַן אין דער סבֿיבֿה — וואָס דער פּאָעט שילדערט:

אַ שוואַרצע מאַמעליגע
פֿון וואַסער און פֿון ערד
ליגט אויסגעקנאָטן ווייך
פֿון רעדער און פֿון פֿערד.

און אין די ווײַטערדיקע זעקס סטראָפֿעס ווערן געגעבן בילדער פֿון ערטער און מענטשן וואָס געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן שטעטל, און אין דער ערשטער סטראָפֿע פֿון דעם ערשטן קאַפּיטל זאָגט גלייַך אָן דער פּאָעט, אַז דאָס שטעטל איז חרובֿ געוואָרן:

נעבן אונדזער חרובֿ שטעטל
שטעלן זיך נישט אָפּ קיין וועגן,
נישט געפֿאָרן, נישט געטרעטן
ווערט אַצינד אין אונדזער געגנט.

און מיטן פּראָלאָג און מיט דער ערשטער סטראָפֿע אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דעם דיכטערס שטעטל. מיט פֿײַנע בילדער און מוזיקאַלישע שורות רעקאָנסטרויִרט ער אַ גאַנצע יִדישע וועלט, די פֿרומע און די וועלטלעכע, די יוגנט, די לינקע און רעכטע, דאָס קולטור-לעבן קריגערײַען, די ציוניסטן און אַנטי-ציוניסטן; עס איז דאָ דערמאָנונגען וועגן פּרצן און האָפּשטיינען, וועגן אליעזר שטיינבאַרגן און מאַרקישן, וועגן יִדישן טעאַטער און בכלל וועגן אַלע טענדענצן אין יִדישן לעבן. עס איז דאָ דאָס שטעטל פֿריער אונטערן צאַר, שפּעטער אונטער דער רומענישער הערשאַפֿט, דערנאָך סאָוועטישער און דער טרויעריקער סוף אונטער די דײַטשע מערדערס.

אין צענטער איז דאָ אונדזער העלד — סיאָמע, וואָס איז גראָד, דאַכט זיך, אָן אַלטמאָדישער אינטעליגענט, וואָס דערמאָנט אין נאָמבערגס און רייזענס אינטעליגענטן — וואָס צום סוף גייט ער אַוועק קיין ארץ ישׂראל, ווו ער לעבט אין אַ קיבוץ. זײַן איבערגאַנג צום חלוציזם איז עפּעס אַ פּלוצלינדיקער און עס איז, דאַכט זיך אונדז, אַ ביסל ניט נאַטירלעך, אָבער חוץ דעם אידעאָלאָגישן סוף איז די פּאָעמע געשריבן אויף אַ גרויסאַרטיקן אופֿן און זי גיט צו חשיבֿות אי דעם פּאָעט און אי דער יִדישער ליטע-ראַטור.

צום סוף פֿון בוך קומט אַ מין הוספֿה פֿון 36 זײַטן מיט אויסצוגן פֿון בריוו צום מחבר וועגן זײַנע ביכער און אויסצוגן פֿון אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַנע שאַפֿונגען. דאָס איז אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר איינעם, וואָס וועט אָנשרײַבן אַ ביאָגראַפֿישע סטודיע וועגן מחבר.

("פֿאָרווערטס", ניו-יאָרק, פֿרײַטיק, פֿעברואַר 4, 1983, זײַטן 17 און 23)

י. קאַראַ / יאַס, רומעניע

מדרש מאיר

איך רוף אָן "מדרש מאיר" דעם באַנד "געקליבענע לידער און גע-צײלטע פּאָעמעס" פֿון מאיר חרץ, װעלכער איז אַרױס אין פֿאַרלאַג "אײגנס" ירושלים תשמ"ד — 1983 (אין פֿעריאַד צװישן ייִדישן ראש השנה און קריסטלעכן נײַ-יאָר). איך בין מיך סומך אויף "מדרש פּנחס" (פֿון משה אַלטמאַן) און "מדרש איציק" (פֿון איציק מאַנגער). די 480 זײַטן פֿון דעם מאָנומענטאַלן בוך זענען אין תּוך אַן אַנטאָלאָגיע פֿון 50 יאָר דיכטעריש שאַפֿן אונטער זײער פֿאַרשידענע הימלען, פֿון מערבֿ קײן מזרח און פֿון צפֿון קײן דרום.

אין זײַן קורצן אַרײַנפֿיר-װאָרט ברענגט מאיר חרץ אַ מין התנצלות פֿאַרװאָס ער אַלײן האָט געמאַכט דעם אָפּקלײַב, געמוזט אַלײן מאַכן, װײַל יענע, װאָס ער האָט זײ געבעטן עס צו טאָן, האָבן אין דעם פֿאַרגעסן. װיל איך דעריבער טרײסטן חרצן און די לײענערס, אַז פֿאַר מיר איז דװקא אַ גרױסער געװינס און אױך אַן אױפֿטו, דאָס װאָס דער מחבר גופֿא האָט געמאַכט דעם אָפּקלײַב, װײַל דאָס אַלײן איז אַ שעפֿערישער מאָמענט, אַ פּאָעמע פֿאַר זיך. דער ליטעראַטור-קריטיקער און דער ליטעראַטור-היסטאָ-ריקער װעט האָבן מער מיט אַן אָנשפּאַר צום אַנאַליזירן דאָס חרצישע שאַפֿן. פֿאַרװאָס? װײַל מאיר חרץ איז נישט נאָר אַ סטיכישער שפּרודל-דיקער פּאָעט, נאָר גלײַכצײַטיק אַ דענקענדיקער, אַנאַליטישער, גריבלערי-שער, אָפּשעצערישער גײַסט. בשוגג צי במזיד, װיסנדיק צי נישט, האָט בעתן אָפּקלײַב מיטגעװירקט נישט נאָר זײַן חוש פֿאַר שײנקײט, נאָר אױך זײַן קריטישע דיסטאַנצירטקײט צום אײגענעם שאַפֿן. אָט דאָס זיבעטע בוך חרצס, דער אָפּקלײַב פֿון זײַנע פֿריערדיקע זעקס, איז אַן אױטאָפּאָרטרעט פֿון זײַן דיכטערישן װעזן. װי אַ מיט-מחבר פֿון אַן אַנטאָלאָגיע "נײַע ייִדישע דיכטונג" (טשערנאָװיץ, 1934) װײס איך, װי שװער עס איז צו זײַן אַן אַנטאָלאָגיקער אויף יענעמס שאַפֿן, אַ פּשיטא שױן אויף אײגענער פּראָצע.

ביזן אָפּדרוקן זײַן ערשטן לידערבוך "אין פֿרעמדן גן עדן" האָט מ. חרץ געהאַט אָפּגעדרוקט אין דער ייִדיש-װעלט קנאַפּע 600 לידער. פֿון זײ האָט ער אין זײַן ערשטלינג אַרײַנגענומען קנאַפּע 200 און פֿון די קנאַפּע 200 קומען אַרײַן אין אָפּקלײב נאָר 87 אײנסן. די בענקשאַפֿט נאָכן אומגע-בראַכטן באַסאַראַבישן ייִדישן שטעטל איז פֿאַרפֿלאָכטן מיט רירנדיקע בילדער פֿון זײַנע קינדער-יאָרן, שפּעטערדיקע איבערלעבונגען מיט באַסאַ-ראַבישע פּײסאַזשן און מענטשן. "זאָל אױפֿגײן די לבֿנה-שײַן פֿון מײַנע קינדער-יאָרן" רופֿט זיך איבער מיט די "שטעטלדיקע פּלױטן פֿון ברעטלעך מיט אַ שפּיץ", װײַל עס "טראָגט פֿון שטעטל זיך אַ ליד / צו די שטערן

אויפֿן הימל״. נישט די צײַט האָט פֿאַרשלונגען די קינדער־יאָרן און דאָס שטעטל, נאָר דער קטלן, דער היטלעריסט, זײַנע שותּפֿים און יורשים ימח שמם וזכרם.

> אָפּגעברענטע לעבנס — צוריק נישט אויפֿגעבויט / דאָס, וואָס איז גע־שטאָרבן, איז אויף אייביק טויט.

דער דיכטער מאַכט זיך אָפּ אַ חשבון הנפֿש און מאָנט פֿון זיך און פֿון דער וועלט. אַ טרייסט קאָן מען געפֿינען נאָר אינעם שאַפֿן:

> איך שטיי פֿאַר אַ ליד פֿאַר אַ נײַעם / ווי פֿאַר אַ געשניצטער טיר / און שפּיל אויף די שניצערײַען / צום ליד, וואָס סע זינגט אין מיר.

זײַן צווייט בוך „לידער צו אייגענע״ געווידמעט דעם אָנדענק פֿון זײַן טײַערער בעלאַ, וועלכע האָט נישט דערלעבט „אויפֿצונעמען די דאָזיקע ווידמונג״ איז דערשינען אין יאָר 1975. פֿון די 142 לידער פֿונעם באַנד האָט חרץ אויסגעוויילט פֿאַר זײַן בוך „געקליבענע״ 58 איינסן. אַוודאי פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן די „לידער צו בעלאַן״:

> אונדז זענען זיס געווען די שטאַרקע ליבע־פֿריידן / און זיסער די אומ־זיסטע ליבע־ליידן / און ביטער גאָר דאָס דרײַ מאָל זיך צעשיידן.

אומצאָליקע לידער פֿלאַקערן מיט דער ליבע צו דער מאַמען ביז צום פֿאַרצווייפֿלטן אויסרוף: „אָ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ, / איך וויל מקבֿר זײַן מײַן מאַמען״. נישט ווייניקער רירנדיק איז די ליבע צו די אָרעמע, האַרציקע, פֿאַרהאַרעוועטע היימען.

איך ציטיר און ציטיר און... ציטער. איך פֿרעג מיך צי איז נישט אַ חילול השם אויסצורײַסן פֿערזן פֿון אַ האַרצרײַסנדיקן ווייגעשריי, כּדי ניכטער צו באַווײַזן דעם דיכטערס מיין און חן? און איך ענטפֿער מיר, אַז דאָס איז פֿאָרט דער איינציקער וועג צו וואַרפֿן פֿעדעם פֿונעם דיכטער צום לייענער, צווישן שאַפֿער און „קאָנסומענט״.

מע לייענט חרצן און סע טריפֿט דאָס בלוט. זײַן ווי און אויסגעשריי, זײַן ליבע און זײַן האַס, זײַן פֿרייד און זײַן לייד, זײַן זכּרון און זײַן בטחון זענען אונדזער אַלעמענס. מיר האָבן זיי איבערגעלעבט מיט פּראָזאַישער וואָכעדיקייט און איצט באַקומען זיי אַ דיכטערישן תּיקון. אַ דאַנק דער פּאָעזיע מאַכן מיר שלום מיטן גורל. זײַן ליד קלינגט ווי נחמה.

דאָס דריטע בוך זײַנס „הימל און ערד״, ירושלים, 1974 איז אַ דאַנק בראַזיליאַנער פֿרײַנד אַרויס פֿון דרוק פֿריער פֿונעם צווייטן בוך. פֿון די 206 לידער האָט חרץ אויסגעטיילט פֿאַר זײַן אָפּקלײַב נאָר 45. עס פֿאַלט אויף אַן אייגנאַרטיקער שטריך אין מאיר חרצעס סטיל: משלדיקס און שפּילעוו־דיקס. דאָס משלדיקע איז סײַ אַן אָפּרוף פֿון אַלטער יִדישער קולטור, סײַ

אַ צװײַג פֿון דער שטײנבאַרגישער טראַדיציע. שפּילעװדיקײט אַפֿילו אין דער טראַגישסטער טעמאַטיק איז אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקײט, איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון אַ כאַראַקטער-שטריך.

און אָט — נײַע טעמאַטיק. מיט ביטערער איראָניע און טראַגישן מיט-געפֿיל דערהערט זיך די דראַמע פֿון ברוטאַל אױפֿגעצװוּנגענער דענאַציאָ-נאַליזאַציע: "מאַריאַ בת פּיאָטער שיקט אין שטאָט / צװײ ליכט אין דער ייִדישער שיל...", דאָס ליד "דער גליקלעכער" איז אַ דוגמא פֿון דעם חרצישן אױסדרוק פֿון טרױער און יאוש: "כ'װעב און צערײַס דאָס גע-װעבטע / כ'לעב און פֿאַרגעס דאָס געלעבטע, / כ'שלאָף מיט אױגן פֿאַר-קלעפּטע", אָבער פֿון ערגעץ אַ װינקל קוקט אַרױס אַ פֿונק פֿון בטחון.

איך צעאַקער מיטן בליק לידער, סטראָפֿעס, פֿערזן, װערטער און טראָפֿן און איך צײל די זערנעס פֿון פֿרײד און פֿון טרױער, דאָס װיגן זיך צװישן פֿאַרגענגלעכקײט און אײביקײט, צװישן װאָכעדיקײט און יום-טובֿ-דיקײט, צװישן הײמישע, אינטימע איבערלעבענישן און גרױסע גורלדיקע אױפֿברױזן.

און אָט װער איך װידער אַ בוכהאַלטער, דאָס מאָל איבער זײַן לידער-באַנד "שטערן אױפֿן הימל" (פּשוט אױפֿן הימל און נישט אױפֿן דאַך און נישט אױפֿן בוידעם — מ. מ. שאַפּיר) דערשינען 1977. פֿון די 327 לידער האָט מאיר חרץ אַרײַנגענומען אין זײַן סך הכּל-בוך אַ סכום פֿון 110. איך װיל דאָ באַמערקן, אַז חרצן געלינגט עס אָפֿט צו זאָגן אין אַכט שורות מער װי פֿל עס פּרוּװן אַנדערע צו זאָגן אין אַכציק. דורך צימצום דערגײט ער צו שפֿע און דורך כּלומרשטדיקער פּשטות צו ראַפֿינירטקײט.

צי מוז מען אים טאַקע גלײבן, װען ער כאַראַקטעריזירט "אַ לידערבוך, / אַ טרױערבוך / אַ טונקלגרױער אומעטבוך, / אַ שטײנער-און-אַ-צײנער-בוך, / אַן אױסגעדאַרטער בײנערבוך, / אַ טונקל-רױער װונדן-בוך, / אַ װײטיקן-און צרות-בוך, / אַ לידערבוך". טאָמער יאָ, װאָלט דאָס בוך גע-דאַרפֿט הײסן נישט "שטערן אױפֿן הימל" נאָר שטערן אױף דער ערד, נאָר מאיר חרץ װעט דעם קריטיקער הערן װי די קאַץ.

דער ליבהאָבער פֿון מאָלערײַ װעט זיך פֿרײען מיט די חרצישע פּײסאַזשן: "לאָמיר האָבן פֿאַרגעניגן, / לאָמיר זיך מיט בילד באַגניגן". געפֿינט מען אַ טרײסט אין "שטיפֿעריש" און אַװדאי אין דער נײַער הײם, װוּ... "די שטערן האָבן װידער / באַװיזן זיך אין הימל װי אַ מאָל". דעם פּאָעטס טראַגישע ליבע צום ייִדישן װאָרט קלינגט אָפּ נישט אײן מאָל אין זײַן געראַנגל מיטן גורל: "פֿון די אױסגעמעקטע װערטער האָב איך באַלד / אױסגעװעבט אַן אױסגעמעקט געזאַנג, / זינגט עס ניט װי פֿײגל אין אַ װאַלד, / זינגט עס װי אַ שטײן בײַם זונפֿאַרגאַנג".

אַ באַזונדערער ענין — שרײַבערס מײַדן געװײנלעך אױס איבערצו-חזרן די זעלבע טעמאַטיק, כּדי מע זאָל נישט מײנען, אַז זײ זענען אױס-

געשעפּט, „אויסגעוועפּט, אויסגעלעבט". בײַ חרצן איז עס אַ מין פֿאַרוועט מיט זיך אַליין, מיטן קריטיקער, מיטן לייענער ווידער און נאָך אַ מאָל צו באַהאַנדלען די זעלבע טעמע. יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערן אופֿן און מע נעמט עס אויף ווי שפּאָגל־נײַ. טוט ער דאָס כּדי אונטערצושטרײַכן די אידענטיטעט מיט זיך אַליין? נעמט ער, למשל, און רופֿט אָן די ציקלען פֿון זײַן בוך „דאָס פֿינפֿטע ראָד" מיט די נעמען פֿון זײַנע פֿריערדיקע ביכער.

אין אָפּקלײַב קומען אַרײַן אַ דריטל פֿון די פֿריערדיקע אָריגינעלע ביכער. די אַבסעסיע פֿון דעם היימישן באַסאַראַבישן ייִדישן שטעטל, די „אָרעמע און פֿריילעכע" קינדעריאָרן, ווערט אַ ביסל דינער און זי לאָזט צו אויך גרויסשטאָטישע מאָמענטן: „אַ חלום וויגט די שטאָט מיט גאַסן, ברייטע, שמאָלע / און וויגט די לאָמפּן אײַן אויף יעדער גאַס באַזונדער".

מע האָט וויייניק אונטערגעשטראָכן חרצס שפּראַך־ווירטואָזיטעטן. איך וועל ברענגען לדוגמא כאָטש איין ציטאָט, ווו טיפֿקייט פֿון רעפֿלעקסיע פּאָרט זיך מיט שפּראַך־מײַסטערשאַפֿט:

> די אייביקייט גראַמט זיך מיט לײַדיקייט / און דער הײַנטיקער לעבעדיקער טאָג / מיט אינהאַלט, מיט וואָג / און די וואָך, דער חודש, דאָס יאָר / זיך גראַמען מיט וואָר, / מיט זײַן, / ווי שמחות און פֿריידן מיט אַלטן ווײַן.

מיט אַ סוביעקטיוון נײַגער האָב איך מיר אַ וואָרף געטאָן אויף זײַנע כּמו עפּיגראַמאַטישע פּאָרטרעטן פֿון שרײַבערס און קינסטלערס. אַרומגעטאַפּט, אַרומגעשמעקט, אַרומגעקריטיקירט בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז די גאַמע פֿון זײַנע מיטלען גייט פֿון טראַגיק ביז חוזק, פֿון ליריזם ביז פּיטאָרעסק, פֿון ניכטערקייט ביז רמזדיקער שטימונג... איבערגעלייענט דאָס לעצטע ליד פֿונעם בוך קען מען חרצן פֿאַרזיכערן, אַז ס'איז גאָרניט קיין פֿינפֿט רעדל אין וואָגן.

וועגן חרצס זעקסט בוך „גרינער ווינטער — מאַרקולעשט" האָב איך שוין בשעתו געשריבן, קען איך מיר פֿאַרגינען אַן אויטאָ־פּלאַגיאַט — זײַן טעמאַטיק גייט פֿון טראַגיק (אָבער נישט מעלאָדראַמאַטישקייט) ביז גראָטעסק, פֿון טיפֿן ליריזם ביז קערנדיקן פּיטאָרעסק, פֿון ניכטערקייט און געדאַנקלעכקייט ביז נעפּלדיקן באַלאַדעסק, פֿון וואָכעדיקן רעאַליזם ביז יום־טובֿדיקער דערהויבנקייט, פֿון וווּלײַנגערישקייט ביז זקנישער מעדיטאַציע... „מיר געפֿעלט דעם דיכטערס ראַנגלען זיך מיטן ליד ווי יעקבֿ אָבֿינו מיטן מלאך" (י. ק.). איך ווייס נישט פֿאַרוואָס חרץ האָט אין אויסוואַל אַרײַנגענומען צו וויייניק לידער פֿון פֿאָלקלאָרישער אינספּיראַציע. חרצעס פֿילאָזאָפֿישע מאָטיוון ווירקן, ווײַל זיי זענען נישט קיין חקירות, נאָר איבערלעבעניש. „מאַרקולעשט" איז די קרוינונג פֿון חרצעס ביז איצטיק שאַפֿן. דער איצטיקער, דער זיבעטער בוך, איז נישט, חלילה, קיין צוואה־בוך,

קיין "לעצטער", נאָר אַ דערוואַקסענער סך הכּל, אַ דערוויַיליקער אונטערצי.
מײַן אונטערצי? דער בן שבֿעים איז אין פֿולן שעפֿערישן ברען מיט אָפֿענע וועגן פֿאַר בּלערליי שעפֿערישע אויפֿטועס. גלוסט זיך טאַקע צו לעבן און צו זען, וואָס ווײַטער.

("ישראל-שטימע" נומ' 13 (982), 3טער יולי, 1984)

מ. אַליצקי

אַ דיכטערס געקליבענע לידער

אַ שווערע עובֿדה נעמט אויף זיך דער דיכטער ווען ער באַשליסט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג "געקליבענע לידער". וועלכע לידער דאַרף ער אָפּקלײַבן זיי זאָלן זײַן פֿונעם בעסטן און שענסטן? דאַרפֿן דאָס זײַן די שאַפֿונגען וואָס ער מיינט, אַז זיי זענען פּערפֿעקט? אפֿשר גאָר די, וואָס זענען געפֿעלן געוואָרן דעם קריטיקער, דעם לייענער? אַ סך מחברים שטייען פֿאַר דער שוועריקייט פֿון מאַכן דעם אָפּקלײַב נישט דאָס ערשטע מאָל. דאָס זעלבע איז געווען בײַם אַרויסגעבן די ביז-איצטיקע ביכער. נישט נאָר צוליב קוואַליטעט, נאָר צוליב פּשוטער עקאָנאָמיע: אויף אַרויס-געבן אַ גרויסן אָפּקלײַב לידער דאַרף מען היינטיקע צײַטן האָבן אַ גרויסן אָנקלײַב פֿון געלט. גאָר פּראָדוקטיווע דיכטער האָבן דעם פּראָבלעם פֿון אַ גרויסן מאַטעריאַל, וואָס מאַכט נאָך שווערער צו באַשטימען וואָסער ליד זאָל גענומען ווערן. ווען דער אָפּקלײַב איז שוין געמאַכט, טייל לידער האָבן שוין דעם סטאַטוס פֿון "אתּה בחרתּנו", שטייט דער דיכטער פֿאַר נײַע שווערע איבערלעבונגען. די פֿאַרבליבענע לידער האָבן צו אים טענות הלמאַי ער האָט זיי פֿאַרשעמט. פֿאַרוואָס קומט עס אונדז? האָסטו שוין פֿאַרגעסן ווי צופֿרידן דו האָסט געשמייכלט ווען דו האָסט געשריבן אונדזערע שורות? אָפֿט זענען דאָ פּריוואַטע סיבות צו וועלן אַז דווקא אַ שוואַכער ליד זאָל בלײַבן פֿאַר דער "אייביקייט". — מיט וואָס איז עס בעסער פֿון אונדז? — פֿרעגן די באַליידיקטע.

דעריבער ווערן געקליבענע זאַמלונגען נישט צו אָפֿט אַרויסגעגעבן. דאָס געשעט מײנסטנס פּאָסט מאָרטעם. אַזוינע ווערן אויסגעגעבן דורך פֿרײַנט אָדער פֿאַרלאַגן — סטאַנדאַריזירטע אויסגאַבעס וואָס ברענגען לידער באַקאַנטע און געלויבטע פֿון דער אָנערקענטער קריטיק. זיי מוזן נישט זײַן פֿון די בעסטע. מיר האָבן "געקליבענע לידער" פֿון משה קולבאַק און י. י. שוואַרץ אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַגן. אַליין אַרויסגעגעבן זײַנע "גע-קליבענע לידער" האָט יוסף ראָלניק. געוויינלעך רופֿט מען אַזעלכע ביכער

״געזאַמלטע לידער״ (דוד איינהאָרן, אהרן צייטלין). א. רייזען האָט אַזאַ זאַמלונג אַנגערופֿן ״אַלע לידער״. אויך אַנטאָלאָגיעס זענען אָפּגעקליבענע לידער פֿון רעדאַקטאָרן. אַ זעלטענע און איינמאָליקע אונטערנעמונג אויף דעם געביט האָט געמאַכט דער דיכטער בעריש ווײַנשטיין. ער האָט עטלעכע יאָר אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע ״אָפּקלײַב״, אַ יערלעכער אָפּקלײַב נישט פֿון זײַנע אייגענע שאַפֿונגען, נאָר פֿון יידישע דיכטער אויף דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן דאַן געלעבט. די בעסטע לידער לויט זײַן אָפּשאַצונג און זײַן געשמאַק.

אַן אָריגינעלער אָפּקלײַב פֿון לידער ווערט שוין דאָס פֿערצנטע יאָר געפֿירט אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון ״פֿאָרווערטס״. ״פּערל פֿון דער יידישער ליטעראַטור״ צונויפֿגעשטעלט פֿון א. פֿאָרשער (חנה און י. מלאָטעק) ברענגט סיסטעמאַטיש שאַפֿונגען נישט נאָר פֿון קינסטלערישן ווערט, נאָר אויך פֿון היסטאָרישער און געזעלשאַפֿטלעכער באַדײַטונג. אויך אַנדערע לידער וואָס האָבן זיך דערוואָרבן פּאָפּולאַריטעט בײַם פֿאָלק.

דער פּאָעט מאיר חרץ (כאַראָץ), אַ געבוירענער אין בעסאַראַביע און אַ געקומענער קיין ישׂראל פֿון רוסלאַנד האָט איצט, נאָכן אַרויסגעבן זעקס ביכער לידער, באַשלאָסן צו מאַכן פֿון זיי אַן אָפּקלײַב. ער מיינט, אַז ״אַ פּאָעט מוז נישט זײַן דער, וואָס מאַכט דעם בעסטן אָפּקלײַב״ און דערפֿאַר האָט ער זיך געווענדעט צו עטלעכע פֿרײַנט זיי זאָלן אים העלפֿן. קיין הילף איז נישט געקומען — האָט ער דאָס אַליין געטאָן. דער רעזולטאַט פֿון זײַן קלײַבן איז אַ בוך פֿון קנאַפּע 500 זײַטן מיט 437 לידער. אַ גרויס פֿאַרמעגן. אויב דאָס איז אַפֿילו בלויז אַ דריטל פֿון זײַן פּאָעטישער שפֿע איז ער אויך דער מחבר פֿון אַ צוועלף הונדערט לידער. איך מאַך דעם חשבון צוליב דער מיינונג, אַז קוואַנטיטעט איז במילא קוואַליטעט.

פֿאַר געקליבענע לידער קענען זײַן פֿאַרשיידענע סטאַנדאַרטן: לידער פֿון זעלטענער קוואַליטעט, לידער אייגנאַרטיקע פֿאַרן געגעבענעם דיכטער, בכלל גוטע לידער. אַ גרויסער טייל פֿון חרצס געקליבענע לידער זענען לידער מיט אַ באַזונדערן חן, וואָס קומט פֿון זײַן אייגנאַרטיקן אופֿן פֿון זען, הערן, פֿילן און באַנעמען. זײַן זען איז אויך אַ באַטראַכטן, אַן אַרומטראַכטן, אַן אַרײַנטראַכטן זיך אין זיך און אַרום זיך. דאָס פֿאָדערט געדולד פֿונעם לייענער, אָבער צאָלט אים אָפּ מיט הנאה האָבן.

דער פֿאַרנעם פֿונעם בוך איז פֿון אַן אימפּעריע. געאָגראַפֿיש — פֿונעם בעסאַראַבישן אַמאָליקן שטעטל מיט בלאָטעס, מאַרקן, חדרים, דורך סיביר ביז לוד 1972 וואו ״אַ יידישע מויד רעגירט מיט אויטאָבוסן און וועגן, און פֿירט די באַוועגונג און פֿירט״. אויך פֿון אונדזערע היימישע האָריזאָנטן ביז די פֿרעמדע ספֿערן פֿון אוניווערז.

די טעמאַטיק איז אַ רײַכע, נישט צום קאַטאַלאָגירן, פֿאַרהילט אין פּערזענלעכע טרויערן און אין גאָרן פֿאָלקישן וויי. מיר האָבן לידער דער-

ציילנדיקע און זינגענדיקע, לירישע און אימאַזשיניסטישע, פֿילאָזאָפֿישע, סאַטירישע, עפּיגראַמישע, וויציקע און לײַכט-שפּילעוודיקע. לידער לאַנגע און קורצע, קלאַסישע אין פֿאָרעם און אויף פֿרײַ-פֿערזישע. דאָ און דאָרט בלאָזט אַ לײַכטער פֿרעמדער אָטעם (פֿון רילקען, משה-לייבן און אַנדערע), וואָס איז אַ באַקאַנטע דערשײַנונג אין דער וועלט פֿון פּאָעזיע און פּאָעטן. אַלע זענען געשריבן מיט האַרץ און געמיט. אויסער דער טראַדיציאָנעלער טעמאַטיק וואָס מיר געפֿינען אין דער ייִדישער פּאָעזיע ווי מאַמע, היים, שטאָט און שטעטל, דיכטונג, חורבן, ברענגט מ. חרץ אַרײַן עלעמענטן פֿון אַ שיינער דאָרפֿישער וועלט, ווי, למשל, זײַנע לידער וועגן פֿערד. "נעם איך אַרום די גאַנצע ערד ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד וואָס מע האָט ליב" ("כ'פֿאַרמאַך די אויגן"). און מיט דעם אַ פֿיזישע קרעפֿטיקייט אינעם ליד. דאָס זעלבע זענען זומערדיקע "קליינע הײַזלעך" וואָס וועלן דערמאָנט ווערן שפּעטער. דער ייִדיש איז אַ מחיהדיקער, אַ געראַטעוועטער דורך די ייִדישע שרײַבערס פֿון רוסלאַנד און אַזאַ וואָס מיר הערן און שרײַבן זעלטענער און זעלטענער.

דער אָפּקלײַב וואָלט געווען מאָגערער, אָבער דורכזיכטיקער פֿאַרן לייענער, ווען ער ווערט געמאַכט פֿון אַ זײַטיקן מענטשן. אַזאַ ריכטער וואָלט געווען שטרענגער און נישט אויסגעשטעלט אויף פּסיכאָלאָגישע באַוואָרע-נישן. ווי מ. חרץ זאָגט אַליין, אַז אין אַ קאָנטעקסט פֿון אָפּקלײַבערס "וואָלט איך זיך געפֿרייט צו פֿאַרנעמען דאָס דרײַצנטע אָרט". ווי אַן ערנסטער פּאָעט ווייס ער, אַז נישט יעדער ליד "איז פֿאַרענדיקט און איז גאַנץ" (פֿון ליד "אַ טראָפּן רו"). פֿון אַזאַ עשירות פֿון ליטעראַרישע זשאַנערן, קאָמפּליצירטע פֿאַרטראַכטונגען און עמאָציעס, איז שווער צוצוקלײַבן איין זאַך, וואָס זאָל געבן אַ באַגריף וועגן גאַנצן. פֿון די שענסטע לידער זענען: "אונטער דער שטילקייט", "אין זכרון פֿון די פֿעלדער", "מיידלעך אין פֿענצטער", "זעלבסטבאַדינונג", "דער האָריזאָנט", "די קליינע הײַזלעך" — דאָס איז דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב געלייענט פֿון חרצ'ן און לייען דאָס ביז הײַנט פֿון מײַן אייגענער, נישט-עקזיסטירנדיקער אַנטאָלאָגיע. גלײַך בײַם ערשטן מאָל לייענען האָב איך געזאָגט: כּי שיין, עס איז פֿריש, ליכטיק, זינגעוודיק, אַ זעלטן ליד וועגן אַ זומער-טאָג אין דאָרף. ברענגען וועל איך אַן אַנדער גאַנץ ליד, אויף אַ טעמע וואָס טוט אונדז אַלעמען וויי — די איצטיקע מערכה פֿון ייִדיש. אויך דאָס וועט זײַן אַ גוטער באַווײַז אַז דער דיכטער חרץ באַהערשט דאָס וואָרט, די פֿאָרעם און מאַכט די שורות זײַנע זינגעוודיק, קלאָר און קלוג.

דער זינגער האָט פּאַרשפּעטיקט

דער זינגער האָט פֿאַרשפּעטיקט צום קאָנצערט,
זײַן וואָגן האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער ריכטונג.

דערווײַלע האָט דער עולם אויפֿגעהערט
צו ריידן ייִדיש און צו לייענען דיכטונג.

דער זינגער האָט געכאַפּט זיך, אַז ס'איז שפּעט
דעם וועג צו זוכן, שפּעט זיך אומצוקערן,
און דאָ האָט ער, דער זינגער, דער פּאָעט,
זיך אויסגעדרייט און זיך צעזונגען פֿאַר די שטערן.

ווײַל צו די שטערן איז אַ גלײַכער וועג
און לידער צו די שטערן ווערן נישט פֿאַרלאָשן.
דערווײַלע איז דער עולם פֿון קאָנצערט אַוועק
צו אַנדערע קאָנצערטן, אויף אַן אַנדער לשון.

די גאַסן שטייען ליידיק. האַלבע נאַכט.
דער עולם שלאָפֿט שוין לאַנג אין זײַנע בעטן,
און נאָר דער זינגער, דער פּאָעט, איז וואַך
און לאָזט נישט שלאָפֿן אויך די אַנדערע פּאָעטן.

פֿון אַ קולטור-היסטאָרישן ווערט זענען די קאַפּיטלעך פֿון "מאַר-קולעשט", אַ נאַראַטיוו אין פּערזן, וועגן אַ ייִדיש שטעטל אין בעסאַראַביע צווישןביידע וועלט-מלחמות, מיר האָבן דאָ לעבעדיקע שילדערונגען פֿון קרעמערס, קראָמען, פֿאַרהאַוועטן מאַרק, פֿון אָרעמע הײַזלעך, ווי פּסח עסט מען "מצה מיט קאַרטאָפֿל", פֿון אַ זיידן וואָס דערציילט וועגן די דרײַ קלאַסיקער און אייניקלעך וואָס אַמפּערן זיך וועגן מאַרקישן און י. י. זינגער. עס בלײַבט אונדז אין זיכּרון דער ייִדישער פּויער, וואָס וויל אַז לכּבֿוד שבת זאָל מען געבן די פֿערד "גערשטן און נישט קיין גראָזן". און "אַנפּאַס און אין פּראָפֿיל" דערמאָנט דער מחבר מיט ליבע און דרך-ארץ באַקאַנטע ייִדישע שרײַבער, זייערע פּערזענלעכע בלאָנדזשענישן און קינסטלערישע דערגרייכונגען, אויך דעם טראַגישן אומקום פֿון די שרײַבער אין רוסלאַנד. די אַלע לידער זענען געשריבן מיט אַ פֿאָלקסטימלעכער לײַכטקייט, בילדע-ריש און לייענען זיך מיט אינטערעס.

("קולטור און לעבן", נומ' 1, ניו-יאָרק, פֿעברואַר 1984)

יוסף פֿרידלענדער

די לידער פֿון מאיר חרץ

מאיר חרץ האָט גענומען אויף זיך אַ שווערע חכמה — חכמה און ניט קיין מלאכה — צו מאַכן פֿון זײַנע כּל כּתבֿי-שריפֿטן אַ מין קיצור שולחן-ערוך, כּדי צו קאָנצענטרירן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע פֿון זײַן שאַפֿן. אוודאי האָט אים דאָס האַרץ ווײ געטאָן, ווען ער האָט געמוזט "בראַקירן" דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע לידער און פּאָעמעס. אָבער, עס איז געווען כּדאַי. אין דעם איצטיקן בוך פֿון קרובֿ צו פֿינף הונדערט זײַטלעך זענען דאָ כּל המינים שהם פֿון זײַן לירישן אויפֿטו, וואָס טראָגן זײַן כאַראַקטער און זײַן נוסח פֿון זאָגן שירה.

דאָס מיינט זײַן רײַכע שפּראַך, וואָס שטײַגט ווײַט איבער דעם באַסאַראַבער ייִדיש-לשון און זײַנע סטילן, וואָס בײַטן זיך, ווי די קאָלירן פֿון רעגנבויגן און זאַפּן זיך אײַן אין דער יצירה, אירע מאָטיוון און אַטמאָס-פֿער. נעמט, למשל, "דאָס פּראָסטע לידל מיט די פּראָסטע גראַמען" פֿון דעם אַלטן שוסטער, אָדער "אין כאַטע" ("אַ קנויל פֿון אַלטע פּעלצן, / פֿון שטיוול און פֿון בלאָטע, / פֿון כראָפּען און פֿון סאָפּען / אין קליינער ענגער כאַטע") און פֿיל אַנדערע עטלעכע און ניט-ענלעכע לידער וואָס פֿאַראייביקן די שטעטלשע העלדן זייער אַרט און האַרט לעבן, אין מוזיקאַ-לישע פֿערזן, וואָס זינגען זיך אַרײַן אין דער נשמה.

מאיר חרץ איז טאַקע דער באַזינגער פֿון די באַסאַראַבישע ייִדן, וואָס זענען "ייִדן אַזוי זיך, מע לעבט אין אַ זײַט זיך / פֿון די אַנדערע ייִדן, ביז וואַנען מען בײַט זיך" איז, אַז ער זאָגט אונדז, אַז שנײַדערײַ איז אַ געזאַנג און ניט קיין מלאכה — דאַרף מען אים גלייבן.

דער מקום איז די פֿאַרגאַנגענע ייִדישע וועלט, און דער זמן — די צײַט — "טרענקט זיך אין דער אייביקייט" און הילט אײַן דעם דיכטער אין אַ פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון לידער. ווען טאָג און נאַכט בײַטן זיך בּסדר איז "ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער...". חרץ ווייסט ווו — אײַן און ווו — אויס און זאָגט בפֿירוש, אַז "שיינע לידער קאָסטן טײַער / הייסע לידער קאָסטן בלוט". הייסט עס, אַז די נאַטירלעכע פֿערזן, די האַרציקע גראַמען און דער געשמאַקער שפּילעוודיקער ריטם, — זייער שרײַבן קומט ניט אָן אַזוי לײַכט און פּשוט, ווי עס דאַכט זיך דעם לייענער.

עס איז דער אַלטער, אייביקער געראַנגל מיטן וואָרט, וואָס נישט תּמיד איז עס בנמצא. טאָ ווי אַזוי געפֿינט מען עס? מען שטעלט זיך אַוועק אויף אַ הויכן — לויט חרצס הסברה — אָרט און מען שטייט אויף דער וואַך ווי אַ סאָלדאַט, להבֿדיל. און דאַן קומט די שעת-רצון: דאָס וואָרט קומט אַליין פֿון אייגענעם ווילן און בעט זיך ממש בײַם דיכטער: נעם מיך און

פֿאַס מיך אַרײַן דאָרטן ווו עס איז מײַן ריכטיקער פּלאַץ, כּדי צו האָבן מײַן תּיקון און כּדי צו מאַכן דאָס ליד שלימותדיק. הערט אַ מעשׂה!

פֿאַראַן שורות וואָס בלײַבן אין זיכּרון. ״אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק״. דאָס דערמאָנט די האַרציקסטע נעילה-תּפֿילה: דער טאָג פֿאַרגייט, די זון גייט אַוועק, לאָז אונדז אַרײַנגיין אין דײַנע טויערן. אין אַזאַ נאַכט קלאַפּן אָפּ חרצס שוועל יִדישע ווערטער פֿון אַלע עקן וועלט, וועלכע זענען געפּסלט געוואָרן דורך אַנדערע דיכטער. מאיר חרץ איז זיך מרחם אויף אָט די יתומדיקע אויסגעמעקטע ווערטער. ער האָט ניט, פּשוט, קיין האַרץ צו לאָזן זיי אויף הפֿקר. שטעלט ער זיי אויס אין רייען און שאַפֿט פֿון זיי אַ געזאַנג, וואָס איז געגליכן צו די ״פֿייגל אין וואַלד״ און צו ״אַ שטיין בײַם זונפֿאַרגאַנג״.

ער האַלט ניט פֿון שיינע ווערטער. ער פֿאַרנעמט זיך מיט די פּראָסטע פּשוטע צירופֿים פֿון די יִדישע אותיות. ער טוט נאָר אַרײַן אין זיי זײַן ברענשטאָף, און זיי ברענען — לײַכטן און וואַרעמען — ביז זיי ווערן אַש. און דאָ קומט דער ווינט און צעטראָגט זיי אויף אַלע שבֿעה ימים, אויף כּלערליי וועגן און שטעגן. מאיר חרץ, ווייסט אַזוי אַרום דעם סוד פֿון אותיות פּורחות.

צוויי לידער ״הײַדוקן״ (מאָלדאַווישער מאָטיוו) און ״גזלנים״ (יִדישער מאָטיוו) ברענגען אַרויס די קאָנטראַסטן צווישן די אמתע גוייִשע און די געמאַכטע יִדישע גזלנים. פֿאָלקסטימלעכע מאָטיוון קומען אַרויס אין אַ קינסטלערישער פֿאָרם, און די הצלחה פֿון דיכטער באַשטייט, טאַקע, אין געפֿינען די ריכטיקע פּאָעטישע ראַם צו אַלטע אָרטיקע מעשׂהלעך.

די ״געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס״ פֿאַרענדיקן זיך מיט ״עפּעס פֿון דער פּאָעמע מאַרקולעשט״ און פֿראַגמענטן פֿון די ציקלען ״אַנפּאַס און אין פּראָפּיל״, וואָס זענען געווידמעט פֿיל יִדישע שרײַבער און בתוכם די הרוגי-מלכות סטאַלין.

(״די צוקונפֿט״, יולי-אויגוסט 1984)

א. שעדלעצקי

דאָס נײַע פּאָעזיע-בוך פֿון מאיר חרץ

״נאָכן סך-הכּל — איינס״ איז דאָס זיבעטע פּאָעזיע-בוך פֿון דיכטער מאיר חרץ, און דאָס אַכטע בוך זײַנס, וואָס דערשײַנט בכלל זינט זײַן באַזעצן זיך אין ירושלים, נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען צו אונדז פֿון דאָרט — פֿון זײַן באַסאַראַבישן יִדישן שטעטל און דער דאָרטיקער שרײַבער-

משפּחה. שוין פֿון דאָרט איז ער געקומען ווי אַן אָנערקענטער און אָנגע-נומענער דיכטער. פֿאַר אַלע יאָרן האָט אָבער דאָרט זײַנס אַ בוך נישט דערזען די שײַן, ווײַל דאָרט איז ווייניק, אַז אַ דיכטער זאָל האָבן טאַלאַנט, שעפֿערישקייט, אַרבעטזאַמקייט און התמדה.

חרץ איז געקומען צו אונדז פֿון בוקאָווינער טשערנאָוויץ. געבוירן איז ער אין אַ מאָלדאַוואַניש דאָרף אין באַסאַראַביע, אויסגעוואַקסן אין באַסאַ-ראַבער יידישן שטעטל מאַרקולעשט — דאָס שטעטל, וואָס ער האָט פֿאַר-אייביקט אין אונדזער ליטעראַטור אין אַ גרויסער פּאָעמע (שוין דערשינען דאָ אין ישׂראל), און זינט דעמלט ווערט אָט די שטעטל-פּאָעמע דערמאָנט צווישן די רעפּרעזענטאַטיווסטע שטעטל-מאָנומענטן. איצט ליגט פֿאַר אונדז זײַן נײַע פּאָעזיע-זאַמלונג, אין וועלכער סע קומען אַרײַן קאַרגע צוויי הונדערט לידער אויף אַלערליי טעמעס און ס׳ווילט זיך אונדז נאָכן איבער-לייענען דאָס בוך מאלף ועד תיו, זײַן אַ שותּף צום מחברס האָפֿענונג, וואָס ער ברענגט אַרויס אינעם אַרײַנפֿיר צום בוך, אַז ״סע וועט זיכער נישט בלײַבן מײַן איינציק בוך ״נאָכן סך-הכּל — איינס״, ווי ער רופֿט אָן זײַן אָנגעזאַמלטן פּאָעזיע-אוצר געשריבענע נאָך זײַן סך-הכּל-בוך ״געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס״.

וואָרעם אונדזער דיכטער מאיר חרץ, ווי מיר קענען אים, איז דווקא ווײַט פֿון אונטערציען סך-הכּלען, פֿון אָפּשליסן און פֿאַרענדיקן קאַפּיט-לען. בײַ זײַנע פֿינעף און זיבעציק (עד מאה ועשרים!) צו וועלכע דאָס בוך איז דערשינען, איז ער אין סאַמע מיטן פֿון זײַן פּאָעטישן שאַפֿן און ער איז אין אָט דער שעפֿערישקייט זײַנער אַזוי אָנגאַזשירט, אַז מיר מעגן פֿון אים נאָך דערוואַרטן נישט ווייניק אויפֿטוען און דערגרייכונגען, כאָטש ר׳ מאיר אַליין דערמאָנט אונדז אין בוך, אַז ער איז אַ זיידע, ווי מיר טרעפֿן דאָס אָן שוין אינעם ציקל לידער אַ ליד אין וועלכן ער נוצט אויס אַגבֿ אַ יידיש וואָרט, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַן אַחיזה בײַ אונדזערע סאַבּרעס. ״קום-זיץ!״ הייסט נעמלעך בײַם סאַברע-סלענג אַ מסיבה, אַ צונויפֿטרעף און דאָס דאָזיקע ליד דאַרף מען לייענען מיט זײַן פֿולן אונטער-טעקסט, וואָס דער מחבר איז מרמז בנוגע דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שײַכותן צווישן די דורות אין לאַנד. איז לאָמיר ברענגען דאָס ליד אָן שום קיצורים:

און איצטער קום, מײַן אייניקל, אַהער און הער,
דײַן זיידע רעדט אַ לשון נישט פֿון הי,
״קום זיץ!״ האָט דאָך אַדורכגעשמוגלט ווער,
קום זיץ אָט דאָ בײַם זיידן אויף די קני.

דעם זיידנס קני — נישט קיין ווייכער זיץ
און נישט קיין פֿעסטער, ווען מע זעצט זיך צו,

דערפֿילט מען גלײַך דעם שאַרפֿן שפּיץ
פֿון יעדער קני באַזונדער, ווען מע זעצט זיך צו.

איז זיצט מען אַזוי לאַנג, ביז מע שפּרינגט אַראָפּ,
מע לאָזט דעם זיידן איבער מיט די קני,
וואָס טוען סײַ ווי ווײ, ווי ס׳טוט אים ווײ דער קאָפּ,
כאָטש קיינער זעצט זיך נישט אויף אים ווי אויף די קני.

און איצטער הער, מײַן אייניקל, וואָס דער זיידע זאָגט,
געדענק די ווערטער, נעם זיי מיט מיט דיר
אין ווײַטן וועג דײַנעם, נעם דיר מיט דעם זיידנס זאָג:
מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע ביינער, מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר!

דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פֿיל שאַפֿונגען פֿונעם דיכטער, כאָטש ס׳איז נישט פֿאַראַן בײַ אים קיין שום באַשטימטער אוניפֿאָרם אָדער רעצעפּט פֿאַר זײַן שאַפֿן. דאָס וואָס דאָמינירט בײַ אים איז, אָן ספֿק, די געמיטלעכקייט פֿון אויסדרוק.

חרץ געהערט צו דעם מין נבֿיאים, וואָס ליאַרעמען נישט און שרײַען נישט. אַלץ ווערט בײַ אים געזאָגט אויף אַ שטילן, איבערצײַגנדיקן אופֿן — דבֿרי חכמים בנחת נשמעים. אָן פֿײַער און ברען. דאָס לאָזט ער איבער פֿאַרן לייענער, יענער זאָל אַרײַן אין עקסטאַז, אויב ער וועט באַאײַנפֿלוסט ווערן, אויב ער וועט פֿאַרדייען און פֿאַרשטייען זײַנע ווערטער, און פֿאַר־שטייען חרצן איז איינע פֿון די לײַכטסטע זאַכן — זײַנע עצם־רייד און זײַן ליריק, וואָרעם ער רעדט נישט כּלל מיטן לשון פֿון פּאָעטן. ער רעדט בּדאמרי אינשי — אַזוי ווי מענטשן רעדן אין גאַס, אָדער ריכטיקער ווי ייִדן שמועסן צווישן זיך, אלא דערנאָך שטורעמט מען אויף, קאָכט מען אויף, סע לאָזט איבער אַ רושם — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס איז שוין נישט זײַן שולד און חטא...

חרץ איז אַ דיכטער, וואָס זינגט וועגן אַלץ און אַלעמען. טייל מאָל, ווען איר בלעטערט דורך זײַנס אַ בוך לידער און לייענט איבער בלויז די קעפּלעך מיט די נעמען פֿון די לידער — וווּנדערט איר זיך: וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן מען שוין זאָגן פּאָעטיש אויף אַזעלכע טעמעס? ווען מע הייבט, אָבער, אָן לייענען די לידער גופֿא, איבערצײַגט מען זיך, אַז פּאָעזיע האָט נישט קיין באַגרענעצונגען. זי קאָן אַרײַנדרינגען אין יעדן ווינקל, ליגט אין אַלץ און אַלעמען — מע דאַרף בלויז נאַטירלעך, דעם דיכטער, וואָס זאָל דאָס "מאַכן"... אָט, למשל, אַ ליד, וואָס אַנטפּלעקט אונדז די וועלט־אַנשויונג פֿונעם דיכטער, זײַן צוגאַנג צום סדר העולם — די "וועלט איז אַ זאַך" —

די וועלט איז אַ זאַך / אויף אייביק, אויף שטענדיק,
פֿאַרברענגסט דעם תּנ״ך / און די וועלט איז געענדיקט.
און דער מדבר איז וויסט / און אויך וויסט זענען הימלען,
נישט קיין מבול פֿאַרגיסט, / נישט קיין תּיבֿה צום שווימען.
נישט קיין פּרעה, קיין ניל, / נישט קיין ארץ גושן,
נישט קיין רחמים, קיין דין, / נישט קיין גואל, קיין משה.
נישט קיין לוחות פֿון גאָט, / פֿון די הימלישע הייכן,
נישט קיין צען געבאָט / מיט פֿײַער געצייכנט.
קיין יהושע בן נון / און קיין שמואל הנבֿיא
און קיין ירמיהו / און קיין טײַכן פֿון בבֿל.
נישט קיין קומען צוריק, / נישט קיין בית שני,
וואָס האָט אונדז באַגליקט / מיט אַ וואַנט אויף צו וויינען.
די וועלט איז אַ זאַך / אויף שטענדיק, אויף אייביק,
נאָר אָן דעם תּנ״ך / און די וועלט איז ליידיק.

לײַכטקייט פֿון פֿערז, אייגענער נוסח, פּשוטער סטיל דערנענטערן אָפֿט חרצעס שאַפֿן צום פֿאָלקס-ליד. דאָס איז פֿאַר דיכטער אַ גרויסע מעלה, אָבער אויך אַ געפֿאַר. בײַ חרצן, אָבער, מערקט זיך, אַז דער דיכטער הערשט גוט איבער זײַן שאַפֿן און ווייסט די גרענעץ. איז, לאָמיר, אדרבא, לייענען נאָך איין ליד פֿון דעם מין — ״שחרית״:

ירושלים של מעלה קוקט אַראָפּ
און ציילט די אײַנוווינער אונטן,
אַ שטערנדל אויף איעדן קאָפּ
באַהאַלט זיך אין הימלישע גרונטן.

ירושלים של מטה קוקט אַרויף
מיט אויפֿגעעפֿנטע אויגן,
אַ פֿרומער בליק זיך שרויפֿט און שרויפֿט
אַרויף ווי אַ פֿײַל פֿון אַ בויגן.

און אַז ער גרייכט די העכסטע הייך,
צעשפּרייט ער זיך אין די ברייטן
און אויף אַ וואָלקנדל, וואָס איז ווייך
און קוקט אויף אַ פֿעלד אַ פֿאַרזייטן.

ער לייגט זיך אַרויף מיט דער גאַנצער וואָג,
ביז וואַנען סע גייט אַ רעגן
אויך אין דער שטאָט אין יענעם פֿאַרטאָג
און אין דער גאַנצער געגנט.

אין די ערשטע יאָרן נאָך חרצעס קומען אין לאַנד אַריַין, ווען מיט אַ מאָל כּמעט, זענען דערשינען זייַנע פּיר בענד פּאָעזיע, האָבן זייַנע קאָלעגן אים געקיבעצט און געזאָגט: וואָס איז דאָס ווונדער? אַלע יאָרן ביַי די סאָוועטן, חוץ די עטלעכע יאָר פאַרשיקונג, האָט ער געהאַלטן אין איין שרייַבן, פאַרן שופלאָד, נאַטירלעך, האָט ער דעריבער אַזאַ גרויסן רעזערוו פון וואָנען אַרויסצוגעבן איין בוך נאָכן אַנדערן. דערוויַיל האָבן מיר שוין פאַר זיך אויך אַ גרויסן אויסוואַל פון שאַפונגען, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געקענט געשאַפן ווערן מחוץ ירושלים. חרץ איז הייַנט אין אַ גרויסער מאָס אַ ירושלימער דיכטער, וויַיניקסטנס אַ דיכטער פון אַ ירושלימער טאָגטעגלעכקייט. ער איז אויך נישט טויב צו די אַלגעמיינע געשעענישן אין לאַנד און אין זיַין ליד הערן זיך אָפּקלאַנגען פון אַקטועלע געשעענישן און חילוקי דעות, ווי, למשל, דאָס ליד "איך וואָלט אויבעט וועלן":

איך וואָלט אויבעט וועלן / רעדן שיינע רייד, / ווי אַ טויב זיך שטעלן / און פאַר קינד און קייט. / וועגן ליבשאַפט זינגען / ווי אַ סאָלאָוויי, / וועגן שלום קלינגען / צווישן אונדז און זיי. / איך קען אויבעט רעדן / שענער נאָך פון אייַך, / זאָרגן זיך פאַר יעדן / פרייַנד און פייַנד צו־גלייַך. / אָבער ווער וועט צאָלן / פאַר דער נאַרעריַי, / פאַרן קוק דעם שמאָלן / גלייַך ביסט נישט דערביַי? / פאַרן זען פון ווייַטן / אַנדערש ווי סע איז, / ווי מע זעט אין לאָנדאָן, / מאָסקווע צי פּאַריז? / וועמען וועט מען שטראָפן? / גרויס איז אייַער חטא — / אָבער איר וועט שלאָפן / אין אַ פרעמדן בעט. / און מיר וועלן דאַרפן / צאָלן אויך פאַר אייַך, / זיך אין פייַער וואַרפן / גרויס און קליין צוגלייַך. / און מיר וועלן לעשן / ביזן לעצטן פונק, / נאָכן פונק דעם לעצטן / שאַרפן מיר די צונג. / און מיר רעדן מאָרגן / ווי איר רעדט עס הייַנט / און ווי איר מיר זאָרגן / פאַרן ערגסטן פייַנד.

צום סוף בוך קומט אויך אַריַין אַ ציקל איבערזעצטע פּאָעטישע שאַפונגען פון די רומענישע דיכטערס מיכאַי עמינעסקו און ב. פונדאַיאַנו, פון אַנאַטאָלי דאַבריאַנסקי (אוקראַיִניש) און רייַנער מאַריאַ רילקע (דייַטש). צום סוף 6 לידער פון דער דיכטערין־מאַרטירערין פון טשערנאָוויץ, זעלמאַ מערבוים־אייַזינגער — אַן אמתער חסד־של־אמת פאַר דער יונג־אומגע־בראַכטער ייִדיש־דייַטשישער דיכטערין און צו איר זכּרון.

און לסוף: — פאָלקסטימלעכקייט, עכטקייט, דירעקטקייט, געמיטלעכ־קייט, היימישקייט און אַ שלל הומאָר — אויך דאָס איז אַ וויכטיקער עלע־מענט אין חרצעס ליד, — אַט דאָס אַלץ האָבן מיר בשפע אין זייַנע פריערדיקע ביכער, און אויך דאָס נייַע בוך איז פול מיט דעם, איז לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער וואָרט וועגן חרצעס נייַ בוך מיט ציטירן איינע פון די

לידער, אַ ליד מיט וועלכן מיר אידענטיפֿיצירן זיך פֿולקאָם, מיטן דיכטערס "רחמנות" —

> אַ רחמנות אויף די גויים, וואָס קענען מײַנע לידער נישט לייענען, / אַ גרויס רחמנות אויף ייִדן, וואָס קענען נישט קיין ייִדיש, / און נאָך אַ גרעסער רחמנות אויף די, וואָס קענען ייִדיש און קענען לייענען / און ווילן נישט קענען לייענען און ווילן נישט קענען קיין ייִדיש. /// זיי לעבן זיך אויס דאָס לעבן אָן כאָטש איין מאָל פֿאַרזוכן / דעם טעם פֿון אַ וואָרט פֿון חרצן, דעם טעם טעם פֿון ייִדישע ווערטער, / זיי קענען דעם טעם פֿון הערינג, זיי קענען דעם טעם פֿון קוכן / און לאָזן איבער די ווערטער פֿאַר דעם, וואָס וועט אַ מאָל זוכן / דעם טעם פֿון אַ וואָרט פֿון חרצן, דעם טעם פֿון ייִדישע ווערטער.

("פֿאָלק און ציון" נומ' 80, מאַי-יוני 1988)

יצחק לודען

"נאָכן סך-הכּל-2, משלים'דיקע לידער"

נאָכן ערשטן "נאָכן סך-הכּל — איינס" איז ענדלעך געקומען דער "נאָכן סך-הכּל — צוויי", ווי דער נאַטירלעכער המשך פֿון ערשטן, און ווי דאָס 9-טע פֿון זײַנע ביז-איצט דערשינענע ביכער אין ישׂראל זינט ער איז געקומען אַהער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אין 1972. ווי יעדער ייִדישער שרײַבער און דיכטער פֿון "דאָרטן" — געקומען אַהער מיט אַ ביאָגראַפֿיע, מיט "אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער פֿאַרגאַנגענהייט" און מיט אַן אָפּגע-זעסענעם "סראָק" אין דעם קאָמוניסטישן דערציִערישן גן-עדן. ער האָט אָבער געברענגט מיט זיך אַ גרויסע דאָזע פֿון אָפּטימיזם אין די לײַכט קלינגענדיקע פֿערזן פֿון זײַנע לידער און משלים אָדער דיכטעריש געגראַמטע "ווערטער-ביכלעך". אין די לידער פֿון מאיר חרץ געפֿינען מיר די לײַכטקייט פֿון קלאַנג, הײַטערקייט פֿון ריטעם און שפּילעוודיקייט פֿונעם וואָרט. אין קעגנזאַץ צו זײַנע פֿריִערדיקע פֿילזײַטנדיקע לידער-זאַמלונגען, איז דער איצט דערשינענער "נאָכן סך-הכּל — צוויי" צוזאַמען מיט די "משלים'-דיקע לידער" אַרויסגעקומען אין אַ סך אַ קלענערן פֿאַרנעם, אין ווייכן, הגם טאָפּלטן און פֿײַן געפֿאָרעמטן אײַנבינד. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל דער מחבר האָט דאָס מאָל באַשלאָסן, אַז לידער מוזן נישט דערשײַנען אויף קיין

באַזונדערע זײַטלעך — און אויף דעם אופֿן האָט ער זיך אײַנגעשפּאָרט "לופֿט-געלט", ווי ער קלערט דאָס אויף אין דעם אַרײַנפֿיר-זײַטל אין דעם בוך מיט דער זעלבער וואָרטשפּילעוודיקייט און מיטן זעלבן לײַכטן הומאָר, מיט וועלכן ער בויט זײַנע לידער.

("לעבנס-פֿראַגן", נומ' 458-457, מאַי-יוני 1990)